STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02036

# SHALOM ASH'S NAYER VEG

Abraham Cahan

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# שלום אַש׳ס נייער וועג

פון אב. קאַהאַן

ניו-יאָרק, 1941

200

.1

## פריהער פון אַלץ מוז מען קלאָר מאַכען דאָס פאָלגענדע :

די אָפּהאַנדלונג, וואָס איך שרייב דאָ, באַציהט זיך אויף פיער פון שלום אַש׳עס שאַפונגען — דער „גאַזאַרין״, „מיין ענטפער״ (אַן אַכט־קאָלומדיגער אַרטיקעל וואָס אַש האָט געהאַט אין „פאָרווערטס״ אַלס ענטפער צו די קריטיקער פון זיין „גאַזאַרין״); „דהי גילטי וואָנס״ (די שולדיגע), אַן אַרטיקעל אין „אַטלאַנטיק מאָנטהלי״, און זיין בוך „וואָט אַי ביליוו״ (וואָס איך גלויב) — און אויף אינטער־וויוס אין אַמעריקאַנער צייטונגען און אַן אַרטיקעל אין אַ פאַריזער וואָכענשריפט.

איך האָב וועגען די אַלע שאַפונגען שלום אַש׳עס געהאַט אַרטיקלען אין „פאָר־ווערטס״, אָבער די איצטיגע אָפּהאַנדלונג איז אין גאַנצען אַ ניי ווערק. איך וויל איצט זיין אַ סך אויספירליכער און אָפענהערציגער. עס איז אַ ניי ווערק מיט נייע גע־דאַנקען, מיט אַ נייער גרינדליכקייט. מיט נייע געדאַנקען מיין איך דאָ אַזעלכע, וועלכע איך האָלט די גאַנצע צייט פאַר וויכטיג אַרויסצוזאָגען וועגען אַש׳עס לעצטע שריפטען און זיין נייע טעטיגקייט, וועלכע איך האָב אָבער פריהער ניט געהאַט קיין צייט, אָדער קיין חשק, אויסצודריקען שריפטליך. ווען די לאַגע איז נאָך געווען ניי, האָט מען אָפענער צו רעדען וועגען איר אויסגעמידען. ס׳איז געווען אונאַנגענעם. די פליכט אַרויסצוקומען מיט׳ן פולען אמת איז אָבער געוואַקסען.

דער באַשלוס די אָפּהאַנדלונג אַרויסצוגעבען אין דער איצטיגער פאָרמע איז הויפּטזעכליך דער רעזולטאַט פון שריפטליכע און מינדליכע ווענדונגען צו מיר. די לעצטע צייט קומען אָפט אָן פאָרשלאַגען איך זאָל שרייבען נאָך אַרטיקלען וועגען שלום אַש׳עס נייער ריכטונג. אין „פאָרווערטס״ איז וועגען דעם ענין שוין אָבער גענוג געשריבען געוואָרען; און אַ חוץ דעם איז ווינשענסווערט, אַז אַ גרינדליכע באַטראַכטונג פון דעם געגענשטאַנד זאָל געגעבען ווערען ניט אין פאָרטזעצונגען נאָר אַלס אַ גאַנצע זאַך.

***

איך האָב קיינמאָל ניט געהאַט קיין אונפריינדליכע געפילען צו שלום אַש׳ען פערזענליך. מיר קענען זיך שוין איבער דרייסיג יאָר און אין דער גאַנצער צייט האָט קיינמאָל ניט געטראָפען, אַז אונזערע באַציהונגען זאָלען ווערען איבערגעריסען אויף אַן ערענסטען שטייגער. אַ קורצע צייט פאַר דער ערשיינונג פון זיין „נאַזאַרין״ האָב איך וואַרעם געלויבט זיין ראָמאַן „דאָס געזאַנג פון טאָל״. די איצטיגע סיטואַציע איז אַ רעזולטאַט פון די אויבען־אָנגערופענע ביכער, אַרטיקלען און אינטערוויוס זיינע און אויף דער ראָלע אַלס רעליגיאָנס־רעפאָרמער אין וועלכער ער האָט זיך אַריינגעלאָזען זינט דער ערשיינונג פון זיין יעזוס ראָמאַן. קיין פערזענליכער עלע־מענט איז דערביי ניטאָ, און קען ניט זיין. דער אינטערעס איז דורכאויס

אַ גייסטיגער און אַ אידיש־סאָציאַלער. זיין נייער וועג פאַרשאַפט מיר שמערצען, און איך בין ניט דער איינציגער וואָס פילט אַזוי.

***

איך בין אַבסאָלוט ניט רעליגיעז — אַ פריידענקער אין דעם פולסטען זין פון וואָרט. אַזוי זיינען מייסטע ראַדיקאַלע מענשען. צווישען אידען אין אַמעריקע איז אַ היבשער פּראָצענט רעליגיעז; ריכטיגער געזאָגט, מעהר אָדער ווייניגער רעליגיעז. כשרות האַלט גאָר אַ גרויסער פּראָצענט אידען. מילה היטען אָפּ כמעט אַלע אידען. דאָס ווערט אָבער אין מייסטע פאַלען באַטראַכט אפשר מעהר אַלס אַ נאַציאָנאַלער מנהג ווי אַלס אַ רעליגיעזער.

צו דער אידישער אמונה האָבען מיר אַן איינגעוואָרצעלטען רעספּעקט, ווייל דאָס איז די אמונה פון אונזערע עלטערען און אור־עלטערען. מיר אַכטען דעם אי־דישען גלויבען אַלס די טראַדיציע פון אונזער פאָלק. דער געפיל איז אַ טיפער און אַן אינטימער.

מיר רעספּעקטירען ענליכע געפיהלען ביי רעליגיעזע קריסטען, וואָרים ביי זיי איז זייער רעליגיע אויך אַ טראַדיציע פון זייערע אור־עלטערען. צו אונז אידען האָט זייער גלויבען אָבער קיין שייכות ניט. און קריסטען, פון זייער זייט, האָבען צו אונז פּונקט אַזאַ באַציהונג, אין אַזעלכע ליבעראַלע לענדער ווי אַמעריקע אָדער ענגלאַנד, ווייניגסטענס. אַז מיר זאָלען אָננעמען זייער רעליגיע ערוואַרטען זיי גאָר פון אונז ניט. זיי דריקען דאָס אויס אויף פאַרשידענע אַרטען.

אין די פאַראייניגטע שטאַטען איז פאַראַן אַ ספּעציעלע אָרגאַניזאַציע פון אידען און קריסטען, וועלכע זיינען פאַראייניגט מיט אַן אָפּמאַך, אַז איינער זאָל ניט פּרוּווען באַקערען דעם אַנדערען. און דאָס איז אַ גרויסע און באַרימטע אָרגאַניזאַציע. איר ציל באַשטעהט אין דעם, אַז קריסטען און אידען זאָלען לעבען צווישען זיך ווי ברידער, אויף אַן עכט דעמאָקראַטישען שטייגער, אָט טאַקע אַלס קריסטען און אידען. די געזעלשאַפט הייסט „קאָנפערענס אָוו קריסטשענס ענד דזשוס". איר גרינדער איז דער הויפּט ריכטער פון דעם העכסטען געריכט אין לאַנד, דער באַרימטער און אַלגעמיין באַליבטער טשאַרלס עווענס יוהז, טשיף דזשאַסטיס אָוו דהי יונאַיטעד סטייטס, און איר אַקטיווער דירעקטאָר איז דר. עדוואַרד קלינטשי. אָבער צי אַן אַמעריקאַנער באַלאַנגט צו דער דאָזיגער אָרגאַניזאַציע צי ניט — די פּרינציפּען, וועלכע זיינען איר פונדאַמענט, זיינען אויך דער פונדאַמענט פון געפילען ביי אַ גרויסער, גרויסער מאַיאָריטעט פון אַמעריקאַנער.

די קריסטליכע רעליגיע איז אונז אידען פרעמד און וועט בלייבען פרעמד. אַנדערש קען עס ניט זיין. דאָס האָט אָבער ניט צו טאָן מיט אונזערע באַציהונגען צו קריסטען אַלס בירגער און אַלס מענשען און מיט זייערע באַציהונגען צו אונז.

אַ איד בלייבט אַ איד אַפילו ווען ער איז אַן אַטעאיסט. ער הערט אָבער אויף צו זיין אַ איד ווען ער נעמט אָן אַן אַנדער גלויבן. האַלטען צוויי גלויבענס צו דער זעלבער צייט קען מען ניט.

***

ווען אַ באַקאַנטער אידישער שריפטשטעלער פאַרעפענטליכט אַזאַ ווערק ווי „דהי נאַזאַרין" איז דאָס אַ זעהר אונגעוויינליכע ערשיינונג, אַ שטוינענדע ערשיינונג.

שלום אַש'עס אַכט־קאַלומדיגער „מיין ענטפער" צו זיינע אידישע קריטיקער,

וועלכער איז געווען געדרוקט אין „פאָרווערטס" דעם 6טען אַפּריל, 1940, איז גאַנץ ווייט פון אַן ענטפער. איך האָב אויף דעם אָנגעדייטעט מיט עטליכע העפליכע שורות אין אַן אַרטיקעל. צו דער אמת'ער פראַגע האָט אַש אין זיין ענטפער זיך כמעט ניט צוגערירט. בלויז עטוואָס מער ווי אַ דריטעל קאָלום פון די אַכט האָט ער אָפּגעגעבען צו עפּעס אַזוינס, וואָס האָט אַ געוויסע שייכות צום הויפּט ענין. דאָס איבעריגע איז פאַרנומען מיט באַקלאָגען זיך אויף זיינע קריטיקער, הויפּטזעכליך אויפ'ן „פאָרווערטס". ער רעדט מיט האַס, מיט גאַל, און אַנשטאָט צו קומען צום פונקט לאָזט ער זיך אַריין אין באַהויפּטונגען און טענות, וועלכע שטימען ניט מיט דער ווירקליכקייט און האָבען ניט קיין שייכות צו דעם ענין. דעם דאָזיגען דריטעל קאָלום — פינקטליכער גערעדט, פופציג שורות — וועלען מיר אַנאַליזירען ביים ענד פון אונזער אָפּהאַנדלונג. דאָ וועלען מיר בלויז באַמערקען, אַז יענע שורות ענטהאַלטען אַ פאָרשלאַג וועגען פאַראייניגען אידישע שולען מיט קריסטליכע קירכען, און אַז דעם זעלבען פאָרשלאַג האָט אַש געמאַכט אין אַמעריקאַנער צייטונגען און אין אַן אַמעריקאַנער זשורנאַל. אויף ענגליש האָט ער אים אָבער אויסגעדריקט קורץ און שאַרף, קלאָר און דייטליך, ווערענד אין „פאָרווערטס" האָט ער דאָס געטאָן אין אַ שפּראַך, וועלכע פאַרשלייערט און פאַרבאָרגט איר אייגענעם זין.

אין וואָס באַשטעהט דער ווירקליכער ענין? אין דעם, וואָס אידען אָנערקענען ניט יעזוס'ען אַלס אַ הייליגען געטליכען מאַן און שלום אַש אָנערקענט אים יאָ; אויך אין דעם, וואָס אידען אָנערקענען ניט דעם הייליגען בוך פון דער קריסטליכער רעליגיע (דעם נייעם טעסטאַמענט) און שלום אַש אנערקענט אים יאָ. ניט נאָר אָנערקענט ער דעם, וועלכער רעכענט זיך פאַר דעם גרינדער פון דער קריסטליכער רעליגיע, און ווייזט אַרויס אַ הויכע באַגייסטערונג פאַר אים, נאָר ער שטעלט אים העכער פאַר משה'ן און אויך העכער פאַר די אידישע נביאים. אויף וועלכען אַרט ער טוט עס און אויף וועלכען אַרט ער ווייזט אַרויס זיין טרייהייט צו דעם הייליגען בוך פון דער קריסטליכער רעליגיע, וועט דער לעזער זעהן ווייטער אין אונזער אָפּ־האַנדלונג.

אין די קנאַפּע צוויי טויזענד יאָר, וואָס די קריסטליכע רעליגיע עקזיסטירט, האָבען מיליאָנען אידען זיך מוסר נפש געווען מיט דעם וואָס זיי האָבען זיך ענטזאגט זי אָנצוערקענען; און ער, שלום אַש, פירט פראָפּאַגאַנדע פאַר דעם דאָזיגען גלויבען אין זיין „נאַזאַרין", אין אַמעריקאַנער צייטונגען, אין אַן אַמעריקאַנער זשורנאַל און אין אַ פראַנצויזישער וואָכענשריפט אין וועלכער עס איז ערשינען זיינער אַן אַרטיקעל, און אין זיין בוך „וואָט אַי ביליוו".

אין פילע פלעצער פון זיינע צוויי ביכער און פון זיינע אַרטיקלען ווייזט ער אַרויס זיין קריסטליכקייט אַזוי שאַרף, אַז שאַרפער וואָלט אַ בישאָף דאָס ניט געקענט אַרויסווייזען.

*
**

די קריטיקער פון דער אַמעריקאַנער פּרעסע זיינען מיט דער סיטואַציע ניט באַקאַנט. זיי האָבען דעם „נאַזאַרין" געלויבט. די קריטיקער פון דער טעגליכער אידישער פרעסע האָבען דעם בוך איינשטימיג אַרונטערגעריסען. עס זיינען ערשינען מער ווי צו איין אַרטיקעל אין יעדער טעגליכער אידישער צייטונג פון ניו יאָרק. יעדער פון זיי מיט אַ געגנערישן אינהאַלט.

מאַנכע אַמעריקאַנער קריטיקער האָבען דעם בוך באַטראַכט אַלס אַ בעלע־טריסטיש ווערק, ניט מער. אַ פּאָר פון זיי האָבען זיך אויסגעדריקט, אַז דאָס איז אַ ווערק פון אַ ליטעראַרישען טרוימער, פריי פון אירגענד וועלכער אַנדערער ריכטונג, נייגונג אָדער שטרעבונג.

וואָס זאָגט אָבער אַש אַליין אויף דעם? ער ערקלערט גאַנץ אויספירליך דעם צוועק, דעם איינציגען צוועק, וואָס ער האָט געהאַט אין זינען ווען ער האָט זיך גענומען שרייבען דעם „נאַזאַרין". דער דאָזיגער ערקלערונג זיינער מוז מען נאַטירליך שענקען אויפמערקזאַמקייט. מיר ווילען דאָס טאָן. מיר ווילען אָפּגעבען אַ גאַנצען קאַפּיטעל אויף דעם. די דאָזיגע ערקלערונג געפינט זיך אין זיין „ענטפער".

מיין הויפּט וואונש איז קלאָר צו מאַכען דעם אמת'ן אמת. ווארים וועגען „נאַזאַרין" הערשט אַ זאַנדערבאַרער מיש־מאַש אין אַ סך מוחות. דאָס בוך לעזט זיך זעהר שווער. דאָס איז דאָס שווערסטע ווערק פון אַלץ, וואָס שלום אַש האָט געשריבען — דאָס שווערסטע און דאָס לאַנגווייליגסטע. ווארום דאָס איז אַזוי איז לייכט צו ערקלערען. איינער פון זיינע אידישע קריטיקער האָט עס אַרויס־געזאָגט. ער האָט אַנגעוויזען, אַז שרייבענדיג דאָס בוך האָט אַש ניט געהאַט קיין פרייע בעלעטריסטישע האַנט. ער האָט געהאַט אַנדערע כוונות, וועלכע האָבען אים שטאַרק געשטערט אַלס קינסטלער.

דער רעזולטאַט איז, אַז אַ קליינער פּראָצענט פון די, וואָס האָבען געלייענט דאָס בוך האָבען אים ווירקליך דורכגעלייענט. אַ גרויסע מאַיאָריטעט פון די אידישע לעזער, וויניגסטענס, גיבען עס אָפען צו. זיי האָבען אַ סך געהיפּט ביז זיי האָבען זיך באַנוגענט מיט דורכבלעטערען דאָס איבעריגע.

אַ קלאָרען באַגריף אַלזאָ פון דעם „נאַזאַרין" האָבען זעהר, זעהר וויניג מענשען.

איין צוועק פון מיין אָפּהאַנדלונג איז באַקאַנט צו מאַכען די לעזער מיט דעם אמת'ן כאַראַקטער פון דעם בוך.

***

אין „מיין ענטפער" צו זיינע קריטיקער זאָגט אַש: „דאָס בוך „דער מאַן פון נצרת", ווי עס הייסט אויף אידיש („דהי נאַזאַרין", אויף ענגליש) האָב איך אי־בערגעגעבען צו דער צייט אין „פאָרווערטס" צום דרוקען. עס איז אַ סוד פאַר גאַנץ בראָד, אַז דער רעדאַקטאָר האָט מיר געראַטען דאָס בוך ניט צו שרייבען און ניט צו דרוקען".

אַז ער האָט דעם אידישען מאַנוסקריפּט איבערגעגעבען צו דער צייט צום „פאָר־ווערטס" צום דרוקען שטימט ניט מיט'ן אמת; ווארים אונז האָט ער צוגעשיקט נאָר אַ טייל פון דעם ערשטען טייל (דאָס גאַנצע ווערק באַשטעהט פון דריי טיילען און דער דריטער איז כמעט אַזוי גרויס ווי די ערשטע צוויי צוזאַמענגענומען), און דאָרטען האָט זיך וועגען יעזוס'ען נאָך ניט געהאַנדעלט. זיין נאָמען ווערט אָפּילו ניט דערמאָנט. און מער האָט ער אונז ניט צוגעשיקט. האָט ער דאָס באַטראַכט פאַר אַ ריכטיגען סעמפּעל פון זיין בוך? פאַרוואָס האָט ער מורא געהאַט אונז צו ווייזען זיין יעזוס'ען?

לאָמיר אָבער אויף אַ מינוט אָננעמען, אַז ער האָט אונז ווירקליך צוגעשיקט דעם גאַנצען מאַנוסקריפּט. האָט ער טאַקע געגלויבט, אַז מען קען דאָס דרוקען אין אַ אידישער צייטונג און אַז דער עולם וועט עס אַראָפּשלינגען?

אַן ענליכען איינדרוק מיהט ער זיך צו מאַכען ריידענדיג וועגען אַ קאַפּיטעל פון דעם זעלבען ווערק, וואָס ער האָט געשיקט צום וואַרשעווער „היינט".

„דאָס גאַנצע בוך וואָלט זיך אַודאי ניט געקענט דרוקען אין „היינט", — שרייבט ער אין זיין „ענטפער". — „ניט צוליב דער צענזור פון אידען נאָר צוליב דער צענזור פון קריסטען און פון דער קאַטוילישער קירכע אין פּוילען".

און די צענזור פון די פּוילישע אידען? לאָמיר זיך פאָרשטעלען אַז אין פּוילען איז קיין אָפיציעלע צענזור ניטאָ, אַז די דאָרטיגע פּרעסע איז פריי ווי אין אַמעריקע, און אַ אידישע צייטונג דרוקט זיין יעזוס בוך. וואָלט די צענזור פון דער אידישער עפענטליכער מיינונג אים געמאַכט באַנקעטען לכבוד דעם בוך? שטעלט זיך אים גאָרניט פאָר, אַז דער אידישער עולם פון פּוילען וואָלט אַזאַ צייטונג אין חרם אַריינגעלעגט?

.2

# „דער איינציגער קוואַל" פון אינפאָרמאַציע וועגען יעזוס'ען.

ריידענדיג וועגען דעם נייעם טעסטאַמענט, זאָגט שלום אַש אין „מיין ענטפער" צו זיינע קריטיקער, אַז דאָס איז —

„דער איינציגער מקור פאַר אַלע, וועלכע וועלען זיך אָפּגעבען מיט דער טעמע". וואָרים „קיין אַנדערע קוואַלען פון דעם לעבען און טעטיגקייט פון ישו הנוצרי האָבען מיר ניט".

מיט דער „טעמע" מיינט ער דעם יעזוס ענין, די יעזוס געשיכטע. און וואָס ער זאָגט דאָ, איז פולשטענדיג ריכטיג, וואָרים דער נייער טעסטאַמענט, די „תורה" פון דער קריסטליכער רעליגיע, איז דער בוך וואָס ענטהאַלט די אָריגינעלע מעשה וועגען יעזוס'ען. עס איז אַ זאַמלונג פון פאַרשידענע רעליגיעזע שריפטען, ערצעה־לונגען. זיי זיינען ניט אַרויסגעגעבען געוואָרען אַלע מיט אַ מאָל, נאָר ביסלאַכווייז, און די הויפּט געשעהענישען ווערען אין דעם בוך ווידערהאָלט צו עטליכע מאָל. אָבער דער טייל זיינער וואָס איז ערשינען דער ערשטער, איז געווען די שריפט פון וועלכער מען האָט צום ערשטען מאָל געהערט וועגען אַ מאַן מיט'ן נאָמען יעזוס, פון זיין וואונדער לעבען און פון זיין מאַרטירער־טויט.

באַטראַכט אָבער: ווען מען רעדט וועגען אַ קוואַל פון אינפאָרמאַציע, מיינט מען היסטאָריע. און דער נייער טעסטאַמענט איז ניט היסטאָריע נאָר דורכאויס רעליגיע. ער איז פול מיט נסים און מופתים, פול מיט לעגענדעס מיט אוננאַ־טירליכע ערשיינונגען; און, ווען אַש ערקלערט, אַז דאָס איז דער איינציגער קוואַל פון אינפאָרמאַציע וועגען יעזוס'ען, גיט ער צו אַז אַ היסטאָרישען מאַטעריאַל וועגען יעזוס'ען איז אונמעגליך צו געפינען. און אַזוי איז דאָס טאַקע: קיין היסטאָרישער מאַטעריאַל וועגען אַ געטליכען מאַן מיט'ן נאָמען ישו (יעזוס), פון דעם שטעטעל נצרת, איז אַבסאָלוט ניטאָ. ער גיט צו אַז ער נעמט אָן די אַלע מעשיות, מיט די נסים און מופתים פון דער קריסטליכער רעליגיע און גיט זיי אין זיין ווערק „דהי נאַזאַרין", ניט פרעגענדיג קיין קשיות. היסטאָריקער פרעגען אָבער יאָ קשיות. זיי פאָרשען, זיי זוכען און אונטערזוכען, זיי דיסקוטירען. און דער רעזולטאַט איז

אַז זיי ערקלערען דעם נייעם טעסטאַמענט פאַר אַ זאַמלונג פון לעגענדעס, „מיטהס״, מעשיות, וועלכע האָבען קיין ממשות ניט און אין וועלכע עס פילט זיך אָפּט אַן אַנטיסעמיטישע האַנט.

פאַראַן קריסטליכע גייסטליכע וואָס זאָגען אָפען אַז זייער רעליגיעזער גלויבען אין יעזוס׳עס געטליכקייט איז פאַר זיי וויכטיגער ווי צו קענען דאָס באַווייזען דורך היסטאָרישע פאַקטען. דער ענגלישער געלערטער דזש. מ. ראָבערטסאָן, וועלכער איז בארימט מיט זיינע פאָרשונגען וועגען דעם עניין, ברענגט די פאָלגענדע ווערטער פון דעם פאַרשטאָרבענעם לאָנדאָנער בישאָפּ טשאַרלז גאָר:

„צי מען זאָל אָננעמען די יעזוס געשיכטע, איז אַ פראַגע פון ג ל ו י ב ע ן. מיט היסטאָרישע פאַקטען איז דאָס אונמעגליך צו באַווייזען״.

ער גלויבט, אַז עס איז געוועזן אַ יעזוס און אַז אַלץ וואָס דער נייער טעסטאַמענט דערצעהלט וועגען אים איז אמת. קיין היסטאָרישע באַווייזען זיינען ניטאָ. ער נויטיגט זיך אין זיי אָבער ניט. אָהן גלויבען וואָלטען זיי סיי ווי סיי קיין באַדייטונג ניט געהאַט. און ער ג ל ו י ב ט. אַלזאָ דאַרף ער זיי ניט האָבען.

וואָס־זשע הייסט עס, ווען אַש זאָגט, אַז קיין אַנדערע אינפאָרמאַציאָנס קוואַלען ווי דער נייער טעסטאַמענט איז וועגען יעזוס׳ען ניטאָ? וואָס הייסט דאָס, ווען דערביי ווייזט ער אַרויס פולשטענדיגע טרייהייט צו דעם דאָזיגען „איינציגען קוואַל״ וועלכער איז ניט היסטאָריע נאָר רעליגיע? עס הייסט, אַז ער שטעהט אויף דעם זעלבען באָדען ווי בישאָפּ גאָר. עס איז ביי אים אויסשליסליך אַ פראַגע פון גלויבען און אַזוי האַלט ער זיך, אַש, אין זיין „נאַזאַרין״ דורכאויס. אויב ניט, וואָלט ער ערקלערט: „קיין אַנדערע אינפאָרמאַציע ווי די רעליגיעזע איז ניטאָ, און דאָס איז נאַטירליך קיין אינפאָרמאַציע ניט״. ער טוט דאָס אָבער ניט.

ער דערצעהלט די יעזוס מעשה שטרענג נאָך די פיר הייליגע יעוואַנגעליומס. ער נעמט אָן די לעגענדעס פון די דאָזיגע הייליגע שריפטען מיט די ניסים מיט אַלעמען; און מייסטע קריטיקער פון די קריסטליכע זשורנאַלען לויבען איהם שטאַרק דערפאַר.

ניט אומזיסט מאַכט שלום אַש׳עס „נאַזאַרין״ אויף פילע אַמעריקאַנער גלחים אַן איינדרוק אַז ער איז אַ גוטער, גלויביגער קריסט.

ווי באַלד אָבער ער גלויבט אַזוי אין דעם נייעם טעסטאַמענט, איז דאָך זיין ערקלערונג אַז קיין אַנדער קוואַל איז ניטאָ, גאַנץ איבעריג; ווארים ווי וואָלט געוועזן, אַז עס וואָלט זיך יאָ געפונען אַן אַנדער קוואַל פון אינפאָרמאַציע, וואָלט ער דען זיך באַנוצט מיט אים? ער איז אַזוי באַגייסטערט פאַר דעם יעזוס, וועגען וועלכען עס ווערט דערצעהלט אין דעם נייעם טעסטאַמענט, אַז עס שאַפט זיך אַ געפיל, דאָס ער וואָלט אים אָנגענומען מיט באַגייסטערונג סיי ווי סיי.

אין די שריפטען, אָדער דאָקומענטען פון דער יעזוס צייט, ווי מען רופט עס, ווערט יעזוס אַפילו ניט דערמאָנט און אויב ער ווערט יאָ דערמאָנט ווערט באַוויזען, אַז דאָס איז אַ פעלשונג, — שורות וואָס זיינען אַריינגעשטעלט געוואָרען אין אַ שפּעטערען דור אין די אינטערעסען פון דער קריסטליכער קירכע.

צו זאָגען, אַז מען מוז זיך אינגאַנצען פאַרלאָזען אויף דעם נייעם טעסטאַמענט ווייל קיין אַנדערע קוואַלען פון אינפאָרמאַציע וועגען יעזוס׳ען זיינען ניטאָ — דאָס

קלינגט אַזוי ווי מען זאָל זאָגען, אַז מען מוז אין שול ברענגען אַ גלח צו כל נדרי ווייל קיין חזן קען מען ניט קריגען.

דאָ קומט אָבער אויס, אַז אַש גלויבט טאַקע אַז מען דאַרף אַ גלח און ניט קיין חזן; אַלזאָ ווען עס וואָלט אַפילו געווען אַ חזן, וואָלט מען אַלץ גענומען דעם גלח.

***

קשיות קען מען נאַטירליך פרעגען אויפ'ן אידישען תנ"ך אויך. ער געהערט אָבער צו אַ פיל פריהערדיגער צייט, צו אַ ווייטער, ווייטער פאַרגאַנגענהייט, ווען היסטאָרישע פאַקטען און לעגענדעס זיינען גאַנץ אָפט געווען צונויפגעמישט.

ווען מען דערמאָנט זיך, אַז שוין אין יענער ווייטער פאַרגאַנגענהייט האָבען אידען שוין אָנערקענט בלויז אַן איין אייזציגען גאָט און ניט די פילע געטער פון די אַנדערע רעליגיעס, געטער צו וועלכע זאָגאַר די הויך פאָרטגעשריטענע גריכען און רוימער האָבען געדינט — ווען מען האָט דאָס אין זינען, ווערט פאַרשטענדליך דער גרויסער גייסטיגער איינפלוס, וואָס די אידען האָבען אויף דער וועלט טראָץ די ווילדע פאַרפאָלגונגען און רציחות וואָס זיינען אימער אויסגעשטאַנען.

דער באַרימטער אַמעריקאַנער גייסטליכער דר. הערי עמערסאָן פאסדיק פון ניו יאָרק, האָט מיט אַ פאָר יאָר צוריק געזאָגט: „די אידישע נביאים זיינען געווען די ערשטע צו אָנערקענען אַן אייזציגען גאָט, און מיט דעם האָבען זיי געבראַכט די וועלט אַ מהלך ווייטער אויפ'ן וועג פון פאָרטשריט. דורך דעם האָבען זיי געשאַפען דעם באַגריף וועגען אַ מענשהייט, וועלכער איז פריהער געווען אוממעגליך, ווארים פריהער איז די מענשהייט געווען צוברעקעלט און צוטיילט צווישען די צענדליגע געטער".

אין דער צייט, וועלכע איז באַקאַנט אַלס די יעזוס עפּאָכע, דאָס הייסט נאָהענט צו צוויי טויזענד יאָר צוריק, איז היסטאָריע שוין געשטאַנען אויף אַ פאַרהעלטניסמעסיג פעסטען באָדען און דאָך זיינען וועגען יעזוס'ען ניטאָ קיין היסטאָרישע פאַקטען. אַ חוץ דעם: וועגען דעם אַלטען טעסטאַמענט (דעם תנ"ך) זיינען דאָך קריסטען סיי ווי סיי איינפאַרשטאַנען מיט אידען. זיי נעמען אים אָן אַלס אַ הייליגען ספר, ווערענד וועגען דעם נייעם טעסטאַמענט ליגט אַ תהום צווישען זיי און אידען. אידען נעמען אים ניט אָן. שלום אַש אָבער נעמט אים יאָ אָן.

דער נייער טעסטאַמענט איז דאָס בוך וואָס טיילט אָפּ די קריסטליכע רעליגיע פון דער אידישער. אַש אָבער מאַכט פאַרשלאָגען אַז מען זאָל די מחיצה אָפּשאַפען. נאָך מער: ער שטעלט יעזוס'ען העכער פאַר משה'ן און פאַר די נביאים.

מיר האָבען אויבען גערעדט וועגען אידישע פריידענקער. זיי גלויבען ניט אין דעם הייליגטום פון ביידע טעסטאַמענטען. זייערע טאַטעס און זיידעס האָבען אָבער הייליג געהאַלטען דעם אַלטען טעסטאַמענט און צוליב זייער צוגעבונדענקייט צו זייער פאָלק און זיין פאַרגאַנגענהייט פילען זיין זיך אַלס אידען און ווערען אָנערקענט אַלס אידען פון אַנדערע אידען. דערצו נאָך האָבען פילע אידישע אַפּיקורסים אַ וואַרעמען געפיל צום תנ"ך, וועלכער איז זיי ליב אַלס די אור־אַלטע שפּראַך פון דעם אידישען פאָלק, און צוליב די אוצרות פון פּאָעזיע און פון מאָראַלען אידעאַליזם וואָס ער ענטהאַלט. דאָס געהט אָפט זאָגאַר אויף אַזעלכע אידען וואָס האָבען אַליין מיט העברעאיש קיין בעקאַנטשאַפט ניט.

דער נייער טעסטאַמענט איז פאַר דער קריסטליכער רעליגיע דאָס, וואָס דער

חומש איז פאַר דער אידישער אמונה; און שלום אַש'עס „נאַזאַרין" איז אַזוי פולשטענדיג געגרינדעט אויף דעם נייעם טעסטאַמענט, אַז דער נייער טעסטאַמענט איז אי זיין גוף אי זיין נשמה. מיט דעם ערקלערט זיך די גרויסע צופרידענהייט וואָס אַש'ס בוך האָט אַרויסגערופען ביי די פאַרשטעהער פון די קריסטליכע קירכען, הויפטזעכליך פון די פראָטעסטאַנטישע, נאַטירליך. מיט דעם ערקלערט זיך דער וואָרעמער אַנטייל וואָס זיי האָבען גענומען אין רעקאָמענדירען דעם בוך, זיי האָבען דאָס געטאָן מיט אַן אויפריכטיגער באַגייסטערונג אַלס קריסטען.

3.

## יוחנן־שלום אַש.

די הויפט סצענעס און פאַסירונגען וועגען וועלכע עס ווערט דערצעהלט אין דעם נייעם טעסטאַמענט שילדערט אַש אין זיין „נאַזאַרין" אַלס איינער וואָס האָט זיי אַליין בייגעוואוינט, אַליין אַלץ געזעהן און געהערט. אין ירושלים האָט מיט קנאַפע צוויי טויזענד יאָר צוריק געוואוינט אַ אידישער בחור מיט'ן נאָמען יוחנן, איז זיין נשמה און זיין „איך" היינט פאַרקערפערט אין שלום אַש'ען. שלום אַש, הייסט עס, איז אַ גלגול פון יענעם יוחנן. אַלזאָ, האָט יוחנן־שלום אַש געזעהן יעזוס'ען און געהערט פון זיינע ליפען די דרשות און מאָראַלע פרינציפען־ערקלע־רונגען וועגען וועלכע עס ווערט דערצעהלט אין דער קריסטליכער תורה.

אין דעם „נאַזאַרין" ווערט, צום ביישפּיל, באַשריבען יוחנן'ס רעליגיעזע באַ־גייסטערונגען, ווען ער האָט יעזוס'ען געזעהן צום ערשטען מאָל. שבת אין אַ שול אין ירושלים איז דאָס געווען. ער האָט געהערט זיין דרשה, זיינע הייליגע רייד.

„איצט האָבען מיר געהערט ווערטער, וועלכע אַפילו משה האָט אויפ'ן באַרג סיני ניט אַרויסגערעדט" — זאָגט ער דאָרטען אין „נאַזאַרין" (פיידזש 472).

אין דער געשיכטע פון יעזוס'ען שפּילט אַ גרויסע ראָלע אַ געוויסע סדר־נאַכט. דאָס איז געווען דער לעצטער סדר וואָס יעזוס האָט געפּראַוועט אויף דער וועלט. נו, האָבען יוחנן און זיין חבר רופוס צוגעהערט דעם קידוש וואָס דער הייליגער מאַן האָט געמאַכט אין יענעם אָווענט. זיי זיינען געשטאַנען פון דרויסען. פון דאָרטען האָבען זיי געהערט דעם קידוש און דאָרטען האָבען זיי געזאָגט אָמן.

יוחנן־אַש האָט בייגעוואוינט דעם פּראָצעס איבער יעזוס'ען ביי דעם סנהדרין, וואו די קלאָגע געגען אים איז געווען, אַז ער גיט זיך אַרויס פאַר אַ משיח און פאַר דעם קעניג פון די אידען.

דערנאָך האָט יוחנן אַליין געזעהן ווי מען האָט יעזוס'ען אַ צובלוטיגטען צו־געשלאָגען צו אַ צלם. ער האָט צוגעזעהן ווי הענגענדיג אַ צוגעשלאָגענער קאָרטשעט ער זיך פון יסורים. אַזוי איז יוחנן־שלום אַש געשטאַנען און געקוקט ביז דער געפּייניגטער האָט שוין געהאַלטען נאָהענט צו זיינע לעצטע כוחות. דאַן איז ער געלאָפען צו זיין רבי'ן, צו רבי נקדימונ'ען באַריכטען אים אַז אין עטליכע מינוט אַרום וועט דער הייליגער מאַן שוין מער ניט זיין צווישען די לעבעדיגע.

יוחנן־אַש איז אויך געווען דערביי ווען מען האָט יעזוס'ען אַראָפּגענומען פון צלם אַ טויטען און ווען מען האָט אים מקבר געווען.

צענדליגע שטעלען אַזעלכע זיינען אין דעם „באַזאַרין" פאַראַן. פיידזשעס און פיידזשעס.

די מעשה מיט יוחנן'ען, פון וועלכען שלום אַש איז אַ גלגול, איז נאַטירליך ניט מער ווי אַ ליטעראַרישע פאַנטאַזיע אַזאַ. פאַר אַ לייכטע ערצעהלונג פּאַסט זיך דאָס אפשר אַמאָל. אין אַן ערענסטען בעלעטריסטישען ווערק אָבער לאָזט מען זיך צו אַזעלכע צאַצקעס ניט אַרונטער. איך קען ניט זאָגען אַז דער עפעקט פון אַ סצענע, וועלכע איז גענומען געוואָרען פון בייעם טעסטאַמענט און אין וועלכע שלום אַש ווערט פאַרגעשטעלט אַלס אַ פערזענליכער בעאָבאַכטער פון יעזוס'ען און זיינע געטליכע נסים, איך קען ניט זאָגען, אַז דער עפעקט פון דעם איז אַן אַנגענעמער; אָבער אַז אַש גלויבט אין יעזוס'ען און אין אַלץ וואָס די קריסטליכע רעליגיע דערצעהלט וועגען אים — דאָס, ווי מיר וועלען ווייטער זעהן, גיט ער זיינע לעזער צו פילען מיט אַנדערע מיטלען אויך.

דער אמת איז אַז דער געדאַנק פאַרצושטעלען, אַז אַ פּאָר צוויי-טויזענד יאָריגער זיידע שלום אַש'עס האָט בייגעוואוינט אַלע וויכטיגע סצענעס פון יעזוס'עס לעבען און פון זיין טויט, באַקומט אַ גאַנץ ספּעציעלען כאַראַקטער. עס איז ניט בלויז אַ ליטעראַרישע פאָרמע אַזאַ. עס וואַקסט אין דעם לייענער פון דעם בוך אַן איינדרוק, אַז די געפילען פון רבי נקדימונ'ס תלמיד, יוחנן-שלום אַש, האָבען אַ נאָהענטע שייכות צו דעם הייגטיגען שלום אַש. עס איז אַזוי ווי דער פּראָפעסער פון „באַזאַרין" וואָלט געזאָגט צו די לעזען: „איך האָב דאָס אַלץ אַליין דורכגעמאַכט און דורכגעפילט".

מען דאַרף ניט פאַרגעסען, אַז ר' יוחנן'ס רבי, רבי נקדימון, איז אַליין געוועזען אַ חסיד יעזוס'עס. אַלזאָ ווילט זיך פרעגען: צו וואָס האָט שלום אַש פּאַר יוחנן'ען גראָד אויסגעקליבען אַזאַ רבי'ן? און רופוס, יוחנן'ס חבר, איז געוועזען אינגאַנצען אויסגעקנאָטען פון יעזוסיסטען. פאַרוואָס זשע האָט שלום אַש זיין יוחנן'ען ניט געלאָזט האָבען זיין אייגענעם זעלבסטשטענדיגען „איד"? פאַרוואָס האָט ער אים גראָד צוגעגרייט אַזאַ שטאַרקע יעזוס אַטמאָספערע? אַלץ איז אויסגערעכענט לויט אַ באַשטימטער ריכטונג און פּלאַן — אַ יעזוס פּלאַן, ווי איר זעהט.

4

## אַש גלויבט ניט, אַז יעזוס איז גאָט. — גלויבט ער אויך ניט אַז ער איז משיח? — די קריסטליכע דריי-איינינקייט און דער איין-איינציגער גאָט פון די אידען.

אַש'עס אַכט-קאָלומדיגער „ענטפער" באַשטעהט פון פאַרשידענע באַהויפּטונגען, אַרגומענטען און טענות. איין טענה איז, אַז ער, שלום אַש, האָט קיינמאָל ניט אַרויסגעלאָזען פון זיין מויל, אַז עס איז פאַראַן אַן אַנדער גאָט אויסער דעם אידישען.

אָבער אין דעם באַשולדיגט מען אים גאָרניט. ניט וועגען דעם האַנדעלט זיך. עס האַנדעלט זיך גאָר וועגען דעם פאַקט דאָס ער לאָזט וויסען, אַז ער, אַלס איד, גלויבט אין יעזוס'ען מיט זיינע נסים, מיט זיין גאַנצען הייליגטום.

צוויטענס, גלויבען קריסטען אין דעם זעלבען גאָט וואָס די אידען, נאָר זיי גלויבען אין אַ רייהע באַגריפען, פּרינציפּען, צערעמאָניעס, וועלכע אידען קענען ניט אָנ־נעמען; און דאָס וויכטיגסטע פון דאָס אַלעס, דער עיקר פון אַלע עיקרים, איז יעזוס, וועמען אידען אַנערקענען ניט און אַש אַנערקענט יאָ. און צוזאַמען מיט דער צענטראַלער פיגור פון דער קריסטליכער קירכע געהט דער נייער טעסטאַמענט. אידען קענען אין דעם נייעם טעסטאַמענט ניט אָנהויבען צו גלויבען, ווערענד אַש האַלט זיך ווי איינער וואָס גלויבט אין אים טיף און מיט באַגייסטערונג. אין זיין גאַנצען בוך „דהי נאַזאַרין” געפינט זיך ניט קיין איינציגער וואָרט, וואָס זאָל אויס־דריקען אַ געגען־געדאַנק אָדער אַ שפּור פון אַ צווייפעל, אָדער קריטיק.

די מעשיות פון נייעם טעסטאַמענט האָבען אין זיך אַ גאַנץ אַנדערען גייסט ווי די אידישע טראַדיציעס. צווישען זיי ליגט אַ תהום. איינינגע פון די וויסענ־שאַפטסלייט, וועלכע גיבען זיך ספּעציעל אָפּ מיט שטודירען די געשיכטע פון קריס־טענטום, שטעלען אַזאַ פראַגע: ווי ערקלערט זיך דאָס, וואָס די קריסטליכע רעליגיע, וועלכע אַ איד האָט געגרינדעט, איז איינגעפונדעוועט געוואָרען אין די הערצער פון אַ גאַנצער וועלט ניט־אידען און דעם אידישען פאָלק איז זי ניט אימשטאַנד געווען צוצוציהען? און דער ענטפער איז, אַז דאָס גופא איז אַ באַוויז, דאָס די קריסט־ליכע רעליגיע איז אין ווידערשפרוך מיט דעם אידישען כאַראַקטער, מיט דעם אידישען געדאַנק און מיט דעם אידישען געפיל.

מייסטע קריסטען גלויבען אין אַ דריי־איינינגקייט: גאָט דער פאָטער, גאָט דער זון (יעזוס) און גאָט דער הייליגער גייסט; און אַלע דריי זיינען גלייך. דאָס אַליין איז שוין דער היפוך פון דעם אידישען געדאַנקען־גאַנג.

אין גרונט גענומען איז עס בלויז אַ טעאָריע אַזאַ, אַז אַלע דריי זיינען גלייך. אין אמת׳ן איז גאָט דער פאָטער דער אמת׳ער גאָט פון די קריסטען און די אַנדערע צוויי — יעזוס און דער הייליגער גייסט — ציהען זייער הייליגע קראַפט פון אים. אין דער קריסטליכער טעאָריע ווערט, צום ביישפּיל, ערקלערט, אַז גאָט דער פאָטער איז דאָס פייער און גאָט דער זון איז דער פלאַם פון דעם פייער; אָדער אַז גאָט דער פאָטער איז דער זיגעל און גאָט דער זון איז דער אָפּדרוק פון דעם זיגעל. פאַראַן אַנדערע משלים און פשט׳לעך אַזעלכע. דער רעאַליסטישער אמת איז, אַז ווען אַ קריסט רעדט וועגען גאָט, פאַרגעסט ער אָן די פשט׳לעך און די משלים און האָט אין זינען אַן איינציגען, אַלמעכטיגען גאָט. נו, און דער אַלמעכטיגער, אַלייך־הערשענדער גאָט טיילט ניט זיין טראָן מיט קיין שותף. ער האָט אַסיסטענטען, אַדיוטאַנטען, שלוחים, הימלישע פערזענליכקייטען, מלאָכים מיט פליגלען און אָהן פליגלען, נביאים, אַ משיח; אָבער ניט קיין מיט־גאָט. אַזוי איז דאָס אין אַלע רעליגיעס, וואָס גלויבען אין איין גאָט.

די קריסטליכע רעליגיעזע טעאָריע אָבער — איר אויסערליכע פאָרמע אויב איר ווילט — איז יעדענפאַלס, אַ גאָט, וועלכער איז אַ דריי־איינינגקייט. און אָנצונעמען אַזאַ גאָט איז פאַר אַ אידישען מוח און האַרץ אונמעגליך.

אַש טענה׳ט, אַז ער האָט קיינמאָל ניט אַרויסגעזאָגט פון זיין מויל, אַז עס איז פאַראַן אַן אַנדער גאָט אויסער דעם אידישען. ער מיהט זיך צו באַווייזען, אַז ער גלויבט ניט דאָס יעזוס איז אַ גאָט; און אין דעם, ווי שוין געזאָגט, גלויבען קריסטען אויך ניט, טראָץ דער דריי־איינינגקייט. מילאָ, די קריסטען פון דער יוני־

טעריען טשוירטש ענטזאָגען זיך פון דער דאָזיגער דריי־איינינקייט אינגאַנצען. זיי גלויבען בלויז אין אַן איין איינציגען גאָט, צי טעאָרעטיש, צי פּראַקטיש. זיי, צו־זאַמען מיט מייסטע אַנדערע קריסטען, גלויבען אָבער אין יעזוס׳עס הייליגקייט און אין זיין הימלישע מאַכט אַלס גאָט׳ס רעכטע האַנט. און אין דעם גלויבט אַש אויך. אַזוי זיינען זיינע געפילען ווי ער וויזט זיי אַרויס אין זיין „נאַזאַרין״ און אין זיין בוך „וואָס איך גלויב״. אידען גלויבען אין דעם אַבסאָלוט ניט.

ניט נאָר גלויבען אידען ניט אין יעזוס׳ען, נאָר ווען אַ איד זאָגט, אַז ער גלויבט אין אים יאָ, נעמט אים קיינער ניט ערענסט.

רעליגיעזע קריסטען, וואָס האָבען געלייענט דעם „נאַזאַרין״ גלויבען, אַז אַש גלויבט אין יעזוס׳ען; און פאַר דעם ערפאָלג פון דעם בוך איז דאָס געווען זעהר וויכטיג.

שלום אַש לייקענט, אַז ער אַנערקענט יעזוס׳ען אַלס משיח. אין זיין „ענטפער״ אין „פאָרווערטס״ זאָגט ער: „ער (יעזוס) אַליין און זיינע תלמידים, האָבען גע־גלויבט, אַז ער איז משיח״. ער, אַש, גלויבט אין דעם ניט, ערקלערט ער דאָרטען. וואָס ער באַמערקט דערביי איז גאַנץ טשיקאַווע:

„איך געדענק, אַז איך האָב זיך שטאַרק געמיט און אַ סך שלאָפלאָזע נעכט פאַרבראַכט דעריבער צו זוכען און אויסצוגעפינען דערויף אַן אַנהאַלט אין דעם נייעם טעסטאַמענט, וועלכער איז דער איינציגער מקור פאַר אַלע, וועלכע ווילען זיך אָפּגע־בען מיט דער טעמע״. און דאָ זאָגט ער דאָס די ווערטער: „קיין אַנדערע קוואַלען פון דעם לעבען און טעטיגקייט פון ישו הנוצרי האָבען מיר ניט״.

פאַרבראַכט אַ סך שלאָפלאָזע נעכט זוכענדיג אַן אַנהאַלט אין דעם נייעם טעס־טאַמענט! דאַרף מען נאָך אַ בעסערען באַווייז ווי טיף ער גלויבט אין דעם הייליגען בוך פון דער קריסטליכער רעליגיע?

דער ערשטער איינדרוק איז, אַז אין נייעם טעסטאַמענט האָט ער געזוכט סאָ־לידע איבערצייגענדע באַווייזע אויף עפּעס. און דאָן, קלערט מען זיך: דעם „אַנהאַלט״, אַז יעזוס איז משיח קען מען דאָך דאָרטען געפינען גאָר אָהן „שטאַרקע מי און שלאָפלאָזע נעכט״, ווארים דער נייער טעסטאַמענט גלויבט דאָך אַז יעזוס איז משיח. ער איז דאָך פול מיט דעם. ווי־זשע קומט דאָס וואָס אַש גלויבט אין איהם ניט? אָט וועלען מיר באַלד זעהן.

אין זיין „נאַזאַרין״ ברענגט ער די ווערטער פון יעזוס׳עס תלמיד פּעטרוס (שמעון), אַז ישו איז משיח. דאָס זיינען אָבער ניט זיינע, אַש׳עס, ווערטער, ער־קלערט ער. ווייטער זאָגט אַש אַזוי:

„אַז שמעון האָט געגלויבט, אַז ישו איז משיח, אין דעם צווייפעלט קיינער ניט, אָבער דערמיט איז נאָך ניט געזאָגט אַז שלום אַש וואָס באַשרייבט די סצענע גלויבט אויך, אַז ישו איז משיח. איך האָב פילע זאַכען און ווערטער געלאָזט ריידען מיינע העלדען פון מיינע שריפטען, דאָס הייסט אָבער ניט, אַז איך פערזענליך גלויב אין זיי״.

דאָס אַלץ איז אַבסאָלוט ריכטיג. אין דעם „נאַזאַרין״ איז אָבער פאַראַן אַ גרויסע סצענע וואו ער, אַש אַליין, אין זיין ראָלע אַלס דער פאַר־צוויי־טויזענד יאָריגער יוחנן־שלום אַש, פון וועלכען דער היינטיגער שלום אַש איז אַ גלגול, שיל־דערט יעזוס׳ען אַלס אַ מלך משיח. דאָרטען ברענגט ער ניט קיין ווערטער, וואָס

אַן אַ נ ד ע ר ע ר האָט געזאָגט. ער גיט דעם לעזער איינדרוקען פון דעם דאָזיגען יוחנן, וועלכען ער שטעלט פאַר אַלס זיין אייגענעם „איך", אַלס אַ יונגען „בעאָבאַכטער" פאַר וועלכען ער, אַש, איז פאַראַנטוואָרטליך. ער שילדערט יוחנן'ען און רעדט מיט זיין האַרץ און נשמה, דאָס הייסט מיט שלום אַש'עס האַרץ און נשמה. יוחנן-אַש דערצעהלט וואָס ער האָט אַליין געזעהן און געפילט. צוערשט געהט דאָרט די שילדערונג פון יודאַ איסקאַריאָט וועמען ער, שלום אַש, שטעלט פאַר אַלס אַ באַגייסטערטען פאַנאַטישען תלמיד יעזוס'עס. יודאַ ציטירט אין אַש'עס „נאַזאַרין" פסוקים פון דעם נביא זכריה, וועלכער האָט נביאות געזאָגט, אַז דער קעניג-משיח וועט אַריינקומען אין ירושלים רייטענדיג אויף אַן אייזעל מיט גרויס עניות (פיידזש 535, „נאַזאַרין"). דערנאָך באַשרייבט ער, אַש, ווי זכריה'ס נבואה איז מקוים געוואָרען און ווי ער, יוחנן-אַש, האָט אַליין בייגעוואוינט די סצענע.

ער דערצעהלט ווי ער און זיין חבר רופוס זיינען מיטגעגאַנגען מיט דעם וואַק-סענדען עולם, וועלכער האָט אויפגענומען משיח'ן און וואָס עס האָט זיך אָפּגעטאָן דערביי. שילדערענדיג די סצענע זאָגט יוחנן אַש:

„עס האָט אויסגעזעהן, אַז דער אייזעל וויס וועמען ער טראָגט אויף זיך. ער האָט זיין קאָפּ געהאַלטען נידעריג, דער אייזעל, און זיינע פיס האָט ער אויף דעם שטיינערדיגען וועג געשטעלט מיט ערענסטקייט און מיט פעסטקייט". (פיידזש 537, „נאַזאַרין").

מיט באַגייסטערונג באַשרייבט אַש די פרייד, מיט וועלכער דער עולם פון ירושלים (און יוחנן-שלום אַש אויך צווישען זיי) האָט אויפגענומען יעזוס'ען אַלס „דעם קעניג משיח, דעם שליח פון גאָט".

וויטער לעזען מיר ביי שלום אַש'ען דאָס פאָלגענדע:

„דער רבי (דאָס הייסט יעזוס) האָט אָפּגעשטעלט דעם אייזעל, אויף וועלכען ער איז געזעסען און געווענדעט זיין פנים צו ירושלים און צום בית המקדש. עס איז געוואָרען שטיל. יעדער האָט איינגעהאַלטען זיין אָטעם. צוויי גרויסע טרערען האָבען זיך באַוויזען אין דעם רבי'ס (יעזוס'עס) אויגען און זיי האָבען זיך אַראָפּ-געקייקעלט איבער זיינע באַקען. ער האָט ביי זיך אין האַרצען געוואוסט ווי אַזוי מיר פילען. אונזערע נשמות זיינען באַפרייט געוואָרען און זיי האָבען זיך צוזאַ-מענגעמישט מיט זיין נשמה; אַזוי ווי די טרערען וואָלטען אונז צוזאַמענגעשמאָלצען.

„די שטילקייט האָט געדויערט ניט מער ווי אַ מאָמענט. דאָס איז דאָך דער קעניג און ער רייט דאָך אַריין אין שטאָדט צו צוברעכען די אומריינע מאַכט פון אדום (דאָס הייסט פון רוים), צו באַפרייען די שטאָדט פון אירע קייטען, צו פאַר-ניכטען אַלע עבירות, צו פאַרטרייבען אַלע צרות, אַנצוצינדען אַ נייע ליכט איבער דער וועלט. „דיינע אויגען קוקען איצט אויף דעם קעניג אין זיין פראַכט'". (פיידזש 539 און 540, „נאַזאַרין").

ווען אַש האָט געשריבען זיין „ענטפער" האָט ער מסתמא פאַרגעסען די שיל-דערונג, וואָס ער האָט אין זיין „נאַזאַרין" און וועלכע מיר האָבען דאָ געבראַכט; וואָרים אין דער דאָזיגער שילדערונג ווערט פאַרגעשטעלט ווי יעזוס איז אַריינ-געריטען אין ירושלים דוקא אַלס קעניג-משיח און ווי יוחנן-שלום אַש האָט איהם אויפגענומען מיט אַ פלאַמענדער באַגייסטערונג אַלס דעם קעניג-משיח. וואָס-זשע פאַר אַ ממשות האָט אש'עס טענה, אַז ער אַנערקענט ניט יעזוס'ען אַלס אַ משיח?

ביי פערצעהן פיידזשעס געהען דאָן אָוועק מיט דער באַשרייבונג פון באַגייס־טערונג, אַ וואָרער וואַנזין פון „הושענאַ״־געשרייען, פון פּאַרשידענע אויסדרוקען פון רעליגיעזען עקסטאַז. מענשען האָבען פון זיך אויסגעטאָן זייערע מאַנטלען און זיי אויסגעשפּרייט אויף דער ערד פאַר'ן אייזעל צו געהן איבער זיי. פון וואַרשטאַטן איז מען אַרויסגעקומען מיט שטיקער וואָרע געשטריקטע, געפאַרבטע, און דאָס אַלץ האָט מען אַוועקגעלעגט אויף דער ערד צו דינען אַלס טעפּיכער פאַר דער באַשעפעניש, וואָס האָט אויף זיך געטראָגען דעם קעניג־משיח. יוחנן־אַש, וועלכער שילדערט דאָס אַלץ, נעמט אַנטייל אין דער גאַנצער באַגייסטערונג, ניט אַלס אַ קאַלטער זייטיגער בעאָבאַכטער, נאָר אַלס איינער, וועמענס הארץ ציטערט פון התהלבות צוזאַמען מיט די הערצער פון דעם „הושענאַ״־שרייענדען עולם.

און מיט די אייגצעלהייטען וואָס ער גיט אין זיין בוך וועגען יעזוס'עס געבורט שטיצט ער דעם גלויבען, אַז יעזוס איז געבוירען געוואָרען אין בית לחם, די שטאָדט פון דוד המלך; אַז יעזוס שטאַמט פון דוד המלך'ן, פון דעם אידישען קעניג, אַז אין זיינע אָדערען איז גערונען דוד המלך'ס בלוט; מיט אַנדערע ווערטער, אַז יעזוס איז געווען דוד'ס יורש, דער משיח בן דוד, ווי קריסטען גלויבען.

ניט אַזוי באַשרייבט מען אַ משיח אין וועמענס משיח'קייט מען גלויבט ניט. מען שרייבט אַזוי אַז דער לעזער זאָל זעהן אַז די מאַסע גלויבט אין דעם אָבער ניט איך, דער שרייבער.

ווען מיר וועלען קומען צו שלום אַש'עס בוך „וואָס איך גלויב״ וועלען מיר זעהען אַ שלום אַש, וועלכער גלויבט אָפען אַז יעזוס איז משיח און נאָך אויף אַ דאָפּעלטען שטייגער אויך. און דאָרטען רעדט אַש ניט דורך אַ פּאַר־צוויי־טויזענט יאָהריגען יוחנן, נאָר אין זיין אייגענעם נאָמען, אַלס שלום אַש פון דעם 20טען יאָהר־הונדערט. אָבער דאָרטען האַלטען מיר נאָך ניט.

עס וואַקסט און וואַקסט פאַר דעם לעזער אַ בילד פון פאַרגעטערונג, אין וועלכען די אַנטייל נעמער זיינען די אידישע פאָלקס־מאַסען, ניט די מאַכטהאָבער. דער אַלגעמיינער איינדרוק, וואָס בלייבט ביי דעם לעזער אין מוח, איז אַז יעזוס האָט צוגעצויגען די הערצער פון דער באַפעלקערונג; אַז זיינע איינציגע געגנער זיינען געווען די מיטגלידער פון דער כהן גדול פאַמיליע און זייערע נאָהענטע — די פּראָצענטניקעס, פּאַרקויפער פון טויבען אויף קרבנות און אַנדערע עקספּלואַטאַרס. עס קומט אויס, אַז ווען ניט די כהנים גדולים און זייער אַריסטאָקראַטישע צדוקים פּאַרטיי וואָלט דאָס גאַנצע אידישע פאָלק געוואָרען קריסטען.

.5

## „אַ מלאך פון גאָט״. — משה, אליהו הנביא און יעזוס. — נסים.

איידער יעזוס מאַכט קידוש ביים סדר, ווי אויבען איז דערמאָנט געוואָרען, מאַכט ער אויף יוחנן'ען און זיין חבר רופוס'ען אַן איינדרוק אַלס אַ מלאך פון הימעל. אַזוי זאָגען זיי ביידע. יענע סדר נאַכט איז די הייליגסטע נאַכט פון דער קריסט־ליכער רעליגיע, ווארים באַלד דאַרף זיך אָנפאַנגען יעזוס'עס גרויסע טראַגעדיע. עס איז די לעצטע נאַכט פאַר דעם מאַרטירער טויט פון דעם הייליגען מאַן.

יוחנן און רופוס קוקען אויף אים ווי ער געהט אַ באַלויכטענער פון דער רויטער אָוונט שיין. ער געהט צום סדר. אויבען באַווייזט זיך אַ וואונדערבאַרע ליכט אין הימעל.ביידע יונגע לייט פילען, אַז דאָס איז אַ מלאך פון גאָט. און אַז זיי איז באַשערט היינטיגע נאַכט צו זעהן גרויסע געשעהענישען. אַ הייליגע שרעק נעמט זיי אָן. פאַרלויפיג האָט נאָך קיין בייז ניט געטראָפען. זיי האָבען אָבער אַ פאָרגעפיל אַזאַ, אַ מין נבואה געפיל. און ווער וועט פרעגען קשיות אויף אַזאַ הייליגע נאַכט?

דער „נאַזאַרין" איז אויך דורכגעוואָרפען מיט אַנדערע סצענעס וואו יעזוס מאַכט אַן איינדרוק אַלס אַ מלאך פון הימעל און ניט אַלס אַ קינד פון אונזער זינדיגער ערד.

יעדעס מאָל, ווען אַש וויל יעזוס'ען פאָרשטעלען אַלס אַ געטליכען מאַן, דערצעהלט ער איך, אַז זיין ווייסער בגד האָט געלויכטען מיט שטראַלען, אַז זיין פּנים, זיינע הענד און זיין באָרד האָבען געשפריצט מיט פונקען און אַז די, וואָס האָבען אויף אים דאַן געקוקט, האָבען געציטערט פאַר שרעק. איין מוסטער אַזעלכער געפינט זיך אויף פּיידזש 231, אַנדערע מוסטערען, הגם אָהן פונקען־שפּריצעריי, געפינען זיך אין פאַרשידענע אַנדערע פלעצער. ניט ווייניגער „הימליש", אָדער זאָגאָר נאָך „הימלישער", איז ער אָפט מיט די ווערטער וואָס ער זאָגט. איינער פון די פלעצער אין דעם „נאַזאַרין", וואו מען הערט פון אים אַזעלכע רייד, געפינט זיך אויף פּיידזש 473. דער איינדרוק וואָס זיי מאַכען אין יענעם פאַל אויף זיינע צוהערער, איז אַזאַ, אַז זיי נעמען שרייען מיט אונגעדולד:

„ווער ביסטו? זאָג אונז ווער דו ביסט!"

און ער ענטפערט:

„איך בין דאָס ברויט פון לעבען. דער, וואָס וועט קומען צו מיר, וועט ניט וויסען פון קיין הונגער און די, וואָס גלויבען אין מיר, וועלען קיינמאָל ניט ליידען קיין דורשט. איך בין דער בוים, וואָס גאָט האָט געפלאַנצט, און די, וואָס זיינען פאַראייניגט מיט מיינע וואָרצלען וועלען בליהען און האָבען הצלחה. די אָבער, וואָס וועלען ניט זיין פאַראייניגט מיט מיינע וואָרצלען, וועלען פאַרוויאַנעט ווערען. זאָל דער דורשטיגער קומען צו מיר און טרינקען, ווארים איך בין דער קוואַל פון לעבען. איך בין דאָס ברויט, וואָס קומט אַרונטער פון הימעל. איך זאָג צו אייך, אַז דער וואָס גלויבט אין מיר, וועט האָבען אַן אייביגען לעבען".

די שטאַרקסטע פון די דאָזיגע ווערטער, און מייסטע פון זיי, זאָגט יעזוס אין דעם נייעם טעסטאַמענט, און פון דאָרטען נעמט ער זיי, אַש.

יוחנן־אַש, וועלכער האָט דאָס אַלץ געזעהן און געהערט, האָט געפילט אַז אָט, אָט, וועט זיך דער הימעל עפענען און עס וועט נעמען לייכטען די ליכט פון גאָט אַליין.

עס איז געוואָרען אַ טומעל. אייניגע האָבען געשריען, אַז יעזוס זאָגט ווערטער, וועלכע ניט משה און ניט די נביאים האָבען זיך ערלויבט צו זאָגען, ווארים זיי האָבען געהייסען גלויבען אין דער תורה און אין גאָט. ער אָבער הייסט גלויבען אין אים אַליין. איז ער גרעסער פון משה'ן? איז ער גרעסער פאַר די נביאים?

„איך האָב אַ סך צו זאָגען צו אייך און אַ סך צו פסק'ענען", — האָט ער געענט־

פערט. — „דער וואָס האָט מיך געשיקט צו אייך איז דער אמת אַליין און דאָס, וואָס איך האָב געהערט פון אים, דאָס זאָג איך צו דער וועלט״.

רבי נקדימון, דער רבי פון יוחנן־אַש און פון זיין חבר רופוס, האָט יעזוס'ען פאַרטיידיגט. ווען איינער האָט געזאָגט, אַז דער אונבאַקאַנטער לעסטערט גאָט מיט זיינע ווערטער, האָט רבי נקדימון זיך אָפּגערופען: „ווער זאָגט דאָס, אַז ער לעסטערט גאָט? יעדער איד האָט אַ רעכט צו ריידען אין גאָט'ס נאָמען אויב גאָט האָט אים געשיקט מיט אַ שליחות צו אונז״.

אין דעם נייעם טעסטאַמענט איז פאַראַן אַזאַ סצענע: יעזוס נעמט דריי פון זיינע תלמידים אַרויף אויף אַ הויכען באַרג. דאָרטען הויבט זיין פנים אָן צו שיינען ווי די זון, און זיינע קליידער לייכטען מיט אַ בלענדענדער ווייסקייט. עס באַווייזען זיך צוויי אַלטע לייט. זיי פיהרען אַ געשפּרעך מיט יעזוס'ען.

עס קומט אַרונטער אַ ווייסער וואָלקען און פון דעם וואָלקען רעדט אַ בת־קול.

„דאָס איז מיין געליבטער זוהן!״ — באַגריסט דער בת־קול יעזוס'ען.

יעזוס און די צוויי אַלטע לייט פאַרשווינדען מיט דעם וואָלקען. דערנאָך באַווייזט זיך יעזוס אַליין. די תלמידים פרעגען ווער עס זיינען געווען די צוויי זקנים, ענט־פערט ער אַז דאָס איז געווען משה און אליהו הנביא.

דיזעלבע מעשה, מיט גאַנץ קליינע אונטערשידען, געפינט זיך אין יעדען פון די ערשטע דריי עוואַנגעליומס פון דעם נייעם טעסטאַמענט. און שלום אַש דערצעהלט זי אויך, מיט גאַנץ אונבאַדייטענדע ענדערונגען, אין זיין „נאַזאַרין״. אנשטאָט די ווערטער „דאָס איז מיין באַליבטער זוהן״, צום ביישפּיל, שרייבט ער, אַז די שטימע וואָס האָט זיך געהערט פון דעם ווייסען וואָלקען האָט גערעדט „מיט ווערטער פון די נביאים״. אָבער ביי די נביאים פון תנ״ך זיינען פאַראַן פונקט אַזעלכע ווערטער ווי „ער איז מיין באַליבטער זוהן״. זיי געהען אָבער ניט אויף יעזוס'ען, נאַטירליך.

אַש גיט איבער די סצענע ווי ער גיט איבער אַלץ וואָס ער נעמט פון דעם נייעם טעסטאַמענט — אין אַ טאָן פון גלויבען און פאַרגעטערונג, אָהן דעם קלענסטען סימן פון צווייפעל אין דערווירקליכקייט פון יעדער איינצעלהייט. די אָנוועזענהייט פון משה'ן און אליהו הנביא בשעת דער בת־קול באַגריסט יעזוס'ען פון דעם ווייסען וואָל־קען אַלס גאָט'ס באַליבטען זוהן איז אין איינקלאַנג מיט די ערקלערונגען וואָס אַש האָט שפּעטער געמאַכט, אַז יעזוס איז העכער פאַר משה'ן און די נביאים.

פאַר א אידען — צי אַ רעליגיעזען, צי אַ פריידענקער — איז די דאָזיגע סצענע אין אַש'עס בוך ספּעציעל אונאַנגענעם צו לייענען.

***

אין אַ סך פּלעצער פון אַש'עס בוך ווערט דערצעהלט וועגען נסים וואָס יעזוס האָט באַוויזען. וועגען די זעלבע נסים ווערט דערמאָנט אין דעם נייעם טעסטאַמענט, אָבער גאַנץ קורץ. שלום אַש באַאַרבייט דאָס מייסטענס און גיט צו פאַרב. פון אַ האַלב־טוץ אָדער אַ טוץ שורות אין דעם עוואַנגעליום, קומען ביי אים אָפּט אַרויס עטליכע פיידזשעס. אַמאָל מאַכט ער דערביי ענדערונגען אין דעם טעקסט פון עוואַנגעליום. דער עיקר אָבער פון דעם נס איז דער זעלבער ווי אין דעם אָריגינאַל. מיר וועלען דאָ געבען עטליכע נסים אַזעלכע. זיי וועלען העלפען דעם לעזער זיך פאָרשטעלען יעזוס'ען ווי דער נייער טעסטאַמענט און שלום אַש שילדערען אים. מיר וועלען דאָס אָבער מאַכען קורץ.

ווען ישו (יעזוס) איז נאָך געווען אַ קליינער אינגעל איז זיין געגענד געשטראָפט געוואָרען מיט אַ גרויסער טריקעניש אויף די פעלדער. אַ בארימטער חכם און למדן האָט געבעטען גאָט אויף אַ רעגען. האָט עס אָבער ניט געהאָלפען. האָט דער אינגעלע ישו געזאָגט אַ תפילה און גלייך האָט גענומען גיסען אַ רעגען. די פעלדער האָבען אָפגעלעבט.

אַרום דער זעלבער צייט אונגעפער האָט ישו, ביים אַריינגאַנג אין דער שול וואו ער האָט געדאַווענט, געזעהן ווי עס זיצט אַ פּאַראַליזירטער אַלטער מאַן, וועלכער האָט זיך אין אַזאַ צושטאַנד געפונען שוין פילע יאָרען. „אין דעם נאָמען פון גאָט באַפעל איך דיר זיך אויפצושטעלען!״ — האָט דער אינגעלע צו אים געזאָגט. — „דו ביסט אויסגעהיילט!״ און דער הילפלאָזער אַלטער מאַן האָט זיך אויפגעשטעלט אַזוי ווי ער וואָלט קיינמאָל ניט געווען פּאַראַליזירט („באַזאַרין״, פיידזש 264).

אויף אַ בעט ליגט אַ האַלב טויטער איד מיט'ן נאָמען מרדכי. אויף זיין קאָפּ און אויף זיין פּנים איז ניטאָ קיין איינציגער האָר. ער איז בלייך ווי קאַלך. זיינע בלאַסע ליפען רירען זיך קוים. „העלף מיר, געטליכער מאַן״, שעפּטשעט ער.

„גלויבסטו שטאַרק, אַז איך קען דיר העלפען?״ פרעגט דער קליינער ישו. דער קראַנקער ענטפערט, אַז יאָ, און דאַן זאָגט דער געטליכער אינגעל צו אים: „איך הייס דיר אויפשטעהן״. דער חולה הויבט זיך אָן צו רירען און ביסלעכווייז געהט ער אַראָפּ פון בעט. נאָך אייניגע מינוטען און ער ווערט פולקאָם געזונט.

מען ברענגט אַריין אַנדערע קראַנקע. צווישען זיי געפינט זיך אַ פאַרכאַפּטע פרוי פון וועלכער שדים ליאַרמען אויף פאַרשידענע לשונות און מיט די קולות פון בהמות און קעץ. די שטוב איז פול מיט וועהטאָג־געשרייען פון ליידענדע מענשען. דאָ ווערט די סצענע איבערגעהאַקט. מען שטעלט זיך אָבער פאָר, אַז פריהער אָדער שפּעטער וועט רבי ישו אַלעמען אויסהיילען (פיידזש 161, 162).

וואָלט יעזוס געקענט שפּאַלטען דעם ים ווי משה? די פראַגע שטעלט יעזוס'ען זיינער אַ תלמיד מיט'ן נאָמען יעקב, וועלכער האָט אַ טיפען גלויבען אין זיין רבי'ן; און דעם רבי'ס ענטפער איז, אַז ווען ער זאָל זיך געפינען נאָר מיט אים, מיט יעקב'ן, וואָלט ער דאָס געקענט טאָן. ווארים ווען ער פילט, אַז מען האָט אַ שטאַרקען גלויבען אין אים, איז ניטאָ אַזאַ נס, וואָס ער וואָלט ניט געקענט באַווייזען (פיידזש 285).

עס באַקומט זיך אַזאַ איינדרוק: יעזוס דאַרף דאָך זיין העכער ווי משה. האָט דאָך אָבער משה געשפּאָלטען דעם ים, און יעזוס האָט אַזאַ קונץ נאָך ניט באַוויזען. קורץ, מען האָט ניט גערוט ביז מיט דעם האָט מען אים אויך פאַרזאָרגט.

איינמאָל, ווען רבי ישו איז געפאָרען מיט זיינע תלמידים איבער'ן ים האָט אויסגעבראָכען אַ געפערליכער שטורעם. ווילדע כוואַליעס זיינען זייער שיף באַפאַלען. דער רבי איז גראָד יענעם מאָמענט געלעגען און געדרעמעלט. זיינען די תלמידים געווען אין פאַרצווייפלונג. באַלד אָבער האָט ער זיך אויפגעכאַפּט. ער האָט אויסגע'מוסר'ט די כוואַליעס און גלייך איז דער ים געוואָרען שטיל און רוהיג (פיידזש 290).

אויף אַ גרויסען הויף געפינט זיך אַ ריזיגער עולם פון אָרעמע לייט. מענשען אָהן היימען, קראַנקע און אויך זינדיגע. אַלע זיינען זיי שרעקליך אויסגעהונגערט. יודא איסקאַריאָט, יעזוס'עס תלמיד, וועלכער פירט זיין באַלעבאַטישקייט, ברענגט פינף לעבלעך ברויט און צווי פיש. דער עולם איז אָבער אומגעהייער גרויס און דאָס וואָלט געוועז אויף איין צאָהן פּאַר בלויז עטליכע מענשען. געהט יודא אַוועק קויפען מער עסענוואַרג. איידער ער קומט צוריק ווערט שוין נאַכט. ווען יודאַ קעהרט זיך ענדליך אום, געפינט ער, אַז די גרויסע מענשען־מאַסע איז שוין זאַט און פרעהליך און פאַרטיפט אין אַ לוסטיגען געזאַנג. ווי אַזוי איז דאָס געשעהן? גאַנץ איינפאַך: מאַכענדיג אַן „המוציא" האָט יעזוס אויפגעהויבען די אויגען צו גאָט און אין די עטליכע ברויטלאַך איז גלייך אַריין די מזל ברכה. ווען דער רבי האָט גענומען טיילען דאָס עסען האָט זיך אַרויסגעצייגט, אַז עס איז דאָ גענוג פאַר אַלעמען און נאָך אַ סך מער: עס וואָלט געקלעקט אָנצוקאָרמען נאָך אַ גרעסערען עולם. (דיזע מעשה פאַרנעמט אין שלום אַש'עס בוך פון פיידזש 312 ביז פיידזש 316).

אַ הויכער שטאַרקער מאַן, אַ ריז. ער איז מוטער־נאַקעט און איז באַוואַקסען מיט האָר ווי אַ חיה. ער לויפט אַרום ווי אַ ווילדער. ער יאָגט זיך נאָך פּאַס־טוכער, וואָס פּיטערען חזירים. פלוצלינג דערזעהט ער יעזוס'ען און ער שטעלט זיך אָפּ אַ דערשראָקענער. רבי ישו שטרעקט צו אים אויס די הענט און רופט אים צו זיך. דער ווילדער גיט זיך אַ וואָרף אויף דער ערד און הויבט אָן צו רעווען: „שדים האָבען זיך אין מיין פלייש באַזעצט", שרייט ער. „זיי מאַטערען מיך מיט טויזענדער חולאת'ן".

רבי ישו לעגט אויף אים אַרויף זיינע הענט און באַפעלט די שדים אַרויס־צוקלייבען זיך פון דעם פאַרכאַפּטען קערפּער און צו באַזעצען זיך אין די חזירים. די שדים פאָלגען גלייך. רבי ישו הייסט דעם הויכען מאַן זיך זעצען און דאַן זאָגט ער צו אים: „די שדים האָבען דיך שוין פאַרלאָזען. זיי זיינען אַריין אין די חזירים און די חזירים זיינען דערטרונקען געוואָרען אין ים".

דער פאַרכאַפּטער איז שוין פולקאָם געזונט (פיידזשעס 353, 354).

אַ מאַן מיט'ן נאָמען אליעזר האָלט זיך קוים אויף די פיס. עס איז אַ שרעק אַ קוק צו טאָן אויף אים. ער זעהט אויס ווי אַ מת און דער אמת איז, אַז ער איז שוין טאַקע געלעגען אין קבר. יעזוס האָט אים אָבער צוריק לעבעדיג געמאַכט און איצט ווירקט ער אויף אים מיט זיינע באַוועגונגען, וועלכע דער געוועזענער מת מאַכט נאָך. דאָס קומט אים צוערשט אָן שווער, אָבער מיט זיין מעכטיגען ווילן גיט יעזוס אין אים אַריין אַלץ מער לעבען און כחות. (פיידזש 393).

יעזוס מאַכט בלינדע זעהענדיג, קרעציגע מאַכט ער געזונט און ריין; ווען עס איז ניטאָ קיין ווין אויף קידוש ווערט ביי אים פון וואַסער ווין.

אַזעלכע און אַנדערע וואונדערען פאַרנעמען פיידזשעס און פיידזשעס אין אַ סך ערטער פון דעם בוך „נאַזאַרין".

אין דעם נייעם טעסטאַמענט ווערט וועגען די אַלע נסים דערצעהלט פון מענשען וואָס האָבען אַ הייליגען גלויבען אין זיי און שלום אַש דערצעהלט זיי איבער אָהן דער קלענסטער אָנצוהערעניש אויף אַ צוויפעל.

.6

# „דער הויפּט־קוואַל פון דעם אַנטיסעמיטיזם". — נעמט אַש אַראָפּ דעם בלבול אויף די אידען ?

די וויכטיגסטע ראָלע אין שלום אַש'עס „ענטפער" שפּילט די באַשולדיגונג אַז אידען האָבען יעזוס'ען געבראַכט צו זיין מאַרטירער טויט. די דאָזיגע באַשול־דיגונג ווערט וועגען זיי געמאַכט אין נייעם טעסטאַמענט. זי ווערט דאָרטען ווידערהאָלט ווידער און ווידער. עס ווערט דערצעהלט, אַז אידען האָבען געפּאָדערט זיין קרייציגונג. מיט סצענעס ווערט פאַרגעשטעלט ווי זיי פּאָדערען זיין טויט ביים רוימישען פּראָקוראַטאָר (גובערנאַטאָר) פון יהודה און אַש שילדערט דאָס אויף אַ דראַמאַטישען שטייגער אַלס איינער וואָס איז דערביי געוועזן, אין דער פּערזאָן פון זיין פאַרגעגנגער יוחנן. בלויז ביי אַש'ן זיינען די מענשען, וואָס פּאָדערען יעזוס'עס טויט, צוגעשיקט פון דעם כהן גדול.

ביי קריסטען פון אומוויסענדע קלאַסען אין צוריקגעשטאַנענע לענדער, הויפּט־זעכליך ביי קינדער, איז נאָך היינט פאַרשפּרייט דער נאָמען „קריסטוס מערדער" אויף אידען. אָבער אַפילו אין אַזעלכע לענדער איז שוין דאָס אַן אָפּגעלעבטע איינ־ריידעניש אָהן ממשות.

שלום אַש ערקלערט אָבער מיט אַ טאָן אין וועלכען מען זאָגט „צוויי מאָל צוויי איז פיער", אַז דאָס איז „דער הויפּט קוואַל פון דעם אַנטיסעמיטיזם" ביז היינטיגען טאָג.

אַלזאָ מאַכט ער אין זיין „ענטפער" די דאָזיגע באַשולדיגונג פאַר דעם פונדאַ־מענט פון דער פאָלגענדער חקירה.

1) אַזוי ווי דער אַנטיסעמיטיזם איז איצט שטאַרקער און באַרמלאָזער ווי ווען עס איז פריהער (ריידען רעדט שלום אַש אַלץ בלויז וועגען די פאַראייניגטע שטאַטען) ;

2) און אַזוי ווי דער הויפּט קוואַל פון דעם אַנטיסעמיטיזם איז דער בלבול אַז אידען זיינען שולדיג אין יעזוס'עס קרייציגונג ;

3) און אַזוי ווי זיין בוך „נאַזאַרין" וואַשט אָפּ דעם דאָזיגען בלבול פון די אידען, מוז מען דעריבער פון דעם שליסען, אַז —

4) ער, שלום אַש, האָט מיט זיין בוך מיליאָנען קריסטען פון זייער אַנטי־סעמיטיזם אויסגעניכטערט.

אין די דאָזיגע פיער פונקטען האָט איר דעם עיקר און דאָס סאַמע הארץ פון זיין אַכט־קאָלומדיגען אַרטיקעל, וועלכער טראָגט דעם איבערשריפט „מיין ענט־פער". מיר וועלען אָנהויבען פון נומער צוויי, אַז דער דאָזיגער בלבול איז דער הויפּט קוואַל פון דעם איצטיגען אַנטיסעמיטיזם.

אַז אין דעם פינסטערען מיטעל־אַלטער האָט דער דאָזיגער בלבול אידען אָפּ־געקאָסט טייכען מיט בלוט, דאָס איז נאַטירליך אמת. דער צלם גופאָ, וועלכער איז געוואָרען דער סימבאָל פון קריסטענטום, פלעגט די אומוויסענדע קריסטליכע מאַסען דינען אַלס אַ סימבאָל פון דעם אידישען „פאַרברעכען", אַלס אַן עראינערונג, אַז די אידען האָבען גאָט'ס זון געבראַכט צו זיין פאַרפּייניגונג אויף אַ צלם. איז דאָס

אָבער אמת היינט אויך? און — דאָס איז דער עיקר — איז דאָס היינט אמת וועגען די פאַראייניגטע שטאַטען? עס איז קאַמיש אַזאַ געדאַנק אַפילו אַרויס צו ריידען.

דאָרט, וואו היינט לאָזט זיך פילען אַ שאַרפער סענטימענט געגען אידען, האָט ער אַ גאַנץ אַנדערען כאַראַקטער און ער וואַקסט אַרויס פון גאַנץ אַנדערע וואָרצלען. די באַשולדיגונג, אַז אידען האָבען יעזוס׳ען געבראַכט צו זיין טויט, ווערט אויף אַ פּראַקטישען שטייגער היינט ערענסט אין ערגעץ ניט גענומען. פּראָטעסטאַנטישע קריסטען ווי ענגלענדער, האָלענדער, שוועדען, נאָרוועגען, דענען, בעלגיער אָדער אַמעריקאַנער, שענקען דער לעגענדע ניט קיין אויפמערקזאַמקייט. דער נייער טעס־טאַמענט איז טאַקע ביי זיי הייליג, אָבער דאָס, וואָס דאָרטען ווערט דערצעהלט, אַז אידען האָבען פאַראורזאַכט די קרייציגונג פון יעזוס׳ען, הויבט זיי ניט אָן צו אינ־טערעסירען. די פּראָטעסטאַנטישע לענדער, וועלכע מיר האָבען דאָ אָנגערופען, זיינען איבערהויפּט פריי פון אַנטיסעמיטיזם. דאָס זעלבע קען מען אָבער אויך זאָגען וועגען ענטוויקעלטע קאַטוילישע לענדער ווי פראַנקרייך, למשל, אָדער אי־טאַליע, ווי זי איז געוועזן אידער מוסאָליני איז געוואָרען אַ שותף און אַ שקלאַף ביי היטלער׳ן.

דאַרף מען דען אַ בעסערען באַווייז ווי דער פאַקט, אַז דער היינטיגער פּויפּסט איז געגען אַנטיסעמיטיזם און דער פריהערדיגער פּויפּסט איז דאָס געוועזן נאָך מיט מער פלאַם. אַז אַ פּויפּסט זאָל אויפוועקען די באַשולדיגונג דאָס אידען זיינען פאַראַנטוואָרטליך פאַר יעזוס׳עס טויט — אַזעלכעס איז שוין לאַנג־לאַנג ניט געהערט געוואָרען.

היינטיגע קריסטען, קאַטויליקען אַריינגערעכענט, געדענקען נאַטירליך, אַז אין דעם נייעם טעסטאַמענט ווערט דערצעהלט ווי אידען האָבען געפאָדערט ביי פּאָנטיוס פּילאַט׳ן, ער זאָל יעזוס׳ען קרייציגען. זיי באַטראַכטען דאָס אָבער ווי פילע אַנדערע זאַכען פון דעם נייעם טעסטאַמענט. עס איז רעליגיע און אין פּראַקטישען לעבען האָט עס קיין באַדייטונג ניט. און ווען די קרייציגונג פון יעזוס׳ן וואָלט אַפילו געווען געשיכטע און ניט רעליגיע, ווער וואָלט זיך דאָס היינט אינטערעסירט מיט אַן עפּיזאָד פון פאַר צוויי טויזענד יאָר?

דאָס עראינערט מיך אָן דעם פאָלגענדען אינטערעסאַנטען פּונקט. פאַראַן לי־בעראַל־רעליגיעזע קריסטען, וועלכע זיינען גענייגט אַרויפצוואַרפען דעם גאַנצען היינטיגען אַנטיסעמיטיזם אויף דעם נייעם טעסטאַמענט, אַט טאַקע דערפאַר וואָס זיי זיינען פרייגעזאָנען און האַסען די לעגענדעס פון די פיער עוואַנגעליומס אַלס פאַבריצירטע בבא מעשיות. זייער רעליגיע באַשטעהט פון די עטישע פּרינציפּען, וואָס יעזוס זאָל האָבען געפּרעדיגט, אָהן די נסים און מופתים. פאַראַן זאָגאַר גייסט־ליכע אַזעלכע, און אַ גאַנץ היבשע צאָל זאָגאַר. אייניגע פון זיי דערגעהען אין זייער ליבעראַליזם צו אַ פאַנאַטיזם. אַלזאָ טענה׳ען זיי אַז די יעזוס געשיכטע ווי זי ווערט דערצעהלט אין דעם נייעם טעסטאַמענט פלאַנצט איין אויף אימער אַנטי־סעמיטיזם אין קריסטליכע הערצער אַפילו אין אַזאַ לאַנד ווי די יונאַיטעד סטעיטס.

אַנדערע ליבעראַלע גייסטליכע ערקלערען, אַז אַזאַ מיינונג איז שטאַרק איבער־טריבען. זיי לייקענען ניט אַז דער נייער טעסטאַמענט ענטהאַלט אין זיך גענוג אַנטיסעמיטיזם, וועלכער איז אַהין אַריינגעקומען אין די ערשטע יאָרהונדערטע פון

דער קריסטליכער רעליגיע. זיי זיינען אָבער איבערצייגט אַז אין די פאַראייניגטע שטאַטען און אין ענגלאַנד האָט די „קראַיסט קיללער" מעשה קיין באַדייטונג ניט; אַז ביי דער קליינער צאָל אַמעריקאַנער, וואָס זיינען אונפריינדליך צו אידען, קומט דער געפיל פון גאַנץ אַנדערע אורזאַכען און אַז דער אַלטער בלבול האָט דאָ קיין האַפט ניט.

שלום אַש איז ווירקליך דער וואָס פרופט דעם בלבול אויפוועקען, ווייל ער דאַרף אים האָבען פאַר זיין „ענטפער" צו זיינע אידישע קריטיקער.

קאַטוילישע גלחים־אַנטיסעמיטען ביי וועניג פאַרגעשריטענע פעלקער זיינען ניט קיין זעלטענהייט, אָבער אַז זיי זאָלען אַגיטירען געגען אידען אויף דעם גרונט דאָס זיי זיינען „יעזוס־מערדער", דאָס איז היינטיגע צייטען אַ גרויסע זעלטענהייט. פאַדהער קאָגלין איז אַ קאַטוילישער גלח אין אַ פאַרטגעשריטענעם לאַנד און דאָך איז ער אַן אַנטיסעמיט. זיין אַנטיסעמיטיזם איז אָבער פון דעם היטלערישען שניט און עס האָט מיט דער קריסטליכער רעליגיע ניט צו טאָן.

דאָס ברענגט אונז צו דעם פאַקט, אַז די גרעסטע און טויטליכסטע וועלט־אַגי־טאַציע געגען אידען, די וועלכע ווערט אָנגעפירט פון היטלער'ן, געבעלס'ען און זייער גאַנצע מאַשין, דערמאָנט די באַשולדיגונג, אַז אידען זיינען „כריסטוס מער־דער" אַפילו מיט איין וואָרט ניט. דער גאַנצער היטלעריזם איז גאָר פיינדליך צו דער קריסטליכער רעליגיע.

אין פאַרגלייך מיט דעם היטלערישען אַנטיסעמיטיזם איז דער אַנטיסעמיטיזם, וועלכער עקזיסטירט איצט אין די פאַראייניגטע שטאַטען, ווירקליך אַ קינדער־שפיל. נו, האָט זיך אַש גראַד איצט פאַרנומען מיט דער קינדער־שפיל, הייסט עס; און די היטלער קאַטאַסטראָפע דערמאָנט ער אַפילו ניט אין זיין „ענטפער", וואו דאָס פאַדערט זיך. קען מען אַזאַ „ענטפער" נעמען ערענסט?

ניט מער ערענסט קען מען נעמען דעם שוין לאַנג אויסגעוועבטען באַגריף, אַז דער ה ו י פ ט ק ו ו א ל פון אַנטיסעמיטיזם איבער דער וועלט איז דער פאַר־צוויי־טויזענד־יאָריגער בלבול, אַז אידען זיינען שולדיג אין יעזוס'עס טויט. און ווען די דאָזיגע „חקירה" ווערט געברויכט אין באַצוג צו די פאַראייניגטע שטאַ־טען, איז דער אונזין נאָך שרייענדיגער.

אַש האַלט זיך אָבער פאַר דעם לאַנג־אויסגעוועפטען כלל מיטביידע הענט. זיין „ענטפער" איז פול מיט אים. ער זאָגט דאָרטען צום ביישפיל דאָס פאָלגענדע:

„אויב אויספאָרשונגען קענען פירען דערצו, אַז מען זאָל אָפוואַשען דעם בלבול פון אידישען פאָלק, אַז אידען זיינען שולדיג אין דעם טויט פון ישו הנוצרי — וואָס דאָס איז דער וויכטיגסטער קוואַל פון שנאה צו אידען... נעמט מען דערמיט אַוועק די וויכטיגסטע וואָפע פון אידען־האָס".

אַזעלכעס צו שרייבען איצט אין פאַרבינדונג מיט דער פראַגע ווי אַזוי צו באַקעמפען אנטיסעמיטיזם אין אונזער צייט איז שוין אַ צו גרויסער שפאַס.

אָבער לאָמיר זיך פאָרשטעלען, אַז דער בלבול דאָס אידען האָבען יעזוס'ען געבראַכט צו זיין טויט איז נאָך היינט אויך די הויפט אורזאַך פון אַנטיסעמיטיזם, און אַפילו דאָ אין אַמעריקע אויך. האָט אַש מיט זיין „נאַזאַרין" דעם דאָזיגען בלבול טאַקע אָפגעוואַשט, ווי ער פרעטענדירט? דאָס איז דאָך דער הויפט־פונקט.

ער טענה'ט דאָך אַז דאָס איז געווען דער איינציגער צוועק צוליב וועלכען ער האָט געשריבען זיין „נאַזאַרין".

ווי אַזוי־זשע נעמט ער פון די אידען פון פאַר־צוויי־טויזענט יאָרען אַראָפּ די באַשולדיגונג ?

דער אמת איז, אַז אין דעם „נאַזאַרין" טוט ער פונקט פאַרקערט. די באַשול־דיגונג וואָס דער נייער טעסטאַמענט מאַכט געגען אידען, נעמט ער ניט אַראָפּ, נאָר ער נעמט זי אָן ווי זי שטעהט און געהט, אָהן דעם קלענסטען סימן פון אַ באַ־טראַכטונג אַפילו. און, ווי שלום אַש גיט אַליין צו, איז דאָך קיין אַנדער קוואַל פון אינפאַרמאַציע וועגען אַלץ, וואָס האָט פּאַסירט מיט יעזוס'ען, ניטאָ אויף דער וועלט.

נו, איז ניט נאָר באַווייזט שלום אַש נ י ט , אַז די באַשולדיגונג איז אַ בלבול, וועלכער איז פאַבריצירט געוואָרען פון אַנטיסעמיטישע קריסטען און האָט ניט קיין היסטאָרישען ווערט, נאָר ער מאַכט די „שולד" פון די אידען נאָך בולט'ער און שאַרפער, ווי זי ווערט פאַרגעשטעלט אין דעם נייעם טעסטאַמענט.

ער האָט אין זיין בוך צוויי סצענעס, וואָס האָבען אַ דירעקטע שייכות צום ענין : 1) אַ סצענע ביי דעם אידישען העכסטען געריכט, ביים סנהדרין, וואו מען ברענגט יעזוס'ען אויף דער קלאַגע, אַז ער גיט זיך אַרויס פאַר אַ משיח און העצט אידען זיך צו בונטעווען געגען דעם אידישען גאָט ; 2) אַ סצענע וואו דער רוי־מישער גובערנאַטאָר פאָנטיוס פּילאַט פרעגט ביי אַ אידישען עולם וואָס ער זאָל טאָן מיט יעזוס'ען.

ביי דעם סנהדרין איז דער כהן גדול און די גאַנצע כהן גדול־משפחה, פריהער־דיגע כהנים גדולים אַריינגערעכענט, געגען יעזוס'ען. דער כהן גדול פאָדערט מען זאָל אים געפינען שולדיג. יוחנן'ס רבי, רבי נקדימון, וועלכער איז אַ פאַרשטעהער פון דער פרושים־פּאַרטיי (פאַריסעיער), פאַרטיידיגט אים. נקדימון איז יעזוס'ען טריי, און אויפ'ן פּראָצעס גיט מען אים דאָס וואָרט עטליכע מאָל. דער כהן גדול און זיין פּאַרטיי די צדוקים (סאַדוקעיער) האָבען דאָרטען אָבער די גאַנצע מאַכט און זיי האָבען זיך אָנגעזעצט יעזוס'ען אומצוברענגען.

***

לויט די דינים, וועלכע האָבען קאָנטראָלירט דעם הויכען אידישען געריכט (סנהדרין), האָט דער משפט איבער יעזוס'ען איבערהויפּט ניט געקענט פאָרקומען אין דער צייט וועלכע איז באַשטימט געוואָרען פאַר אים. אין קרימינעלע פּראָ־צעסען, ווען עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען לעבען און טויט, האָבען די זיצונגען געמוזט פאָרקומען ביי טאָג און ניט ביי נאַכט; און די זיצונג אויף וועלכער מען האָט געזאָלט משפט'ן יעזוס'ען איז דוקא געווען באַשטימט אויף שפּעט ביי נאַכט — די נאַכט נאָך דעם אויבען־דערמאָנטען סדר. דער צוועק איז געווען אַז די מיט־גלידער מיט וועלכע דער כהן גדול איז ניט געווען זיכער, זאָלען ניט וויסען פון דעם פּראָצעס און ניט זיין אַנוועזענד. נקדימון האָט דיזען פונקט אויפגעהויבען ביי דעם סנהדרין. ער האָט ערקלערט אַז די זיצונג איז אַן אונגעזעצליכע ; און איניגע מיטגלידער פון סנהדרין, וועלכע האָבען געהערט צו דעם כהן גדול'ס צד, האָבען אים זאָגאַר אונטערשטיצט. דערביי האָבען זיי באַמערקט אַז אין באַצוג צו דעם דאָזיגען דין זיינען די צדוקים איינפאַרשטאַנען מיט די פרושים.

דער כהן גדול האָט זיך ניט געקענט העלפען. ער איז געצוואונגען געווען צוצושטימען, אַז מען קען די זיצונג אַלס אַ טייל פון אַ משפט ניט פירען. ער האָט זיך אָבער אַן עצה געגעבען. ער האָט נעמליך ערקלערט, אַז דאָס וועט זיין ניט קיין זיצונג פון אַ געריכט, נאָר בלויז אַן אונטערזוכונג פון די פאַקטען. אַלזאָ, וועט מען ניט קומען צו אַ פּסק, נאָר צו אַ באַקאַנטשאַפט מיט די פאַקטען. דער כהן גדול האָט אָבער ביי זיך אין הארצען ערוואַרט, אַז דאָס וועט זיין גענוג פאַר אים, אַז דאָס איבעריגע וועט שוין טאָן פּאָנטיוס פּילאַט, דער רוימישער פּראָקוראַטאָר (גו־בערנאַטאָר).

און אזוי איז עס געווען. מען האָט יעזוס׳ען איבערגעגעבען צום רוימישען פּראָקוראַטאָר. מיט דעם אַליין האָט זיך אָבער די כהן גדול־פאַמיליע ניט באַנוגענט. (דער לעזער דאַרף אימער האָבען אין זינען, אַז דאָס אַלץ ווערט ערצעהלט אין דעם נייעם טעסטאַמענט און אַז אויף דעם דאָזיגען גרונט ווערט דאָס דראַמאַטיש געשילדערט אין אַש׳עס בוך).

אין דער צווייטער סצענע זעהען מיר פּילאַט׳ען ווי ער זיצט אויף אַ פּלאַט־פאָרמע און לעבען אים שטעהט יעזוס, אַ געשמיסענער, אַ פאַרבלוטיגטער מיט אַ דערנער־קרוין אויפ׳ן קאָפּ. אויף די טרעפּלעך פון דער פּלאַטפאָרמע שטעהט חנן בן חנן, דער אינגסטער זון פון דעם אַלטען געוועזענעם כהן גדול חנן, וועלכער איז דער שוואָער פון דעם הערשענדען כהן גדול. חנן בן חנן שטעהט אויף דער שפּיצע פון אַ גרופּע מענשען, וואָס זיינען אָנקעל, דער דאַמאָלסדיגער כהן גדול, האָט אַהער צוגעשיקט. דערביי געפינט זיך אַ מאַסע אידען. אייניגע פון זיי זיינען געקומען זעהן דעם שיקזאַל פון דעם מאַן, וועלכער איז, לויט דעם נייעם טעסטאַמענט און לויט אַש׳עס ערצעהלונג, שוין געווען זעהר פּאָפּולער אין ירושלים. אַנדערע ווידער זיינען פּשוט געווען שלוחים פון דעם כהן גדול.

דער רוימישער גובערנאַטאָר פרעגט ביים עולם וואָס ער זאָל טאָן מיט יעזוס׳ען.

„קרייציג אים! קרייציג אים!״ — שרייט חנן בן חנן צו אים. און די שלוחים פון דעם כהן גדול הילכען אָפּ מיט דער זעלבער פאָדערונג, אַז מען זאָל דעם אַרעס־טירטען געבען טויט־שטראָף.

מענשען פון דעם עולם שרייען און זידלען די כהנים פאַמיליע. זיי רופען זיי „רויבער באַנדע״, „הויט־שינדער״.

די ערשטע סצענע פאַרנעמט ביי אַש׳ען אַ גאַנצען קאַפּיטעל, פון פּיידזש 628 ביז 647. דאָרטען ווערט געגעבען דער פאַרהער און די דעבאַטע ביי דעם סנהדרין. די צווייטע סצענע איז אַ סך קירצער. זי קומט אָבער אַרויס נאָך שטאַרקער, ווי די ערשטע. זי געהט פון פּיידזש 668 ביז פּיידזש 674.

דער רעזולטאַט פון די צוויי סצענעס איז, אַז יעזוס׳ען שלאָגט מען צו מיט טשוועקעס צו אַ צלם — די טויט־שטראָף פאַר גרויסע פאַרברעכער ביי די רוימער פון יענע צייטען. בלוט גיסט זיך פון אים. ער קאָרטשעט זיך פון וועהטאָג ביז ער געהט אויס. יוחנן, דאָס הייסט דער, פון וועמען דער היינטיגער שלום אַש איז אַ גלגול, איז געווען דערביי ביז די לעצטע טליכע מינוט. זיין חבר רופוס בלייבט איבער אַ ביסעל לענגער. יוחנן־אַש, ווי מיר האָבען שוין ערקלערט, האָט

זיך געאײלט צו קומען צוריק צו זײער רבי׳ן נקדימון, און אים צו באַריכטען וואָס מיט יעזוס׳ען איז פאָרגעקומען.

***

אַ פּאָר ספּעציעלע ווערטער וועגען דער סצענע ביי אַש׳ען ווי פּאָנטיוס פּילאַט, דער רוימישער פּראָקוראַטאָר, פרעגט ביי דעם עולם וואָס ער זאָל טאָן מיט יעזוס׳ען. די האַנדלונג פון חנן בן חנן און פון דעם כהן גדול׳ס מענשען מאַכען אַן עקעלהאַפטען איינדרוק אויף די לעזער פון דעם „גאַזארין״, אַ פיינליכען איינדרוק. די לופט קלינגט אַזש מיט זײערע געשרייען: „קרייציג אים! קרייציג אים!״ איינדרוקס־פול זיינען אויך אַ פּאָר שורות וועגען דעם ווי ווייבער וויינען און מענער סטראַשען מיט די פויסטען און זידלען די כהנים גדולים. אין דעם לעזער׳ס זכרון בלייבט אָבער הויפּטזעכליך איבער דער ווילדער געשריי, די פאָדערונג, אַז מען זאָל דעם געפאַנ־גענעם אומברענגען, פאַרפייניגען צום טויט.

אין אַש׳עס באַשרייבונג געפינט זיך חנן בן חנן ניט צווישען דעם אַלגעמיינעם עולם נאָר אויף די טרעפּלעך צו דער פּלאַטפאָרמע, נאָהענט צו פּאָנטיוס פּילאַט׳ען. אין דעם נייעם טעסטאַמענט איז די דאָזיגע איינצעלהייט ניטאָ. דאָס האָט אַש צו־געלעגט פון זיין אייגענער פאַנטאַזיע. דאָרטען אויף די טרעפּלעך שטעהט ער, דער זון פון דעם אַלטען כהן גדול און אַרום אים שטעהען די מענשען, וואָס זיין אָנקעל, דער הערשענדער כהן גדול, האָט אָהער צוגעשיקט. ער שרייט און די גרופּע העלפט אים שרייען, אַז מען מוז יעזוס׳ען פאַרניכטען.

און אָט איז נאָך אַן איינצעלהייט, וועלכע שלום אַש האָט צוגעלעגט: ביי דעם שלוס פון דער גאַנצער סצענע דערצעהלט ער, אַז בשעת די סאָלדאַטען האָבען צו־טריבען דעם עולם, האָבען זיי יעזוס׳ען אַריינגעשלעפּט צוריק אין דעם הויף פון גובערנאַטאָר׳ס פּאַלאַץ און נאָך אים האָבען זיי אַהין אַריינגעפירט חנן בן חנן — „דעם ערשטען צו פאַרמוטשען און דעם צווייטען — צו ראַטעווען״. דאָס הייסט צו ראַטעווען אים פון דעם בייזען עולם. דאָס נעמט אַש, אַלזאָ, אויך פון זיין אייגענער פאַנטאַזיע. ער באַמיט זיך ספּעציעל צו ווייזען, אַז חנן בן חנן איז געווען אַ נאָ־הענטער מענש ביי פּילאַט׳ען און אַז דער גובערנאַטאָר האָט זיך געזאָרגט, אַז עס זאָל אים קיין בייז אויג ניט שאַדען. דאָס העלפט דעם לעזער זיך פאַרשטעלען וואָס פאַר אינטריגעס חנן בן חנן און זיין משפּחה האָבען געפירט יעזוס׳ען צו פאַרניכטען.

דער, וואָס לייענט אַש׳עס בוך באַקומט אַ שטאַרקען און זעהר אונאַנגענעמען געפיל, אַז דער כהן גדול און זיין פאַמיליע זיינען די הויפּט שולדיגע אין יעזוס׳עס טויט; און דאָס איז טאַקע וואָס די אַנטיסעמיטען פון די אַלטע צייטען האָבען געוואָלט. זיי האָבען געוואָלט מען זאָל וויסען, אַז די וויכטיגסטע אידען האָבען אינ־טריגירט, אַז מען זאָל יעזוס׳ען קרייציגען און אַז זיי האָבען דאָס אָפען געפאָדערט אויך. קורץ, זיי האָבען געוואָלט, אַז מען זאָל וויסען, אַז אידען זיינען די, וואָס האָבען געפּלאַנעוועט און דורכגעפירט די ערמאָרדונג פון יעזוס כריסטוס. און דאָס אַלץ שטעלט אַש פּאָר בולט׳ער און שטאַרקער ווי דער נייער טעסטאַמענט, און נאָך מיט איינצעלהייטען וועלכע ער טראַכט אַליין אויס טאַקע מיט דעם צוועק צו מאַכען די שולד פון דער כהן גדול־משפּחה נאָך גרעסער ווי זי איז לויט דעם הייליגען בוך.

## 7.

# ווער איז שולדיג אין דער ערמאָרדונג פון יעזוס קריסטוס? די אידען אָדער די רוימער? — אַ וויצע־גובערנאַטאָר. דער מאָטיוו צו וועלען אומברענגען יעזוס׳ן.

דער נייער טעסטאַמענט דערצעהלט, אַז די כהן גדול־משפחה איז געוועז שולדיג. דעם זעלבען איינדרוק באַקומט מען אַלזאָ אין אַש׳עס שילדערונג אויף אַ פיל שטאַרקערען אופן. שלום אַש זאָגט אָבער, אַז ער האָט באַוויזען, דאָס די רוימער זיינען גאָר די שולדיגע.

לויט דעם נייעם טעסטאַמענט און לויט שלום אַש׳עס „באַזאַרין", האָט די כהן גדול משפחה גע׳טענה׳ט אַז יעזוס איז אַ גרויסע געפאַר פאַר אידען און פאַר דער רוימישער רעגירונג. דער רוימישער גובערנאַטאָר איז צו זייער טענה געבליבען גלייכגילטיג, הויפטזעכליך צו זייער מיינונג, אַז יעזוס איז אַ געפאַר פאַר דער רוימישער מלוכה. ער האָט יעזוס׳ען מיט זיינע דרשות ניט גענומען ערענסט גענוג.

לויט דעם נייעם טעסטאַמענט קומט אויס, אַז ווען ניט די אינטריגעס פון דער דאָזיגער משפחה געגען יעזוס׳ען וואָלט דער גובערנאַטאָר אים געלאָזט לעבען און אָנגעהן מיט זיינע דרשות, און דאָס מאַכט די שולד פון דער פירענדער אידישער משפחה ספּעציעל שווער.

האָט אַש אָבער צוגעקלערט אַ העגעמאָן, אַ וויצע־גובערנאַטאָר צו פילאַט׳ען מיט׳ן נאָמען קאָרנעליוס, וועלכער האָט יעזוס׳ען גראָד יאָ באַטראַכט אַלס אַ געפאַר פאַר דער רוימישער הערשאַפט אין פּאַלעסטינע. ווי אַש דערצעהלט, האָט דער דאָזיגער העגעמאָן אַזוי לאַנג אַרגומענטירט מיט פילאַט׳ן ביז ער האָט אים איבערצייגט, און דאָס, צוזאַמען מיט דער ענערגישער פּראָפּאַגאַנדע פון דעם כהן גדול און זיינע קרובים האָט דער כהן גדול פאַמיליע געבראַכט איר געווינשטען רעזולטאַט: פילאַט האָט יעזוס׳ען איבערגעגעבען געקרייציגט צו ווערען.

ווער־זשע איז געוועז דער העגעמאָן קאָרנעליוס? קיין אַנדערער ווי דער פּוילישער אַנטיסעמיט פאַן וויאַדאַמסקי מיט וועמען שלום אַש האָט מיט העכער ווי ניינצעהן הונדערט יאָר שפּעטער, זיך אַ סך גע׳חבר׳ט אין וואַרשע! פאַן וויאַדאַמסקי איז אַלזאָ געוועז אַ גלגול פון העגעמאָן קאָרנעליוס׳ען.

צווישען אַנדערע טעטיגקייטען האָט וויאַדאַמסקי אין וואַרשע געזוכט באַווייזע, אַז אידען געברויכען די בלוט פון קריסטליכע קינדער אויף מצה. וואָס פאַר אַ חבר אַזאַ בחור איז צו שלום אַש׳ען, אַפילו אין זיין פאַנטאַזיע, איז ניט לייכט צו באַנעמען. אָבער צי מען קען דאָס באַנעמען צי ניט, אַש מוז דעם העגעמאָן האָבען וויל אָהן אים וואָלט די שולד געפאַלען אויף די אידען און ניט אויף די רוימער; און ווי באַלד מען קען אַזאַ העגעמאָן ניט געפינען אין דעם נייעם טעסטאַמענט, וועלכער איז דער „איינציגער קוואַל" מוז מען אים אויסטראַכטען.

זייענדיג מיט שלום אַש׳ען אין וואַרשע האָט פאַן וויאַדאַמסקי זיך אַמאָל דערמאָנט, אַז מיט צוויי טויזענד יאָר פריהער האָבען זיי זיך געקענט אין ירושלים; אַז אַש׳עס נאָמען איז דאַן געוועז יוחנן. אַזוי ווי פאַן וויאַדאַמסקי איז אַ גלגול פון דעם העגעמאָן קאָרנעליוס, אַזוי איז שלום אַש אַ גלגול פון דעם אַמאָליגען יוחנן

פון ירושלים, און פונקט ווי מען קען ניט נעמען ערענסט די מעשה מיט דעם רוימישען וויצע־גובערנאַטאָר, וועלכער איז שפּעטער מגולגל געוואָרען אין אַ פּוי־לישען פּאַן, אַזוי קען מען ניט נעמען ערענסט די מעשה, אַז דער דאָזיגער וויצע־גובערנאַטאָר האָט פּאָנטיוס פּילאַט'ען איינגערעדט, אַז יעזוס איז אַ געפאַר פאַר רוים.

איז אָבער פאַראַן אַ בעסערער באַווייז, אַז אידען זיינען געווען אונשולדיג — אַ וויסענשאַפטליכער, אַ סאָלידער באַווייז, אַז עס איז קיינמאָל ניט פאָרגעקומען קיין סנהדרין־פּראָצעס איבער אַ יעזוס, ווייל עס איז קיינמאָל קיין יעזוס ניט געווען אויף דער וועלט; אַלזאָ איז ניט געווען וועמען צו קרייציגען.

אַז אין יהודה איז אַמאָל געווען אַ רוימישער גובערנאַטאָר מיט'ן נאָמען פּאָנטיוס פּילאַט — דאָס לייקענט קיינער ניט, ווארים דאָס איז היסטאָריע. צי דער דאָ־זיגער פּאָנטיוס פּילאַט האָט אַמאָל געקענט אַ אידען מיט'ן נאָמען יעזוס אָדער ווייניגסטענס געהערט פון אים, דאָס קען פּילאַט'ס גייסט זיך היינט ניט דערמאָנען. אַזוי ווייניגסטענס זאָגט ער, זיין גייסט, אין אַ הומאָריסטישע פּאַנטאַזיע פון דעם באַרימטען פראַנצויזישען בעלעטריסט אַנאַטאָל פראַנס. דער געדאַנק צו שרייבען אַזאַ מעשה האָט זיך ביי אַנאַטאָל פראַנס'ען גענומען פון דעם פאַקט, דאָס וועגען אַ יעזוס'ען און וועגען דעם, אַז מען האָט אים געקרייציגט געפינט זיך ניט קיין קיין וואָרט אין קיינע פון די פּאַפּירען, וואָס זיינען איבערגעבליבען פון דער רוימישער רעגירונג פון יענער צייט. די רוימישע גובערנאַטאָרען פלעגען רעגעלמעסיג צושיקען באַ־ריכטען קיין רוים און פּאָנטיום פּילאַט האָט אויך אַזוי געטאָן. קיין באַריכט אָבער פון אים וועגען דער קרייציגונג פון אַ אידישען פּרעדיגער מיט'ן נאָמען ישו פון דער שטעדטעל נצרת איז נישטאָ. קיין סימן פון אַזאַ דאָקומענט. און אין אידישע אָדער אַנדערע קוואַלען פון יענער צייט ווערט אַזאַ פּאַסירונג אויך ניט דערמאָנט. בלויז אין די מעשיות, וואָס האָבען שפּעטער אַרויסגעשפּראָצט ביי די גרינדער פון דער קריסטליכער רעליגיע, געפינט זיך דאָס.

מילאָ וועגען דער קאָרופּציע פון דער כהנים־אַריסטאָקראַטיע איז יאָ פאַראַן היסטאָרישער מאַטעריאַל. וואו נעמט מען אָבער היסטאָרישע באַווייזען, אַז חנן בן חנן און דעם כהן גדול'ס אַגענטען האָבען געפאָדערט אַז מען זאָל יעזוס'ען קרייציגען? דער איינציגער קוואַל פון אינפאָרמאַציע וועגען דעם איז, דער נייער טעסטאַמענט. דאָס איז אָבער ניט היסטאָריע נאָר דער הייליגער בוך פון דער קריסטליכער רעליגיע. און וויסענשאַפטליכע קריטיקער, מענשען וואָס שעצען בלויז עכטע היסטאָרישע פאַקטען, זיינען איבערצייגט, אַז די גאַנצע מעשה איז ניט מער און ניט ווייניגער ווי אַן אויסגעטראַכטע בבא מעשה.

פון אַלץ, וואָס שלום אַש דערצעהלט וועגען דער פאַרדאָרבענקייט פון די כהנים גדולים, בלייבט ביי דעם דורכשניטליכען קריסט אַן איינדרוק, אַז די מעכטיגסטע מענשען, די פירער, וואָס אידען האָבען אין יענער צייט געהאַט אין ירושלים, זיינען געווען פאַרדאָרבען און פאַרפוילט דורך און דורך. שלום אַש שאַפט אַ צענטער־בילד פון הימעל־שרייענדע נידערטרעכטיגקייט ביי אידען; און אין אַזאַ פאַל זייבען אונענטוויקעלטע קריסטען גענויגט צו באַשולדיגען דאָס גאַנצע אידישע פאָלק פאַר די זינד פון עטליכע אידען.

לעגט צו דעם צו דעם איינדרוק, וואָס אויף אַ קריסטליכען לעזער מאַכט די באַשרייבונג פון דעם סנהדרין־משפט איבער יעזוס'ען און פון דער סצענע ביי פּאָנ־

טיוס פילאט'ען, וואו חנן בן חנן פאָדערט, אַז מען זאָל יעזוס'ען פאַרפייניגען צום טויט, און איר וועט זיך פאַרשטעלען דעם אַנטיסעמיטישען עפעקט וואָס דאָס פלעגט מאַכען אויף אַ לעזער פון דעם נייעם טעסטאַמענט.

שלום אַש לעגט אַוועק אַ סך שרייבערישע ענערגיע (ניט פון דעם בעסערען סאָרט) צו ווייזען ווי די אידישע פירער, די כהנים גדולים, האָבען אינטריגירט און קאָנספּירירט צו ברענגען יעזוס'ען צום טויט דערפאַר ווייל ער האָט אָנגעפירט ביטערע אַטאַקעס אויף זיי. לויט אַש'עס שילדערונג קומט אויס, אַז קיינער האָט ניט געהאַט אַזאַ שטאַרקע אורזאַך צו וועלען פאַרניכטען יעזוס'ען ווי זיי, די כהנים גדולים, דאָס הייסט די וויכטיגסטע מענשען פון אידישען פאָלק און דאָס הייסט ביי אים באַווייזען, אַז אידען זיינען אין יעזוס'עס טויט אונשולדיג!

אין יעדען קרימינעלען פּראָצעס פאָדערט מען פון דעם פּראָקוראָר ער זאָל ווייזען דעם מ אָ ט י וו, די אורזאַך, דעם אינטערעס וואָס דער באַשולדיגטער האָט געהאַט צו באַגעהן דעם פאַרברעכען. אַז די כהנים גדולים האָבען געהאַט אַ מאָטיוו צו וועלען פּטור ווערען פון יעזוס'ען, דאָס מאַכט אַש אין זיין בוך אַזוי קלאָר ווי דער טאָג.

איך האָב דעם ענין דורכגעשטודירט דורך די בעסטע ווערק, וואָס זיינען געשאַפען געוואָרען, און איך בין איבערציייגט, אַז די גאַנצע מעשה איז אַ לעגענדע. מיליאָנען אינטעליגענטע קריסטען זיינען אויך איבערצייגט, אַז די יעזוס־מעשה איז אַ לעגענדע. די כהן גדול פאַמיליע פון יענער צייט איז טאַקע געווען קאָרופּט. אין דעם טויט אָבער פון אַ מאַן מיט'ן נאָמען יעזוס זיינען זיי געווען אונשולדיג. ניט עס איז געווען אַ סנהדרין־משפט אויף אַזאַ מאַן, ניט מען האָט אים געקרייציגט. אויף רוסיש איז פאַראַן אַ ווערטעל: „אויף ניט איז קיין משפט ניטאָ". און דאָ פּאַסט עס זיך גראָד אויף אַן אינטערעסאַנטען שטייגער. אַזוי ווי עס איז ניט געווען קיין יעזוס, האָט ניט געקענט זיין קיין משפט איבער אים. אַש נעמט אָבער די מעשה אָן אַלס אַ היסטאָרישע ווירקליכקייט, און די שולד פון די כהנים גדולים אויך אַלס אַ היסטאָרישע ווירקליכקייט.

אַש טענה'ט וועגען דער אומשולד פון אידישען פאָלק. די שולד אָבער פון דער כהן גדול משפחה, וועלכע דער נייער טעסטאַמענט שטעלט אַרויס, קומט ביי אים, ביי אַש'ען, אַרויס נאָך שטאַרקער ווי אין דעם נייעם טעסטאַמענט. דער אמת אָבער איז, אַז אין אַזאַ פאַרברעכען איז דער כהן גדול און זיין פאַמיליע געווען פונקט אַזוי אונשולדיג ווי יעדער אַנדער איד וואָס האָט דאַן געלעבט אויף דער וועלט. עס איז אַ הימעל־שרייענדער בלבול אויף דער דאָזיגער משפחה פונקט ווי אויף כלל ישראל. און די רוימער פון יענער צייט זיינען אין אַזאַ פאַרברעכען פונקט אַזוי אונשולדיג ווי די אידען.

דאָס איז דער אמת'ער ענטפער אויף דער פראַגע, ווער עס איז שולדיג אין יעזוס'עס טויט — די אידען אָדער די רוימער.

ווי עס איז שוין באַמערקט געוואָרען, אינטערעסירט די פראַגע היינט איבער־הויפּט קיינעם ניט. אויף ווי ווייט אָבער אַש האָט דעם אינטערעס אויף אַ ווײלע אָפּגעמינטערט ביי מאַנכע לעזער פון זיין בוך, האָט ער דאָס געטאָן אויף אַזאַ אופן, אַז דער קריסטליכער לעזער זאָל זיין גענייגט צו פילען, אַז די אידען פון יענער צייט זיינען געווען שולדיג אין דער קרייציגונג פון יעזוס כריסטוס; ווארים פאַ־

נאַנדערקלייבען זיך צווישען די העכסטע כהנים און דעם אַלגעמיינעם אידישען פאָלק אין אַזעלכע זאַכען, קלייבט זיך אַן עולם ניט פאַנאַנדער. אַלץ וואָס ער ווייס פון נייעם טעסטאַמענט איז, אַז די פירער פון די אידען זיינען שולדיג, און אַלץ וואָס אין זיין מוח בלייבט איבער איז, אַז די אידען זיינען שולדיג.

דער אַנטיסעמיטיזם, וועלכער איז געגרינדעט אויף דער מעשה, אַז יעדער איד איז אַ „קריסטוס-מערדער", איז שוין לאַנג, לאַנג אויסגעוועפּט. אין פאַרטגעשריטענע לענדער האָט מען שוין לאַנג פאַרגעסען, אַז דער צלם האָט עפּעס אַ שייכות צו אידען אַלס שולדיגע. אין פאַרגלייך מיט דער אידען-פיינדשאַפט פון אונזער צייט אין געוויסע לענדער, איז די פאַרצייטיגע באַשולדיגונג, אַז אידען האָבען גע־פאָדערט יעזוס'עס טויט, ניט ווערט שוין קיין שמעק טאַבאַק; און אַש'עס טענה, אַז ער האָט מיט זיין בוך געראַטעוועט די אידען פון פאַרפאָלגונגען, איז אַ פּוסטע פּרעטענזיע. דער היינטיגער אַנטיסעמיטיזם איז געגרינדעט אויף גאַנץ אַנדערע פונדאַמענטען. דער היטלעריזם לאַכט זיך אויס פון אַזעלכע מעשות — און ער פאַרטיליגט אידען בוכשטעבליך. ער פאַרניכטעט זיי הונדערטער טויזענדערווייז; און אויב ער וועט ניט באַזיגט ווערען, וועט מיט אידען האַלטען שמאָל כמעט אויף דער גאַנצער וועלט. נו, האָט אַש אָנגעשריבען אַ ראָמאַן, וועלכער וועט אונז אַלעמען ראַטעווען. ווי אַזוי? מיט דעם, וואָס ער וועט איבערצייגען די וועלט, אַז די אידען זיינען אין יעזוס'עס טויט אומשולדיג! קענט איר זיך פאַרשטעלען אַ קאָמישערען וואָדעוויל? מיר האָבען געזעהן, אַז אַש'עס אויפּטו מיט זיין בוך קומט אויס פונקט פאַרקערט. עס קומט נעמליך אויס, אַז די אידישע גרויסע כהנים זיינען, לויט זיינע שילדערונגען, די אמת'ע שולדיגע אין יעזוס'עס קרייציגונג.

דעם וואָדעוויל געברויכט אַש אין זיין „ענטפער" אַלס אַ מיטעל צו פאַרצאַמען פון דעם לעזער דעם וועג צו דעם אמת'ן ענין.

ווער איז שולדיג? פרעגט ער — די אידען, אָדער די רוימער? ער דיס־קוטירט די פראַגע אין זיין בוך און אויך אין זיין אַרטיקעל „די שולדיגע" (אין „אַטלאַנטיק מאָנטלי"). אין בײדע פאַלען האָט זי ניט קיין ממשות און קיין זין; און אין בײדע פאַלען באַווייזט ער אַבסאָלוט גאָרניט. ער שאַפט נאָר אַ טומעל אין דעם לעזער'ס קאָפּ.

די רוימער זיינען געווען די מאַכט. אַ באַפעהל צו קרייציגען יעזוס'ען וואָלט געמוזט קומען פון דעם רוימישען גובערנאַטאָר. ווער אָבער האָט עס ביי איהם געפאָדערט און אינטריגירט, אַז דאָס זאָל געשעהן? און ווער האָט אין אַזאַ סוף געהאַט דעם שטאַרקסטען אינטערעס?

לויט דעם נייעם טעסטאַמענט, און נאָך שטאַרקער לויט שלום אַש'עס בוך, איז דער ענטפער אויף בײדע פראַגען דער זעלבער: די כהן גדול-משפּחה! אויב ניט, וואָלט אַש ניט געווען געצוואונגען אויסצוטראַכטען אַ וויצע-גובערנאַטאָר.

די דאָזיגע אויסטראַכטעניש אין אַזאַ פאַל איז אַ מערקווירדיגע אָפּעראַציע. עס האַנדעלט זיך, דאַכט זיך, וועגען אַזאַ ערנסטער רעטעניש: ווער איז שולדיג אין דעם טויט פון יעזוס כריסטוס? שלום אַש האָט ניט קיין באַווייזען מיט פאַק־טען, וואָס זאָלען שטיצען זיין מיינונג; פאַרפאַסט ער אַ מעשה וועגען אַ רוימישען וויצע-גובערנאַטאָר...

שטעלט זיך פאָר, אַז דער זעלבער שלום אַש זיצט אויפן עדות שטול אין אַ

געריכט ביי אַ מאָרד־פּראָצעס. ער האָט ניט קיין פאַקטען. אַלזאָ, דערצעהלט ער אַ סקיצע. און ווען דער אַנדערער צד פּראָטעסטירט, פּרוּואָס ער דערצעהלט מעשיות פון אַ גבעכטיגען טאָג, ענטפערט ער: „איך בין אָבער אַ בעלעטריסט".

ער איז טריי דעם נייעם טעסטאַמענט, ווייל דאָס איז דער „איינציגער קוואַל". ווען דער „איינציגער קוואַל" זאָגט, אַז פּאָנטיוס פּילאַט האָט קיין חשק ניט געהאַט צו פאַרפאָלגען יעזוס'ען דערצעהלט דאָס אַש איבער אין זיין „נאַזאַרין". צו דער זעלבער צייט נעמט ער זיך אָבער צו אַן אַנדער „קוואַל" אויך: צו זיין ראָמאַנטי־שער פאַנטאַזיע.

## 8.

## ווער האָט אויסגעטראַכט אַז אידען האָבען פאַראורזאַכט יעזוס'עס טויט? — ווער האָט געהאַט אַן אינטערעס אין דעם? — אַ ספּעציעלער פּונקט.

האָט אין זינען דעם געפיהל וואָס האָט זיך פאַנאַנדער־געגליהט געגען אידען אין די הערצער פון קריסטליכע אַגיטאַטאָרס אין די ערשטע פּאָר הונדערט יאָהר פון דער קריסטליכער רעליגיע. דאָס איז געווען אַ קאָנקורענץ געפיהל.

די הויפּט ראָלען צווישען די גרינדער פון דער קריסטליכער באַוועגונג האָבען צוערשט געשפּילט אידען. זיי זיינען ניט געווען גרויס אין צאָהל. זייער קליינע גרופּע איז אָבער געווען טעטיג און די פיהרער זיינען אויך געווען אידען. די ניט־אידען, וואָס האָבען זיך פאַראינטערעסירט אין דער באַוועגונג, זיינען צוערשט געווען אַ הייפעלע; און איינפלוס האָבען זיי געהאַט זעהר ווייניג. ביס־לעכווייז איז זייער צאָהל געוואָרען גרעסער און דאַן האָט געמומען וואַקסען ביי זיי אַ ניט־פאַרגינערריי צו די אידישע קריסטען. נו, האָט אַש, מסתמא אַליין ניט באַמערקענדיג וואָס ער טוט דאָ, דעם אַנטיסעמיטישען שטאָף אָנגענומען אַלס אַ כשר'ן מאכל און האָט צו איהם נאָך צוגעגעבען זאַלץ און פעפער אין זיין „נאַזאַרין".

דער נייער טעסטאַמענט אין זיין איצטיגער פאָרמע איז געשריבען געוואָרען אין דער צייט ווען דער דאָזיגער קאָנקורענץ געפיהל איז שוין געווען אויסגע־וואַקסען. אַלזאָ האָבען צווישען די ניט־אידישע פיהרער פון דער קירכע זיך געפונען מענשען, וועלכע האָבען געהאַט אַן אינטערעס אויסצוטראַכטען און צו פאַרשפּרייטען די באַשולדיגונג אין כריסטוס מאָרד געגען זייערע אידישע קאָנקורענטען. די מעשה, וועלכע איז פאַרשפּרייט געוואָרען איבער דער גאַנצער קריסטליכער וועלט.

אויף אויסטראַכטען לעגענדעס איז אין יענע צייטען איבערהויפּט געווען אַ געוועהניש. אַלערליי בבא מעשיות זיינען געבאָרען געוואָרען — אייניגע רעלי־גיעזע, אַנדערע האַלב־פּאָעטיש פאַנטאַסטישע, ווידער אַנדערע — פון אַנדערע מינים.

דער איינציגער היינט עקזיסטירענדער קוואַל פון דעם בלבול איז דער נייער טעסטאַמענט. פון דאָרטען האָט שלום אַש איהם גענומען פאַר זיין „נאַזאַרין", אַליין ניט פאַרשטעהענדיג וואָס ער טוט דאָ, האָט ער די אַלטע אידען־העצע נאָך מעהר צעבלאָזען. ווען ער האָט געשריבען וועגען דער כהן גדול־משפחה, ווי זי האָט אינטריגירט אומצוברענגען יעזוס'ן, האָט זיך איהם גאַרניט גע'חלום'ט, אַז

אין דער דאָזיגער אַרבייט זיינער ווערט ער אַליין פאַרפיהרט פון אַן אַנטיסעמיטישער בלבול־פּראָדוקציע.

⁂

אין דער געשיכטע מיט דעם בלוט־בלבול אויף דער כהן גדול־משפּחה זיינען פאַראַן אַ פּאָר פּונקטען צו וועלכע איך וויל ציהען דעם לעזער׳ס ספּעציעלע אויפ־מערקזאַמקייט.

אין דעם נייעם טעסטאַמענט ווערט אויסדריקליך געזאָגט, אַז דער גובערנאַטאָר פּאַנטיוס פּילאַט איז געווען גאַנץ גלייכגילטיג צו דער פראַגע וועגען קרייציגען יעזוס׳ען, וואָרים ער האָט איהם ניט באַטראַכט אַלס אַ געפאַר פאַר דער רוימישער מלוכה. וואָס טוט אַש? טראַכט ער אויס אַ וויצע־גובערנאַטאָר מיט דעם נאָמען קאָרנעליוס, וועלכער גלויבט יאָ, אַז יעזוס איז אַ געפאַהר פאַר דער רוימישער רע־גירונג; און דער דאָזיגער קאָרנעליוס רעדט אַזוי לאַנג מיטן גובערנאַטאָר ביז ער רעדט איהם איבער און יענער איז איינפאַרשטאַנען, אַז מען דאַרף יעזוס׳ן קרייציגען. אויב אַזוי, פרעגט זיך אַ קשיה: ווי וואָלט געווען אַז קאָרנעליוס וואָלט ניט געקענט איבעררעדען דעם גובערנאַטאָר? וואָלט יעזוס געבליבען לעבען, הייסט עס?

האָט ער דאָך טאַקע ניט געקענט איהם איבעררעדען. וואָרים דער גאַנצער קאָרנעליוס איז דאָך אַן אויסגעטראַכטער. אַזאַ מענש איז קיין מאָל ניט געווען אויף דער וועלט, און אַ מענש וואָס האָט קיין מאָל ניט עקזיסטירט קען דאָכט זיך קיינעם ניט איבעררעדען. הייסט דאָך דאָס אַז מען האָט יעזוס׳ען ניט געקרייציגט.

באַנוצען זיך מיט אַן אויסגעטראַכטער מעשה אום דורכצופיהרען אַ באַוויז, אַז אַ געוויסע פּאַסירונג האָט ווירקליך געטראָפען און אַז דאָס איז ניט פאַנטאַזיע נאָר היסטאָריע — צו אַזעלכע נסים דאַרף מען האָבען די נסים־קראַפט פון אַ געט־ליכען מאַן. בענוצט זיך דאָ אַש מיט דער נסים־קראַפט פון זיין יעזוס?

ווייטער: איז מעגליך אַז חנן בן חנן האָט געשריען פאַר אַ גרויסען עולם „קרייציג איהם, קרייציג איהם“! ? איז מעגליך, אַז ער האָט דאָס געזאָגט אַלס ענטפער אויף דעם גובערנאַטאָר׳ס פראַגע, וואָס ער זאָל טאָן מיט יעזוס׳ן?

דאָס איז דאָך אין אַ נאַקעטען ווידערשפּרוך מיט די אינטריגעס, וואָס די כהן גדול־פאַמיליע האָט אָנגעפירט אויף אַ געהיימען שטייגער געגען יעזוס׳ען.

אין דעם פריהערדיגען קאַפּיטאַל פון אונזער אָפּהאַנדלונג לייענען מיר וועגען אַ שטעלע אין שלום אַש׳עס „נאַזאַרין“, וואו דער עולם צוגעהט זיך פון פּאַנטיוס פּילאַט׳ס פּאַלאַץ און צוויי מענשען נעמט מען אַריין אינעווייניג. איינער איז יעזוס און דער צווייטער איז חנן בן חנן. דעם ערשטען טרייבט מען אַריין אינווייניג איהם איבערצוגעבען צו זיין טויט און דעם צווייטען נעמט מען אַריין, כדי איהם צו באַשיצען געגען דעם צאָרן פון דער מאַסע. דאָס ווייזט אונז אין וואָס פאַראַ געפאַהר חנן בן חנן האָט זיך געפיהלט. ער האָט מורא געהאַט, אַז מען זאָל זיך ניט דערוויסען דאָס ער און זיין גאַנצע פאַמיליע אַרבייטען אויף פאַרבאָרגענע שטייגערס צו שיקען יעזוס׳ן צו זיין מאַרטירער ענד.

ווען שלום אַש האָט פאַרפאַסט די צווייטע סצענקע האָט דער דאָזיגער ווידער־שפּרוך ניט געצויגען זיין אויפמערקזאַמקייט. פון איין זייט: אינטריגירען די כהנים גדולים און טוען אַלץ אָפּ געהיים; אַזוי ווייט געהען זיי אין דיזער באַהאַלטענקייט

זייערער, אַז דעם פֿאַקט דאָס זיי וועלען האָבען אַ סנהדרין־משפט געגען יעזוס'ן האָבען זיי זאָגאַר פֿאַרבאָרגען פֿון אַלע סנהדרין־מיטגלידער, וואָס האָבען באַלאַנגט צו דער פרושים־פּאַרטיי. און פּלוצלונג שטעלט זיך חנן בן חנן, דעם אַלטען כהן גדול'ס זוהן, אויף די טרעפּלעך ביי פּאָנטיוס פּילאַט'ס פּאַלאַץ און שרייט מיט קולות פֿאַר אַ גרויסען עולם: „קרייציג איהם! קרייציג איהם!" און ער טוט דאָס אַלס דער אָנפֿיהרער פֿון אַ גרופּע מענשען, וועלכע זיינען צוגעשיקט געוואָרען פֿון זיין אָנקעל דעם הערשענדען כהן גדול, און וועלכע שרייען אויך „קרייציג איהם!"

אַזעלכע שרייענדיגע זעלבסט־ווידערשפּרעכונגען אַש'עס כאַראַקטעריזירען זיין באַציהונג צו אַן ערנסטען ענין. עס איז איינע פֿון די פֿילע בעווייזע וואָס זיינע אָפּהאַנדלונגען ענטהאַלטען, אַז אַזאַ סאָרט אַרבייט איז ניט זיין פֿאַך. עס איז אויסער־האַלב זיין קאָמפּעטענץ.

***

די ערקלערונג פֿון דעם נייעם טעסטאַמענט, אַז פּאָנטיוס פּילאַט האָט ניט געהאַט קיין בייזע געפֿיהלען צו יעזוס'ן און די סצענעס, וועלכע ווייזען, אַז די כהנים גדולים האָבען געפֿאָדערט זיין טויט — דאָס אַלץ איז ניט אַזוי „אומשולדיג" ווי מען קען מיינען. פֿיהרער פֿון אַנטיסעמיטישע קריסטען האָבען דאָס אַלץ אַריינ־געשטעלט אין דעם נייעם טעסטאַמענט ערשטענס מיט'ן צוועק צו מאַכען אַ גוטען איינדרוק אויף די מאַכט־האָבער פֿון רוים און צווייטענס, אַרויפֿצוואַרפֿען דעם גאַנ־צען בלבול אויף די אידישע כהנים גדולים, ווייזענדיג, אַז זיי זיינען די אמת'ע שולדיגע. און שלום אַש האָט דאָס אָנגענומען אָהן קשיות און אַלץ פֿאַרגעשטעלט טריי נאָך דעם אַנטיסעמיטישען עוואַנגעליום.

***

איידער מיר שליסען דעם קאַפּיטעל איז כדאי, גלויבען מיר, צו מאַכען די פֿאָל־גענדע באַמערקונג וועגען דעם היסטאָרישען מאַטעריאַל, וואָס איז פֿאַראַן וועגען דער דערמאָנטער כהנים גדולים משפּחה (אָדער משפּחות). אַז אין זייערע אויפֿ־פֿיהרונגען איז געווען אַ סך אומסימפּאַטישעס, אַ סך קאָרופּציע, עקספּלואַטאַציע, באַרמלאָזיגקייט — דאָס שיינט צו זיין פֿעסטגעשטעלט. מען קען זיך אָבער אויך פֿאָרשטעלען, אַז צווישען זיי האָבען זיך געפֿונען אויסנאָמען: אַ מיטגליד פֿון אַ כהן גדול פֿאַמיליע, וואָס האָט געהאַט אַ געוויסען, אַ האַרץ און פֿעהיגקייט באַגייס־טערט צו ווערען פֿאַר אַ נאָבעלען טאַט. מען קען זיך אויך מאָלען אַ קאָרופּטען כהן גדול וואָס האָט געהאַט מאָמענטען פֿון געוויסענסביסע און סימפּאַטישע איינ־סטינקטען אין אַלגעמיין. צי אַזעלכע אויסנאָמען וואָלטען געהאַט אַ שטיקעל וויר־קונג אויף דער עקזיסטירענדער סיסטעם, איז אַן אַנדער פֿראַגע. אַזעלכע זאַכען ווענדען זיך אָן אומשטענדען. אָבער אַז איינצעלנע פֿאַלען פֿון דיזען סאָרט זאָל אימיצער האָבען פֿאַרצייכענט און עס זאָל בלייבען אַלס אינפֿאָרמאַציע פֿאַר צוקונפֿ־טיגע דורות — דאָס איז, אונטער די דאַמאַלסדיגע אומשטענדען פֿון שרייבען, פֿאָרגעקומען אַ סך זעלטענער ווי היינט. אונז האָבען דערגרייכט נאָר פֿאַקטען פֿון זייער פֿאַרדאָרבענהייט.

מיר האָבען דאָ אָנגערירט די פֿראַגע פֿון אומשטענדען. און די אומשטענדען זיינען דאָרטען דאַן געווען אויסערגעוועהנליך שלעכטע. די צייט איז דאַן געווען זעהר אַ שווערע פֿאַר דער אידישער באַפֿעלקערונג און שלעכטע מאָראַלע איינפֿלוסען

זיינען געווען אַ קענטיגער טייל פון די עקזיסטירענדע אומשטענדען. די אידען האָבען זייער זעלבסטשטענדיגקייט געהאַט פאַרלוירען. די מעכטיגע רוימישע מלוכה האָט איבער פּאַלעסטינע געוועלטיגט מיט אַ רויבערשער און דעמאָראַליזירענדער האַנט. די קאָרופּציע פון די כהנים גדולים איז אין גרונט געווען אַ רעזולטאַט פון דער קאָרופּטער הערשאַפט, אונטער וועלכער זיי האָבען זיך געפונען ביי די רוי־מישע פּראָקוראַטאָרס. די גאַנצע אַטמאָספערע איז געווען קאָרופּט.

איך שטעל זיך פאָר ווי די באַשולדיגטע כהנים גדולים ריידען צו אונז פון זייערע אַלטע קברים און אַפּעלירען אין נאָמען פון גערעכטיגקייט מ׳זאָל רעווידירען דעם משפּט איבער זיי און אויסהערען זייער צד.

.9

# ר׳ יוחנן בן זכאי און ר׳ גמליאל. — שאול פון תרשיש. שלום אַש דערציילט, אַז ר׳ יוחנן בן זכאי האָט יעזוס׳ן ערקלערט פאַר אַ צדיק.

שלום אַש פיהרט אַריין אין זיין „נאַזאַרין” צוויי באַריהמטע תנאים: רבן יוחנן בן זכאי און רבן גמליאל. — ער גיט זיי אָפּ עטליכע פיידזשעס פון זיין בוך (דריטער טייל, קאַפּיטעל 25) און זיי שפּילען ביי איהם אַ ראָלע צו וועלכער איך וויל ציהען דעם לעזער׳ס אויפמערקזאַמקייט.

ביידע זייַנען זיי געווען מיטגלידער פון די פרושים פּאַרטיי (פאַריסעיער) און ביידע געהערען זיי צו די וויכטיגסטע תנאים אין דער געשיכטע פון דעם תלמוד. פון נקדימונ׳ען האָבען זיי זיך דערוואוסט (אַזוי דערצעהלט שלום אַש) אַז דער כהן גדול האָט דעם „רבי פון נצרת” (יעזוס׳ן) איבערגעגעבען אין די הענט פון רוי־מישען פּראָקוראַטאָר (גובערנאַטאָר) פּאָנטיום פילאַט און אַז זיין לעבען הענגט אויף אַ האָר. זיינען זיי אַנגעצונדען געוואָרען מיט ענטריסטונג און ר׳ יוחנן בן זכאי האָט געגנומען שרייען, אַז די רוימישע רעגירונג האָט קיין רעכט ניט זיך צו מישען אין אַזאַ ענין וועלכען נאָר דער אידישער סנהדרין דאַרף פּסק׳ענען. און ווען רבי נקדימון האָט איהם ערקלערט, אַז דער כהן גדול זאָגט דאָס דער גובערנאַטאָר האָט געפאָדערט, אַז מען זאָל יעזוס׳ן איבערגעבען אין זיינע הענט, האָט ר׳ יוחנן בן זכאי אָפּגעענטפערט:

„אונזערע חכמים לערנען אונז, אַז ווען מען צווינגט אַ מענשען צו פאַר־גיסען בלוט, איז זיין פליכט אַליין זיך צו לאָזען ערמאָרדען איידער צו פאָלגען. דער כהן גדול און זיינע מיטהעלפער האָבען געדאַרפט אַליין אומקומען איידער איבער־צוגעבען דעם מאַן פון נצרת צו דער רעגירונג. זיי האָבען אַ צדיק איבערגעגעבען אין די הענט פון רשעים”.

נאָך זיין געשפּרעך מיט נקדימונ׳ען האָבען ר׳ יוחנן בן זכאי און ר׳ גמליאל זיך געווענדט צום פאַרוואַלטער פון בית המקדש מיט אַ שאַרפען פּראָטעסט, מיט געשריי און מיט אַ פלאַמענדען צאָרן האָבען זיי גערעדט געגען דעם אומגעזעצליכען פּראָצעס איבער יעזוס׳ן. דער פאַרוואַלטער איז געווען אַ זוהן פון חנן בן חנן, דאָס

הייסט ער האָט געהערט צו דער כהן גדול משפּחה. די צוויי תנאים האָבען געשטו־רעמט געגען דעם סנהדרין און דער הערשענדער משפּחה און דער פּאַרוואַלטער האָט זיי פּאַרטיידיגט.

לויט דעם נייעם טעסטאַמענט האָט יעזוס די פּרושים־פּאַרטיי, פון וועלכער רבן יוחנן בן זכאי און רבן גמליאל זיינען געווען מיטגלידער, ביטער אַטאַקירט און געזידעלט. דאָס איז אָבער אַ פּאַרהעלטניסמעסיגע קליינינקייט. מען דאַרף זיך פאַרשטעלען דעם איינדרוק וואָס יעזוס האָט געמאַכט אויף די צוויי תנאים אַלס איינער וואָס ערקלערט זיך פאַר אַ משיח'ן און גאָט'ס זוהן, אום צו פאַרשטעהן ווי זיי האָבען זיך באַצויגען צו איהם. זיי וואָלטען ענטריסטעט געוואָרען פון דעם כהן גדול'ס טאַט. זיי וואָלטען דאָס אָבער ניט אויסגעדריקט אויף דעם שטייגער ווי שלום אַש שילדערט עס. ערקלערען פאַר אַ צדיק וואָלטען זיי איהם געוויס ניט. אַ חוץ דעם: וועגען ר' יוחנן בן זכאי'ס כאַראַקטער ווייס מען גענוג פון דער גמרא צו האָבען פאַר זיך זיין בילד: און דאָס איז אַ בילד פון אַ פרידליכען, געלאַסענעם, מילדען מענש; ניט קיין היציגען, ניט קיין כעסן און אַבסאָלוט ניט קיין קעמפער אין דעם געוויינליכען זין פון וואָרט. און ביי שלום אַש'ן פלאַקערט ער אַזש מיט קאַמף. אַש מאָלט אויף אַ גאַנץ אַנדער כאַראַקטער ווי ר' יוחנן'ס.

אַז ביידע, אי ר' יוחנן אי ר' גמליאל, וואָלטען ניט אַנערקענט יעזוס'עס געט־ליכקייט, איז איבעריג צו זאָגען. זיי וואָלטען איהם באַטראַכט אַלס אַ געפעהרליכען שונא פון אידישען פאָלק. זיי וואָלטען אויסגעמידען צו רעדען וועגען איהם. אפשר וואָלטען זיי זייערע געפיהלען צום כהן גדול אין אַזאַ פאַל אין דער עפענטליכקייט אַרויסגעוויזען קוים מיט אַ מינע. שטעלען זיך געוואַלדעווען, ווי אַש שילדערט זיי — דאָס שמעקט אין אַזאַ פאַל מיט שונד פּיעסע.

נאָך אַ סך ערגער איז דאָס, וואָס שלום אַש שילדערט די צוויי תנאים אַזוי ווי זיי וואָלטען געווען אַנהענגער פון יעזוס'ן. זיי קומען ביי איהם אַרויס כמעט ווי קאַפּיעס פון רבי נקדימון'ען אין דער דאַזיגער הינזיכט. און דאָס איז עקלהאַפט פאַלש.

ניט אַ האָר ווייניגער וויכטיג — און פון דעם שטאַנדפּונקט פון דער וויסענ־שאַפטס וועלט, נאָך אַ סך וויכטיגער — איז דאָס פאָלגענדע: וויסענשאַפטליכע פאַרשער ערקלערען, אַז די גאַנצע יעזוס געשיכטע איז אַ „מיטה", אַ לעגענדע. און עס זיינען זאָגאַר דאָ גענוג רעליגיעזע קריסטען, וואָס נעמען יעזוס'ן אָן בלויז אַלס דעם פאַרפאַסער פון די הויך־מאָראַלישע פּרינציפּען, וועלכע ווערען צוגעשריבען צו איהם. די מעשיות וועגען די נסים און אַנדערע אומנאַטירליכע ערשיינונגען וואָס ווערען דערצעהלט אַלס טיילען פון זיין לעבענס־געשיכטע, אַנערקענען זיי ניט. דער גרויסער, גרויסער מאַיאָריטעט פון דער קריסטליכער וועלט אַנערקענט נאַטירליך אַלע נסים און וואונדערען, ווי זיי ווערען איבערגעגעבען אין דעם נייעם טעסטאַמענט. און שלום אַש נעמט זיי אָן צוזאַמען מיט דעם פרומען קריסטליכען מאַיאָריטעט. דאָס איז אָבער פאַר איהם נאָך ווייניג. אין דער דערמאָנטער דעבאַטע שלעפּט ער אַריין ר' יוחנן בן זכאי אַלס אַ לעבעדיגען עדות אַז יעזוס איז אַ היס־טאָרישע ווירקליכקייט און אַ צדיק, אַ מאַרטירער. און פון וואַנען ווייס ער דאָס, אַש, אַז ר' יוחנן האָט אַזוי גערעדט וועגען יעזוס'ן? פון זיין אייגענער בעלעטריס־טישער פאַנטאַזיע.

ווען שלום אַש וואָלט יעזוס'עסווירקליכקייט געקענט באַווייזען אפילו ניט מער ווי אויף אַ „מער־אָדער־ווייניגער" איבערצייגענדען שטייגער, וואָלט די קירכע ר' יוחנן בן זכאי קאַנאָניזירט אַלס איינעם פון איהרע הייליגע און איהם, שלום אַש'ן, אויך.

אי רבן יוחנן בן זכאי, אי רבן גמליאל ווערען אין דער גמרא דערמאָנט אַ סך מאָל. זיי זיינען לעבעדיגע טיילען פון איהר. זיי פאַרנעמען פלעצער צווישען איהרע ליכטיגסטע שטערן. אין דעם נייעם טעסטאַמענט ווערט ר' יוחנן בן זכאי קיין איין מאָל ניט דערמאָנט. רבן גמליאל ווערט דאָרטען יאָ דערמאָנט, אָבער אויף אַזאַ אופן און אונטער אַזעלכע אומשטענדען, וועלכע ווייזען, אַז ער האָט מיט דעם קריסט־ליכען בוך אַזוי ווייניג שייכות ווי ר' יוחנן בן זכאי.

***

לויט דער איבערצייגונג פון אַ גרויסער צאָל דענקענדע מענשען איז דער אמת'ער גרינדער פון קריסטענטום געווען ניט יעזוס נאָר אַן אַנדער איד, איינער אַ שאול פון תרשיש. עס איז שטאַרק פאַרשפּרייט אַ מיינונג, אַז ער איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט דערצעהלט, אַז עס איז געווען אַ יעזוס. ווען דאָס איז צום ערשטען מאָל באַקאַנט געוואָרען אַלס אַ געשריבענע ערקלערונג, איז אַן אַנדער פראַגע, צו וועלכער מיר וועלען קומען אין דעם נעקסטען קאַפּיטעל.

איידער שאול פון תרשיש האָט פאַרלאָזען די אידישע אמונה איז ער געווען אַ פייערדיגער איד, אַ ליידענשאַפטליכער פרומאַק. אַזוי דערצעהלט ער אַליין; און דערביי באַמערקט ער, אַז ער איז געווען אַ תלמיד ביי רבי גמליאל'ען. דאָס אַליין שטעהט אין נייעם טעסטאַמענט און שלום אַש דערמאָנט אויך, אַז שאול איז געווען רבן גמליאל'ס אַ תלמיד.

שאול פון תרשיש האָט זיך באַוויזען אַלס פּרעדיגער פון קריסטענטום אַ יאָר אַכצעהן־צוואַנציג נאָך דעם דאַטום, וועלכער ווערט אָנגענומען אַלס די צייט פון יעזוס'עס טויט. וויכטיג איז דער פאַקט, אַז פריהער האָט קיינער יעזוס'עס נאָמען ניט געהערט. קיינער האָט קיין באַגריף ניט געהאַט, אַז עס איז געווען אַזאַ מענש אויף דער וועלט.

אין דער קירכע הייסט שאול פון תרשיש דער „הייליגער פּאָול". זיינע דרשות און זיינע „בריף" צו די איינוואוינער פון פאַרשידענע געגענדען זיינען אַ טייל פון דעם נייעם טעסטאַמענט און זיי שפּילען די גרעסטע ראָלע אין דער געשיכטע פון קריסטענטום. דער „הייליגער פּאָול" איז די בולט'סטע און קרעפטיגסטע פיגור אין דער קריסטליכער קירכע. די רעליגיעזע געדאַנקען, וועלכע ער האָט אין איהר אַריינגעבראַכט, זיינען דער פונדאַמענט פון דעם קאַטאָליציזם; און צו דער זעלבער צייט ווערט אַ געוויסער אַרטיקעל, וואָס ער האָט געשריבען, אָנערקענט אַלס דער ווינקעל שטיין אויף וועלכען מאַרטין לוטער האָט געבויט זיין פּראָטעסטאַנטישע ריכטונג.

„אַז דער „הייליגער פּאָול" זאָל ווערען דער הויפּט קוואַל פון קריסטליכע געדאַנקען און קריסטליכער טעאָריע, דאָס איז געווען אומפאַרמיידליך פון אָנפאַנג אָן" — אַזוי דריקט זיך אויס דער, וואָס שרייבט וועגען דעם ענין אין דער קאָלאָמביאַ ענציקלאָפּעדיע, איינע פון די סאַמע נייסטע און בעסטע פון די קירצערע ענציקלאָפּעדיעס אויף דער ענגלישער שפּראַך.

העכסט וויכטיג און כאַראַקטעריסטיש זיינען די פאָלגענדע ווערטער פון דעם זעלבען שרייבער: „איין שול קריטיקער באַטראַכטען די קריסטליכע רעליגיע אַלס דעם אויפטו פון דעם הייליגען פאָול, ווערענד יעזוס איז, לויט זייער מיינונג, בלויז אַ סימבאָל, אַ אידעע". איינפאַכער גערעדט, קיין יעזוס איז קיינמאָל ניט געווען.

איז שאול פון תרשיש טאַקע געווען דער, וואָס האָט איהם אויסגעטראַכט? די מיינונג פון וויסענשאַפטליכע פאָרשער און קריטיקער איז, אַז שאול פון תרשיש אַליין איז אויך אַן אויסגעטראַכטער. לאָמיר אָבער פאָרלויפיג אָננעמען, אַז ער איז ניט קיין אויסגעטראַכטער. אַז די מעשה, וועלכע ער דערצעהלט וועגען זיך האָט דורכאויס דעם טעם פון רעליגיעזער לעגענדע, דאָס וועט דער לעזער שוין אַליין זעהן. מיר וועלען זי געבען „ווי זי שטעהט און געהט" אין דעם נייעם טעסטאַמענט — אין די „מעשים פון די אַפּאָסטאָלען", קאַפּיטעל 22. דאָרטען דערצעהלט דער הייליגער פּאָול ווי ער איז פריהער געווען אַ פרומער איד און ווי אַזוי אין איהם איז פאָרגעקומען די ענדערונג.

ער דערצעהלט ווי ער איז געווען אַ טרייער תלמיד פון ר' גמליאל, אָפּגעהיט אַלע דינים און שטרענג באַשטראָפט און באַרמלאָז פאַרפאָלגט אַזעלכע אידען וואָס האָבען גענומען זיך צוהערען צו די דרשות פון יעזוס'עס תלמידים (אַפּאָסטאָלען). איין מאָל איז ער געפאָרען פון ירושלים קיין דמשק מיט בריף פון דעם כהן גדול. ער איז געפאָרען אַרעסטירען אידישע קריסטען, זיי ברענגען קיין ירושלים, וואו זיי וואָלטען באַשטראָפט געוואָרען.

ער איז שוין געווען נאָהענט פון דמשק, ווען פלוצלונג האָט גענומען שיינען אַ גרויסע ליכטיגקייט אין הימעל און ער האָט דערהערט אַ שטימע.

„איך בין אַנידערגעפאַלען" — דערצעהלט דער הייליגער פאָול —— „שאול, שאול" — האָט די שטימע צו מיר געזאָגט — „פאַרוואָס, פאַרפאָלגסטו מיך?" — און איך האָב געענטפערט: „ווער ביסטו, מיין האַר?" און די שטימע האָט צו מיר געזאָגט: „איך בין דער, וועמען דו פאַרפאָלגסט".

די וואָס זיינען געפאָרען צוזאַמען מיט שאול'ן האָבען יעזוס'עס שטימע ניט געהערט. שאול אָבער האָט זי יאָ געהערט. זעהן אָבער האָט ער די ערשטע מינוט ניט געקענט. ער איז פאַרבלענדט געוואָרען פון דער שטאַרקער שיין.

דערנאָך האָט זיך באַוויזען אַ פרומער מאַן און ער האָט צו איהם געזאָגט: „ברודער שאול, הויב ווידער אָן צו זעהן!" און שאול האָט גלייך אָנגעהויבען צו זעהן.

קורץ, אין שאול'ן איז פאָרגעקומען אַ רעוואָלוציע. אַזוי ווי פריהער איז ער געווען אַ פלאַקערדיגער איד אַזוי האָט ער איצט גענומען פלאַקערען אַלס קריסט.

אין אַ פריהערדיגען פלאַץ אין די זעלבע „מעשים פון די אַפּאָסטאָלען" פון דעם נייעם טעסטאַמענט (קאַפּיטעל 5) ווערט דערצעהלט ווי יעזוס'עס תלמידים, די אַפּאָסטאָלען, באַווייזען נסים און מופתים. מיט אַ וואָרט אָדער אַ בליק היילען זיי אויס קראַנקע אָדער זיי פאַרטרייבען שדים פון פאַרכאַפּטע.

עס באַווייזט זיך רבן גמליאל. ער רעדט צו אַ אידישען עולם. ער וואָרענט די אידען אַז זיי זאָלען לאָזען יעזוס'עס אַפּאָסטאָלען צו־רוה. „אויב זייער לעהרע, זייער אַרבייט איז פון מענשען", ערקלערט ער, „וועט דאָס סיי ווי סיי ניט האָבען

קיין באַדייטונג. אויב אָבער עס איז פון גאָט, וועלען די אידען דאָס ניט קענען באַזיגען, און עס וועט אויסקומען אַזוי, אַז די אידען שטעלען זיך געגען גאָט".

אין די ווערטער פיהלט זיך אַ שטרעבונג צו אָנערקענען יעזוס'עס געטליכע מאַכט. אַז רבן גמליאל זאָל זיי האָבען געזאָגט — דאָס אָטעמט מיט דעם זעלבען אָטעם ווי דער גאַנצער לעגענדאַרישער שטאָף. איינער פון די קריטיקער איז גענייגט צו מיינען, אַז רבן גמליאל רעדט וועגען יעזוס'ן אויף אַ געשייטען שטייגער כדי זיך אַרויסצודרעהען פון זאָגען דעם הוילען אמת. מיין איינדרוק איז, אַז אימיצער האָט די ווערטער פאַרפאַסט, ווייל זיי זיינען גוט פאַר דעם קריסטליכען פּראָפּאַגאַנדע צוועק.

דער שלוס פון דעם קאַפּיטעל, עטליכע שורות נאָך גמליאל'ס ווערטער, איז:

„יעדען טאָג האָבען די אַפּאָסטאָלען ניט אויפגעהערט צו פּרעדיגען יעזוס כריסטוס'ן אין דעם בית המקדש און אין יעדען הויז".

פילע קריטיקער זיינען איבערצייגט אַז די גאַנצע מעשה מיט יעזוס'עס „צוועלף אַפּאָסטאָלען" איז אַ לעגענדע.

דער הייליגער פּאָול איז געוועזן דער וואָס האָט אָפּגעשאַפט מילה ביי די ערשטע קריסטען, כדי עס זאָל זיין לייכטער אַריינצוציהען אַנדערע פעלקער אין דער סעקטע. דאָס דערמאָנט אונז, אַז ביי אידען איז שלום אַש געוועזן דער, וואָס האָט פאַרגע־שלאָגען די זעלבע „רעפאָרמע".

***

לויט דעם, ווי שלום אַש שילדערט רבן יוחנן בן זכאי'ס און רבן גמליאל'ס אָנטייל אין דעם היציגען געשפּרעך מיט דעם פאַרוואַלטער פון בית המקדש, זיינען זיי פון יעזוס'עס אַרעסט אויפגעבראַכט געוואָרען אָהן אַ ברעג. און דאָס איז געוועזן ווען דער כהן גדול האָט יעזוס'ען ערשט געהאַט איבערגעגעבען אין פּילאַט'ס הענט. היינט שטעלט זיך שוין פאַר ווי די צוויי תנאים וואָלטען געפיהלט ווען יעזוס איז שוין געוועזן פאַרפייניגט צום טויט אויפ'ן צלם. זיין שיקזאַל וואָלט, לויט שלום אַש'עס נוסח, געוועזן געמאַכט דעם טיפסטען איינדרוק אויף זיי. אַז זיי זאָלען קיינמאָל וועגען דעם ניט דערמאָנען דעם גאַנצען לעבען, איז אוממעגליך זיך פאָרצושטעלען, און דאָך איז דאָס אַזוי געוועזן. קיין איינציג מאָל, מיט קיין איינציג וואָרט, אָדער אָן אָנצוהערעניש אפילו, האָבען זיי וועגען דער טראַגעדיע ניט דערמאָנט. און אין נייעם טעסטאַמענט איז דאָך וועגען ר' יוחנן בן זכאי אויך קיין וואָרט ניטאָ. אויך איז דאָרטען ניטאָ קיין איינציג וואָרט וועגען רבן גמליאל'ס געשפּרעך מיט די פאַרוואַלטער פון בית המקדש. פון וואַנען זשע האָט ער, אַש, גענומען זיין מאַטע־ריאַל אויף די עטליכע פיידזשעס, וואָס ער פאַרנעמט מיט די צוויי תנאים אין זיין בוך? דער ענטפער איז דער זעלבער: ער האָט דאָס אַלץ פאַבריצירט מיט זיין מעשה־שאַפענדער פאַנטאַזיע. איז אָבער אַזאַ ענין אַ פּאַסיגע געלעגענהייט פאַר בעלעטריסטישע פאַנטאַזיעס?

באַרעכענט באַר וואָס אַש האָט דאָ אָפּגעפּראַוועט: ער האָט גענומען צוויי פון די באַרימטסטע תנאים פון דער גמרא, זיי צונויפגעשלעפּט מיט נקדימון'ען פון דער קריסטליכער עוואַנגעליע און זיי געגעבען ראָלען, וועלכע באַשטעטיגען די טראַדיציע פון דער קריסטליכער רעליגיע, הגם אין ערגעץ איז ניטאָ קיין איינציג וואָרט, וואָס זאָל וויזען, אַז זיי האָבען זאָגאַר געהערט פון אַ יעזוס'ן.

אַ שרייבער קען זיך ערלויבען צו געבען זיין פאַנטאַזיע פרייהייט צוליב בעלעטריסטישע צילען, כדי צו שאַפען אַ קינסטלערישען אָדער אַ שטיפערישען צייט־פאַרטרייב פאַר זיינע לייענער. אַזעלכעס אָבער צו טאָן מיט'ן צוועק צו שטיצען אַ רעליגיע, וועלכע האָט דעם שרייבער'ס פאָלק אָפּגעקאָסט ימים מיט בלוט, אַ פאָלק וואָס האָט זיך טויזענדערוויז מוסר נפש געווען איידער אָנצונעמען די אמונה, וועלכע מען האָט געפּרופט אַרויפצווינגען אויף זיי — דאָס איז שוין אַ טאָט פון אַ גאַנץ אַנדער מין.

ווענען דער סצענע אין שלום אַש'עס בוך, וואו יעזוס געפינט זיך צוזאַמען מיט משה רבינו און מיט אליהו הנביא, האָט אַ פריינד צו מיר געזאָגט:

„איך בין אַ הונדערט־פּראָצענטיגער פריידענקער, אַזוי ווי איהר, גענאָסע קאַהאַן, דאָך, ווען איך האָב געלייענט יענע פּיידזשעס האָב איך ניט ווילענדיג גע־זאָגט צו זיך: „ס'אַרא חלול השם!"

אַן עהנליכען געפיהל האָב איך געהאַט, זעהענדיג ווי אַש פאַרט צונויף ר' יוחנן בן זכאי און ר' גמליאל'ן מיט דעם נקדימון פון דעם נייעם טעסטאַמענט. איז איהם ניט געוונג, וואָס ער האָט דעם דאָזיגען נקדימונ'ען אַריינגעבראַכט פון זיין „איינציגען קוואַל"? מוז ער נאָך ר' יוחנן בן זכאי און ר' גמליאל'ן אויך אין אַ פאַר נקדימונ'ס פאַרוואַנדלען?

מיר האָבען אַלע דעם אויפריכטיגסטען רעספּעקט צו די רעליגיעזע געפיהלען פון קריסטען; אָבער, ווען אַ איד ערקלערט זיך פאַר אַ באַגייסטערטען אָנטייל נעמער אין רעליגעזע קריסטליכע געפיהלען, איז דאָס אַ גאַנץ אַנדערע געשיכטע און מאַכט אויף אונז אַ גאַנץ אַנדער איינדרוק. אַ שאַרפע ענטריסטונג איז אין מיר געשאַפען געוואָרען, ווען איך האָב ביי אַש'ן אין בוך געלייענט ווי ר' יוחנן בן זכאי זאָגט אַז יעזוס איז אַ צדיק.

אַריינצושלעפען די צוויי באַרימטע פּערזענליכקייטען פון דער גמרא אין זיין יעזוס־בוך און זיי צוזאַמענברענגען מיט נקדימונ'ען פון נייעם טעסטאַמענט איז אַן אומפאַראַנטוואָרטליכע און זעהר אומסימפּאַטישע אונטערנעמונג. צו וואָס האָט ער עס בעדאַרפט? צו כשר'ן יעזוס'ן און זיין אייגענעם איבערגאַנג צו יעזוס'ן. אויך האָט ער דאָס בעדאַרפט האָבען צו וואַרעמען זיך אין דעם פּרעסטיזש פון די צוויי גרויסע תנאים פון דער גמרא. עס הייסט אַזוי: וואָס, איהר לייקענט, אַז יעזוס שטעלט מיט זיך פאַר די אמת'ע אידישקייט? אָט זאָגט דאָך ר' יוחנן בן זכאי, אַז ער, יעזוס, איז אַ צדיק. אי איהר וועט פרעגען, וואו ער זאָגט דאָס? פון וואַנען האָט ער, אַש, דאָס גענומען? איז אַש מסתמא אונטער אַן איינדרוק, אַז אַ בעלעט־ריסט שטעלט מען אַזעלכע פראַגען ניט; אַז אַ בעלעטריסט מעג אויסטראַכטען וואָס זיין האַרץ גלוסט.

***

אַש ערקלערט, אַז ער האָט די יעזוס מעשה געמוזט נעמען פון דעם הייליגען קריסטליכען בוך, ווייל אין קיין אַנדער פלאַץ איז זי ניטאָ. עס מאַכט אים ניט אויס, הייסט עס, פון וואָס פאַר אַ קוואַל ער נעמט דעם מאַטעריאַל אָדער וואָס פאַר אַ סאָרט מאַטעריאַל דאָס איז, אַבי אַזאַ מאַטעריאַל איז פאַראַן; עס מאַכט איהם ניט אויס, ווען דער קוואַל איז אַ שטרענג קריסטליך־רעליגיעזער (אַדרבא, עס טוט איהם נאָך הנאה, פּאַסט זיך דאָ צו זאָגען, לויט אַן אַלטען אידישען שפּאַס). אָבער אויב

אַזוי, טאָ זאָל ער אויך אָנווייזען דעם „קוואַל" פון וועלכען ער האָט גענומען אַז ר' יוחנן בן זכאי האָט יעזוס'ן געהאַלטען פאַר אַ צדיק, דעם קוואַל פון וואַנען ער האָט געשעפּט די אינפאָרמאַציע אַז די צווי באַרימטע תנאים זיינען געווען באַפריינדעט מיט נקדימונ'ען און האָבען מיט איהם צוזאַמען געקעמפט צו ראַטעווען יעזוס'ן. אין דער גמרא איז וועגען דעם קיין וואָרט ניטאָ.

זאָל שלום אַש וויזען וואו עס שטעהט, אַז ר' יוחנן בן זכאי האָט געזאָגט די ווערטער וועגען יעזוס'ן, וועלכע ער שרייבט איהם צו. זאָל ער אָנגעבען דעם נאָמען פון דער מסכתא און דעם נומער פון דעם דף, וואו דאָס שטעהט.

.10

## האָט ר' יוחנן בן זכאי דאַן געוואוסט אַז אין ירושלים געפינט זיך אַ איד מיט'ן נאָמען יעזוס ? — די היסטאָרישע באַדייטונג פון ר' יוחנן בן זכאי.

וועדליג דער מעשה, וואָס שלום אַש דערצעהלט וועגען ר' יוחנן בן זכאי, האָט ער אַלץ געוואוסט וועגען יעזוס'ן אין דער צייט ווען יעזוס האָט זיך געפונען אין ירושלים. ער האָט געוואוסט, אַז ער און יעזוס געפינען זיך אין ירושלים אין דער זעלבער צייט; ער האָט געוואוסט, אַז יעזוס פּרעדיגט אויף די גאַסען און ער האָט געוואוסט פון די שטורמישע סצענעס וואָס יעזוס מאַכט אין בית המקדש; דערנאָך האָט דער תנא זיך דערוואוסט, אַז דער כהן גדול האָט יעזוס'ן איבער־געגעבען אין די הענט פון דעם רוימישען גובערנאַטאָר געקרייציגט צו ווערען. אַלזאָ, האָט ר' יוחנן בן זכאי אַרויסגעוויזען אַ פייערדיגע ענטריסטונג פון דעם כהן גדול'ס רציחה און דערביי האָט ער אויסגעדריקט הויכען רעספּעקט פאַר יעזוס'ן. נו, קען מען אָבער באַווייזען „אַזוי ווי צווי מאָל איז פיר", אַז ר' יוחנן בן זכאי האָט דאַן קיין באַגריף ניט געהאַט, אַז עס איז פאַראַן אַ יעזוס אויף דער וועלט; און ניט נאָר דאַן, נאָר אפילו אַ סך שפּעטער אויך ניט.

די גאַנצע גמרא־וועלט, מיט וועלכער ר' יוחנן בן זכאי איז געווען אַזוי אינטים פאַרבונדען, האָט צום ערשטען מאָל געהערט וועגען יעזוס'ן, זיין אַגיטאַציע און זיין קרייציגונג ערשט דאַן ווען די מעשה איז דערצעהלט געוואָרען אין דעם עוואַנגעליום פון דער הייליגען מאַטיאַס, וועלכער איז ערשינען אין דעם יאָר 71, דאָס הייסט 38 יאָר נאָך דעם ווי יעזוס איז געקרייציגט געוואָרען, ווי עס ווערט געוועהנליך אָנ־גענומען. (שפּעטער איז דער דאָזיגער עוואַנגעליום געוואָרען אַ טייל פון דעם נייעם טעסטאַמענט). און ווען ר' יוחנן בן זכאי וואָלט מיט יעזוס'ן צוזאַמען געווען אין ירושלים, וואָלט ער און אַלע אַנדערע לומדים געוואוסט פון יעזוס'עס אַגיטאַציע און פון זיין מאַרטירער טויט אויפ'ן שטעל. אין אמת'ן אָבער האָבען זיי קיין באַגריף ניט געהאַט אַז עס איז אַמאָל געווען אַ יעזוס ביז וויניגסטענס 38 יאָר שפּעטער. דאָס הייסט אַז דער געשפּרעך וואָס ר' יוחנן בן זכאי פיהרט אין שלום אַש'עס בוך וועגען יעזוס'עס אַרעסט, איז ניט מער ווי שונד־שטאָף).

איך בין באַקאַנט מיט די ווערק פון די וויכטיגסטע געלעהרטע וועלכע פאָרשען די יעזוס געשיכטע. זייערע אַרגומענטען און באַווייזען זיינען פולשטענדיג איבער־

ציגענד. אין זייערע ערקלערונגען בעמען זיי אין אַנבאַטראַכט, צווישען אַנדערע פאַרצייטיגע קוואַלען, די גמרא. צו דיזען צוועק באַנוצען זיי זיך מיט איבערזעצונגען פון דעם תלמוד און מיט פאַרשידענע ווערק וועגען דעם תלמוד, וועלכע זיינען מייסטענס געשריבען געוואָרען פון אידישע געלעהרטע אויף דייטש. פאַר דעם דאָזיגען טייל פון זייער אַרבייט האָבען זיי אינטערעסאַנטען מאַטעריאַל.

אין דער גמרא ווערט יעזוס נאַטירליך באַהאַנדעלט אַלס איינער מיט וועמען אידען טאָרען קיין שום שייכות ניט האָבען. לייקענען אָבער, אַז ער האָט אַמאָל געלעבט, לייקענט די גמרא ניט. די באַגריפען וועגען דער צייט ווען ער האָט געלעבט זיינען אין דער גמרא זעהר זאָנדערבאַר. צווישען איין מסכתא און אַ צווייטער איז וועגען דעם ענין אַ גרויסער אונטערשייד. דאָ האָט ער עקזיסטירט מיט הונדערט יאָר פריהער און דאָ מיט אַ פּאָר הונדערט יאָר שפּעטער. עס איז איבערהויפּט אַ פּלאָנטער פון אַלערליי סאָרטען. וועגען דאַטומס איז אין דער גמרא ניטאָ וואָס צו רעדען. וועגען אַזעלכע זאַכען האָבען די רבנים און לומדים פון יענע דורות זיך ניט געזאָרגט.

אַרטור דרעווס, דער דייטשער געלעהרטער, וועלכער איז איינער פון די גרינדליכסטע און וויכטיגסטע פאַרשער אין דער פראַגע, ברענגט אַן ערקלערונג פון דעם דייטש-אידישען געלעהרטען, רבי יואל, אַז די תלמודיסטען פון צווייטען יאָר הונדערט זיינען געווען פּינקטליך בלויז אין באַצוג צו דעם תנ"ך און צו פרושים און דרש אויפ'ן תנ"ך, און צו קיין אַנדער זאַך ניט. פון דיזען געלעהרטען ברענגט דרעווס די פאָלגענדע ווערטער: „איינע פון די זאָנדערבאַרע און שטוינענדע רע־זולטאַטען פון דער דאָזיגער גלייכגילטיגקייט איז דער פאַקט, אַז זיי זיינען געווען זעהר שלעכט באַקאַנט מיט די יעזוס פאַסירונגען". דאָס געהט אַלזאָ אויף די תלמודיסטען פון דעם צווייטען יאָרהונדערט. זיך פאַרשטעלען, אַז די תלמודיסטען פון פריהערדיגע דורות האָבען אין וועלטליכע ענינים געהאַט מער אינטערעס, איז נאַטירליך קיין גרונד ניטאָ.

און דער ענגלענדער דזשעי מ. ראָבערטסאָן, אויך איינער פון די באַרימטעסטע אויטאָריטעטען וועגען דער יעזוס פראַגע, באַטראַכט צווישען אַנדערע מאַטעריאַלען אויך דעם תלמוד און מיט די זעלבע רעזולטאַטען. ביידע ברענגען מאַסען באַווייזען צו באַשטעטיגען זייער איבערצייגונג, אַז די גאַנצע ליטעראַטור וועגען יעזוס'ן, פון דעם קריסטליכען צד, איז אָנגעפּיקעט מיט ווידערשפּרוכען און פעלשונגען.

און ר' יוחנן בן זכאי איז ניט געווען דער איינציגער תלמודיסט וואָס האָט געוואוינט אין ירושלים אין דער צייט ווען יעזוס האָט, לויט דעם נייעם טעסטאַ־מענט, דאָרטען אַגיטירט. דאָרטען האָבען זיך דאַן געפונען אַנדערע אידישע לומדים אויך, אַלץ פון דער זעלבער פרושים פּאַרטיי, צו וועלכער ר' יוחנן האָט געהערט, אַלץ מענשען וואָס האָבען טייער געהאַלטען דעם תלמוד. עס איז זעלבסט־פאַר־שטענדליך, אַז זיי וואָלטען אויך געוואוסט, אַז אין שטאָדט געפינט זיך אַ איד מיט'ן נאָמען ישו (יעזוס) און וואָס מיט איהם קומט פאָר. וואָרים לויט דער אַנגענומענער מעשה, האָט ירושלים מיט יעזוס'ן ניט אויפגעהערט צו קאָכען. אַז די גמרא־מענשען זאָלען פון דעם ניט וויסען און אַז זיי זאָלען וועגען דעם זיך ערקונדיגען ערשט פון דעם קריסטליכען בוך, וועלכער איז ערשינען פילע יאָרען שפּעטער, דאָס וואָלט געווען אוממעגליך.

מיר דאַכט, אַז דיזער פּונקט איז איינער פון די שטאַרקסטע באַווייזען, געגען דער היסטאָרישקייט פון יעזוס'ן.

***

מיר זאָגען ווידער און ווידער, אַז ר' יוחנן בן זכאי איז איינער פון די גרעסטע תנאים אין דער גמרא. דאָס איז אָבער ניט גענוג. אַז מען זאָל האָבען אַ גענויעם באַגריף וועגען זיין באַדייטונג. און ערשט דאַן, ווען מען פאַרשטעהט זיין פולע באַדייטונג, קען מען ריכטיג אָפּשאַצען וואָס שלום אַש האָט אָפּגעטאָן, ווען ער האָט איהם אַריינגעלייגט אין מויל די ווערטער, אַז יעזוס איז אַ צדיק און איהם געגעבען אַן אָנטייל אין דעם קאַמף פאַר יעזוס'ן. וואָרים אין דער געשיכטע פון אידישען פאָלק שפּילט ר' יוחנן בן זכאי אַ ראָלע ניט בלויז אַלס אַ תנא, אַ גרויסער מוח און לעהרער. ער שפּילט אַ היסטאָרישע ראָלע אין אַ פיל וויכטיגערען און מערקווירדיגערען זין. און ווען מען ווערט באַקאַנט מיט דעם, באַקומט שלום אַש'ס באַהויפּטונג, אַז ר' יוחנן בן זכאי האָט געהאַט דעם אויבען-געבראַכטען געשפּרעך וועגען יעזוס'ן אַ ספּעציעל אונאַנגענעמען טעם.

די אמת'ע טעטיגקייט פון יוחנן בן זכאי האָט זיך אָנגעפאַנגען ביי דרייסיג יאָר נאָך דעם יאָר, וועלכער ווערט אָנגענומען אַלס דער דאַטום פון יעזוס'עס טויט. אין דער צייט צו וועלכער מיר קומען איצט, איז ער שוין געווען דער וויכטיגסטער לעהרער און פיהרער פון דער פּרושים פּאַרטיי. די פּרושים פּאַרטיי האָט דעם אידישען פאָלק געלערענט צו זיין טריי ניט נאָר דער געשריבענער תורה און דעם גאַנצען תנ"ך, נאָר אויך דער תורה וואָס מען האָט געלערענט אויף אויסווייניג (תורה שבעל פּה), און וועלכע איז באַשטאַנען פון פּירושים, אויסטייטשונגען אויף דעם תנ"ך. די צדוקים — די פּאַרטיי פון די העכערע קלאַסען — האָבען דאָס לערנען פון דער ניט-געשריבענע תורה ביזווייליג קריטיקירט און אויסגעלאַכט. עס איז אויך געווען אַ דריטע פּאַרטיי — די עסייאַנער — וועלכע האָט געגלויבט אין הויכע אידעאַלען פון ברודערשאַפט. זי איז אָבער געווען אַ סך קלענער און געהאַט וויניגער פּראַקטישע באַדייטונג.

די ניט-געשריבענע פּירושים, קאָמענטאַרען און ערקלערונגען, וואָס די לומדים פון דער פּרושים פּאַרטיי האָבען געמאַכט אויף דער געשריבענער תורה, האָבען זיך געזאַמעלט און ביי די פּרושים זיינען זיי געווען כמעט אַזוי הייליג ווי די געשריבענע אַלטע תורה, וואָס גאָט האָט, לויט דער טראַדיציע, משה'ן געגעבען אויפ'ן באַרג סיני. ר' יוחנן בן זכאי איז די דאָזיגע אָנגעזאַמעלטע אויסטייטשונגען געווען אַזוי טריי ווי משה'ס געשריבענער תורה.

אידישקייט האָט ביי איהם געמיינטביידע צוזאַמען. און יעדע אָפּאָזיציע צו תורה שבעל פּה האָט איהם פאַרשאַפט אַ סך זאָרג און קומער.

עס איז געקומען צו דעם אידישען אויפשטאַנד געגען די רוימישע אונטערדריקונגען. רוימישע חיל אונטער דער קאָמאַנדע פון גענעראַל וועספּאַסיאַן, דער פאָטער פון טיטוס, האָט באַלאַגערט ירושלים און אין דער שטאָדט זיינען פאָרגעקומען אַלערליי טראַגעדיעס. מענשען זיינען געפאַלען פון שווערד, פון הונגער, פון אַלערליי קראַנקהייטען.

און די פּאַרטיי צאַנקערייען, אַנשטאַט אָפּגעשוואַכט צו ווערען צוליב די געמיינשאַפטליכע צרות, זיינען נאָך פאַרביסענער געוואָרען. די צדוקים האָבען נאָך גיפטיגער אַטאַקירט די פּרושים און אָפּגעלאַכט פון זייער לערנען, פון זייער תורה שבעל פּה. אַ געפאַהר האָט אויך געשטעקט אין דער אַגיטאַציע פון די אידישע קריסטען, מיטגלידער פון דער נייער קריסטוס סעקטע, וועלכע ר׳ יוחנן בן זכאי און זיינע פּאַרטיי חברים האָבען באַקעמפט.

פון דעם האָט זיך ביי ר׳ יוחנן בן זכאי צוזאַמענגעשטעלט אַ גרויסע דאגה וועגען דער צוקונפט פון אידישקייט, ווי ער און זיינע אָנהענגער האָבען עס פאַרשטאַנען. זיין גרעסטע זאָרג איז באַשטאַנען אין פאָלגענדען:

צווישען די פאַרשידענע קרבנות פון די אַלע אומגליקען איז אויסגעשטאָרבען אַ גרויסע צאָל לומדים, אידען וואָס האָבען אויף זייערע מוחות געטראָגען די אוצרות פון דער תורה שבעל פּה. די צאָל לומדים, וואָס איז נאָך איבערגעבליבען איז געווען קליין, און וואָס אַ טאָג איז זי געוואָרען קלענער.

און ר׳ יוחנן בן זכאי האָט געפיהלט, אַז אויב אַזוי זאָל געהן ווייטער, וועט פאַרשווינדען דער גאַנצער קוואַל פון אידישקייט און ער האָט זיך שטאַרק גענומען צום האַרצען דערפון. וועגען קיין אַנדער זאַך האָט ער ניט געקענט טראַכטען.

אָהן לערנען די געשריבענע און די ניט־געשריבענע תורה האָט ביי איהם געהייסען פיהרען אַ לעבען פון ווילדע מענשען, אַ לעבען אָהן אידישקייט, אָהן גייסטיגע אינטערעסען. די געפאַהר, וואָס ער האָט געזעהן אין דער עקזיסטירענדער לאַגע, האָט איהם ניט געלאָזט צו־רוה, ביז ער האָט גענומען טראַכטען וועגען אַ פּלאַן: ער וועט זיך אַרויסכאַפּען פון דעם באַלאַגערטען ירושלים און גרינדען אַ ישיבה און אַ שול אין יבנה, אַ שטעדטעל אויסערהאַלב דער באַלאַגערטער שטאָדט. אויף דיזען אָרט וועט ער ראַטעווען דאָס אידישקייט.

אַנדערע לומדים, אויך פון דער פּרושים פּאַרטיי, וועלכע האָבען געהאַט די זעלבע געדאַנקען און שטרעבונגען ווי ער, האָבען זיין פּלאַן און פיהרערשאַפט אָנגענומען מיט באַגייסטערונג און מיט איהם אויף דער שפּיצע האָבען זיי זיין פּלאַן דורכגעפיהרט. מען האָט איהם אָנגעטאָן און צוגעריכט ווי אַ טויטען און אויף דיזען אָרט האָט מען אָפּגענאַרט די וועכטער און איהם אַרויסגעפיהרט פון שטאָדט. און די ישיבה אין יבנה איז געגרינדעט געוואָרען.

איך קען ניט זאָגען, אַז יעדע איינצעלהייט פון דער פּאַסירונג רופט אַרויס מיין פולשטענדיגע איינפאַרשטאַנדיגקייט. זיך אָפּשטעלען צו באַטראַכטען אַזאַ פּרט איז אָבער ניט קיין טייל פון אונזער אויפגאַבע.

ירושלים איז געפאַלען. אידען האָבען פאַרלאָרען זייער אייגען לאַנד. אין אַנדערע לענדער האָבען אידען געוואוינט נאָך פון פריהער. איצט אָבער זיינען זיי צוזייט און צושפּרייט געוואָרען אַ סך מער ווי פריהער. און אין פילע פלעצער האָט זיך געשאַפען אַזאַ ישיבה אָדער אַ גרופּע ישיבות ווי די, וואָס ר׳ יוחנן בן זכאי האָט געגרינדעט אין יבנה. און די דאָזיגע ישיבות זיינען ניט געבליבען אָפּגעזונדערט איינע פון דער אַנדערער, נאָר זיי האָבען אָנגעהאַלטען פאַרבינדונגען צווישען זיך. אויף דיזען אָרט איז די תורה שבעל פּה און דער גאַנצער גייסטיגער לעבען פון די אידען אָנגעגאַנגען אַלס אַ געמיינשאַפטליכער שטראָם פון לומדות

אין וועלכען די גרעסטע ראָלע, נאָך תורת משה און דעם גאַנצען אַלטען תנ"ך, האָט געשפּילט די גמרא. די רעליגיעזע וויסענשאַפט, די וויסענשאַפט פון געזעץ און מאָראַל לויט תורת משה און תורה שבעל פה איז אַלזאָ געראַטעוועט געוואָרען און אַלס הויפּט העלד דערביי שיינט די פיגור פון ר' יוחנן בן זכאי.

צו באַהויפּטען, אַז דיזער גרויסער איד האָט אַמאָל געשפּילט אַ ראָלע כמעט פון אַן אַנהענגער יעזוס'עס, הייסט פאַרשווייכען איינעם פון די ליכטיגסטע נעמען אין דעם זכרון פון אידישען פאָלק. עס הייסט אויסטראַכטען אַ בלבול אויף איינער פון די שענסטע פּערזענליכקייטען אין דער אידישער געשיכטע.

רבי נקדימון, וועלכען אש נעמט פון נייעם טעסטאַמענט און וועמען ער הערט ניט אויף צו באַהאַנדלען מיט כבוד און באַגייסטערונג, האָט זיך, לויט דעם „נאַזאַ־רין", ביינציג פּראָצענט אָפּגע'שמד'ט. נו, האָט ער, אש, ר' יוחנן בן זכאי אַריינ־געשלעפּט אין נקדימונ'ס קאָמפּאַניע און איהם געמאַכט צו זאָגען, אַז יעזוס איז אַ צדיק, אויף נקדימונ'ס שטייגער!

***

ווען מען שטודירט די ערשטע דריי הונדערט יאָר פון קריסטענטום שטויסט מען זיך אָן אויף גרויסע שוועריגקייטען, וואָרים דייטליכע איינצעלהייטען זיינען וועגען די ערשטע קריסטען פאַראַן זעהר ווייניג, און אַלץ, וואָס איז יאָ דאָ, איז זעהר מאָגער, שטאַרק פאַרנעפּעלט און צוזאַמענגעפּלאָנטערט מיט לעגענדעס. וואָס מער איהר פאַראינטערעסירט זיך, אַלץ מער איבערציינגט איהר זיך, אַז קיין בעסערער מאַטעריאַל איז ניטאָ און וועט ניט זיין.

וואָס אַמבאַטרעפט די היינטיגע געלעהרטע, וועלכע פאָרשען די פראַגע, צי עס איז אַמאָל גאָר געווען אַ יעזוס און ווי ווייט מען קען אָננעמען די שריפטען פון דעם נייעם טעסטאַמענט פאַר עכטע דאָקומענטען, זיינען זיי אין אַ בעסערער לאַגע; וואָרים זייער הויפּט וואָפע איז די מענשליכע לאָגיק און דער חוש פון ווירקליכקייט, דער געפיהל פון אונטערשייד צווישען אמת און אוממעגליכקייט. זיי וואָלט אויך צונוץ געקומען מער פאַקטען און אַ פּאָזיטיווער מאַטעריאַל פון אַנדערע קוואַלען. אויף צו באַווייזען אָבער, אַז אַ מעשה איז אַ ליגען, איז אָפט אַזאַ מאַטעריאַל ניט אַב־סאָלוט נויטיג. זייער וואָפע אַליין קען זיך מיט אַזאַ אויפגאַבע ספּראַווען. די פּרע־טענזיעס פון דעם לעגענדע צד זיינען אַזוי פול מיט ווידערשפּרוכען און מיט דעם היפוך פון לאָגיק, אַז זיי צושמעטערען זיי אָהן שוועריגקייטען.

צו מיינען אָבער, אַז די דאָזיגע וויסענשאַפטס־מענער האָבען געהאַט ווייניג מאַטעריאַל צו זייער אַרבייט וואָלט געווען אַ גרויסער טעות. אַלס עכטע מאָדערנע וויסענשאַפטליכע פאָרשער, האָבען זיי פאַר זיך געהאַט יעדען פּיצעל שטאָף, וואָס האָט נאָר געקענט געברויכט ווערען אין זייער שטודירען. מאַסען אַרויסזאָגונגען און ערקלערונגען האָבען זיי צעגלידערט און צוריבען אויף אַש. אָט טאַקע דערפאַר וואָס אין זיי ווערט אָנערקענט די היסטאָרישקייט פון יעזוס'ן. זיי האָבען בוכשטעבליך איבערגעקערט וועלטען, קיין הערעלע ניט דורכגעלאָזען אין זייערע אָנשטרענגונגען צו דערגעהן דעם ריינעם אמת. און דער מאַטעריאַל וואָס זיי האָבען באַטראַכט איז פון די פאַרשידענסטע מינים און אויף די פאַרשידענסטע שפּראַכען.

.11

## ווער איז נקדימון ?

אויף דער זיצונג פון סנהדרין, וואו יעזוס איז געווען דער אָנגעקלאָגטער, האָט אַ צווייטער צד, דער צד פון דעם אָנגעקלאָגטען יעזוס, אויך געהאָט דאָס וואָרט. (מיר רעדען אַלץ וועגען דער סצענע ווי זי ווערט פאָרגעשטעלט אין דעם נייעם טעסטאַמענט און שלום אַש'עס בוך). ווי מיר האָבען געזעהן, איז זיין פאָר־טיידיגער געווען „רבי נקדימון". ער האָט געהאָט דאָס וואָרט עטליכע מאָל. ער האָט אַפּעלירט פאַר יעזוס'ן אין נאָמען פון גערעכטיגקייט. ווער זשע איז דער דאָ־זיגער „רבי נקדימון"? פון וואַנען האָט ער זיך גענומען? מיר ווייסען שוין, אַז אין דער גמרא ווערט ער אין ערגעץ ניט דערמאָנט. דאָרטען איז פאַראַן איינער אַ נקדימון בן גוריון, איז דאָס אָבער אַ גאַנץ אַנדער פּערזאָן. וועגען איהם ווערט דערצעהלט אין מסכת גיטין, אַז ער איז געווען איינער פון די רייכסטע אידען אין ירושלים און אַז אין דער צייט, ווען טיטוס האָט באַלאַגערט די אידישע הויפּט שטאָדט, איז ער געווען איינער פון די דריי גבירים, וואָס האָבען זיך אונטערגע־נומען צו שפּייזען די איינוואוינער. ער איז געווען אַ געשעפטסמאַן, ניט קיין רבי. און קיין אַנדער נקדימון איז אין גאַנצען תלמוד ניטאָ. אין דער אידישער ענצי־קלאָפּעדיע געפינט זיך אַזאַ נקדימון אויך ניט.

אין שלום אַש'עס אַרטיקעל „די שולדיגע", אין „אַטלאַנטיק מאָנטהלי", לייענען מיר, אַז רבי נקדימון ווערט דערמאָנט אין דעם נייעם טעסטאַמענט. דאָס איז דער איינציגער פּלאַץ, וואָס ווערט דאָרטען אָנגערופען. ווען עס וואָלט געווען נאָך אַן אָרט וואו ר' נקדימון ווערט דערמאָנט, וואָלט אַש נאַטירליך ניט פאַרפעהלט אויף דעם אָנצואווייזען. קיין אַנדער פּלאַץ איז אָבער ניטאָ.

דער דאָזיגער פאַקט, אַז דער „רבי נקדימון", מיט וועמען אַש פאַרנעמט זיך אַזוי אין זיין „נאַזאַרין" און וועמען ער שטעלט אַרויס אַלס אַ מוסטער פון דאָס בעסטע און שענסטע וואָס אידען האָבען פאַרמאָגט, דער פאַקט, אַז ער געפינט זיך בלויז אין דעם נייעם טעסטאַמענט, דאָס גופא איז אינטערעסאַנט. עס הייסט, אַז וועגען דעם מאַן, וועלכער איז לויט אַש'ען געווען דער אויסדרוק פון דאָס העכסטע און דאָס בעסטע ביי אידען אין יעזוס'עס צייטען, דער ליכטיגסטער שטערן זייערער, אַז וועגען איהם ווערט אין גאַנץ ש"ס קיין איינציג וואָרט ניט דערמאָנט. און אַז אין דעם הייליגען בוך פון דער קריסטליכער רעליגיע, אין נייעם טעסטאַמענט, ווערט וועגען איהם יאָ גערעדט.

וואָס זשע פאַר אַ מין „רבי נקדימון" איז דאָס געווען?

אין „נאַזאַרין" רעדט אַש וועגען איהם אין פאַרשידענע פּלעצער, נאָך איידער ער קומט צו יעזוס'עס משפט ביים סנהדרין. די שילדערונג פון יענעם פּראָצעס געהט אין דעם בוך פון פּיידזש 628 ביז פּיידזש 647 און מיט נקדימונ'ען ווערט דער לעזער שוין באַקאַנט אויף פּיידזש 468. פאַראַן וועגען איהם אויך גענוג אויף די פּיידזשעס 523, 591, 592 און אויך אין אַנדערע ערטער. אַש שילדערט ווי נקדימון איז פאַראינטערעסירט געוואָרען אין דעם „רבי פון נצרת", ווי ער איז

באַגייסטערט געוואָרען פאַר איהם. אין דעם נייעם טעסטאַמענט ווערט דערצעהלט ווי רבי נקדימון האָט זיך מיט דעם היילינען מאַן געזעהן אין געהיים און דערנאָך אָפען. דאָרט ווערט איבערגעגעבען אַ געוויסער געשפּרעך וואָס ער האָט מיט איהם געהאַט. דאָס אַלץ געפינט זיך אויך ביי שלום אַש'ן, בלויז ער מאַכט דאָס ברייטער. אַ חוץ דעם, מאָלט אַש גאַנצע סצענעס, וועלכע ווייזען וואָס פאַר אַן אומגעהייערע ווירקונג יעזוס האָט געהאַט אויף נקדימונ'ען. ער איז אומגעגאַנגען ווי אַ צוטומלעטער, רבי נקדימון, כמעט ווי אַ וואַנזיניקער, פון אַ געפיהל, אַז דאָס איז ניט קיין געוויינליכער מענש נאָר אַ שטיק הייליגטום פון הימעל.

אַלס רעזולטאַט פון געוויסע געהיימניספולע ווערטער, וואָס יעזוס האָט אַרויסגערעדט פאַר נקדימונ'ען, האָט נקדימון געמאַכט אַ פּשרה מיט זיך אַליין: ער האָט יעזוס'ן פאַרגעטערט ווי פריהער, נאָר ער האָט ביי זיך באַשלאָסען, אַז גאָט האָט דעם היילינען מאַן פון נצרת באַשאַפען ניט פאַר אידען נאָר פאַר גוים. פאַרוואָס? ווייל אידען לעבען סיי ווי סיי מיט נשמה און ניט מיט גוף אַליין. די גוים אָבער לעבען בלויז מיט דעם גוף, דעריבער האָט גאָט באַשאַפען יעזוס'ן, אַז ער זאָל זיי, די גוים, באַקערען צו אַ גייסטיגען לעבען. דאָס איז אייגענטליך דער געדאַנק פון דעם הייליגען פּאָול.

ער איז געבליבען אַ הייסער יעזוסיסט, רבי נקדימון. ער האָט זיך געהאַלטען ביי זיין גלויבען אין די נסים וואָס יעזוס האָט באַוויזען און ביי זיין גלויבען, אַז ער איז נאָהענט צו גאָט.

וועגען דער פּשרה, וואָס רבי נקדימון האָט געמאַכט מיט זיך אַליין איז אין נייעם טעסטאַמענט קיין וואָרט ניטאָ. דאָס האָט אַש אין גאַנצען געשאַפען פון זיין פאַנטאַזיע ספּעציעל פאַר זיין נקדימון פאָרטרעט. עס געהערט אַלזאָ ניט צו דעם „איינציגען קוואַל". אַש אַליין אָבער, אין זיין „נאַזארין" און אין זיינע אינטערוויוס, געהט יעדענפאַלס אַ סך ווייטער ווי נקדימון איז געגאַנגען אין זיין באַקערונג צו יעזוס'ן.

נאָכדעם ווי מען לייענט ביי שלום אַש'ן די אַלע איינצעלהייטען וועגען נקדימונ'ען, וועגען זיינע נאָכלויפענישען נאָך יעזוס'ן, באַגעגענישען מיט איהם, באַגייסטערונג פאַר איהם, איז מען צוגעגרייט צו לייענען וועגען נקדימונ'ס ראָלע ביי דעם פּראָצעס, וואו ער איז געווען יעזוס'עס וואַרעמער פאַרטיידיגער.

ווען נקדימון שטעהט און טענה'ט, פאַרטיידיגענדיג יעזוס'ן ביים סנהדרין, פיהלט איהר אַז דאָס איז אַ הייסער חסיד זיינער; אַ איד, וואָס האַלט יעזוס'ן פאַר אַ הייליגען, פאַר אַ ספּעציעלען שליח פון גאָט צו ראַטעווען די נשמות פון די גוים, הגם רעדענדיג פאַר אַ אידישען עולם קאָנטראָלירט ער זיך און ווייזט עס ניט אַרויס.

וואָס זשע איז דאָס פאָרט פאַר אַ רבי נקדימון? אַזוי ווי דער איינציגער פלאַץ וואו עס געפינט זיך זיין נאָמען איז דער הייליגער בוך פון דער קריסטליכער רעליגיע קען מען זיך פאָרשטעלען דאָס פאָלגענדע:

אין די יאָהרען ווען עס האָט אַרויסגעשפּראָצט און גענומען וואַקסען די קריסטליכע רעליגיע און אידען זיינען געווען איהרע אָנפאַנגער, פרעדיגער און אָרגאַניזאַטאָרס, איז נקדימון מסתמא געווען אייגער פון די „רביים", אָדער מגידים, וואָס

זיינען צוגעשטאַנען צו דער נייער סעקטע. ווי עס שיינט אָבער, האָט ער צו ווערען אַ פולשטענדיגער קריסט זיך ניט געאיילט, און ער איז געפאַלען אויף אַ פּלאַן. ער וועט אי אַרויסווייזען באַגייסטערונג פאַר יעזוס'ן, אי בלייבען אַ איד. (מיר זאָגען דאָס אַלץ אויף דעם שטייגער פון אַן אַרגומענט, פאַרשטעלענדיג זיך כלומר'שט אַז די יעזוס מעשה איז ניט קיין לעגענדע נאָר היסטאָריע). אָפּשיידען זיך אינגאַנצען פון אידישקייט וועט ער נאָך האָבען צייט. וואָס ווייטער וועט זיין, וועט מען זעהן. ווי עס וועט זיך לוינען אַזוי וועט ער טאָן. אַזאַ איינדרוק מאַכט רבי נקדימון אין אַש'עס „נאַזאַרין", וועלכער איז דער איינציגער פלאַץ, וואו עס ווערט דערצעהלט וועגען זיין דאָפּעלטער ראָלע. עס קומט אַרויס אַ גאַנץ „פּראַק־טישער" מענשעל. דאָס שטערט אָבער אַש'ן ניט צו מאַכען אַ גרויסען פאַראַד מיט איהם און איהם אַרויסצושטעלען אַלס דעם שפּיגעל פון אידענטום. פאַרוואָס? ווייל ער גלויבט אין יעזוס'ן, מיסטער נקדימון, און ער איז געוועזן זיין פאַרטיידיגער אויף אַ פּראָצעס וועגען וועלכען עס ווערט דערצעהלט אין דעם נייעם טעסטאַמענט.

פון וואַנען ווייס אָבער אַש, אַז נקדימון איז געוועזן אַזאַ הויך מאָראַלישער מענש? פון וועלכען „קוואַל" שעפּט ער די אינפאָרמאַציע אַז ער איז געוועזן די קרוין פון דעם „הערליכען אידישען לעבען"? אין דעם נייעם טעסטאַמענט איז וועגען דעם ניטאָ. דאָס אָבער וואָס דער נייער טעסטאַמענט דערמאָנט נקדימונ'ען און ניט אויף אַן אומפריינדליכען שטייגער, דאָס אַליין איז שוין אויך גענוג פאַר שלום אַש'ן.

דער נייער טעסטאַמענט דערמאָנט די פאַר געהיימע באַגעגענישען, וואָס נקדימון האָט געהאַט מיט יעזוס'ן און דאָס איז דאָך שוין גאָר אַ מערקווירדיגער בוקעט אין נקדימונ'ס יחוס. קורץ, שלום אַש האָט נקדימונ'ען אויסגעקליבען פאַר איינעם פון זיינע העלדען. ער שטעלט פאַר נקדימונ'ס באַגייסטערונג פאַר יעזוס'ן — אַ באַגייסטערונג, וועלכע איז אַזש דערגאַנגען צו אַ מין הייליגען הינער־פּלעט. דאַרף מען דען נאָך מער אום צו זיין די קרוין פון דעם „אידישען לעבען" ביי שלום אַש'ן? פיינע און סימפּאַטישע אידען זיינען אין ירושלים געוויס געוועזן און זייער צאָל איז מסתם געוועזן ניט קליין, אָבער אַש ווייזט זיי אונז ניט. ער ווייזט אונז אַ נקדימונ'ען.

*
**

אין דעם וואָס דער נייער טעסטאַמענט באַציט זיך צו די פּרושים (פאַריסעיער) מיט שנאה, נעמט זיך דאָס וואָס דאָס וואָרט „פאַריסעי" ווערט עד היום געברויכט אין פאַרשידענע שפּראַכען אין דעם זעלבען זין ווי דאָס וואָרט „היפּאָקריט". ביי דיזען פּונקט קומט צווישען נייעם טעסטאַמענט און אַש'עס בוך אַרויס אַ בולט'ע פאַר־שידענהייט: דער נייער טעסטאַמענט איז דורכאויס געגען די פּרושים און אַש ווידער באַציהט זיך צו זיי מיט אַ וואַרעמער פריינדשאַפט. ער שטעלט זיי אַרויס אַלס אַ באַווייז, אַז דער אידישער עולם איז געוועזן גוט און פרום, איידעל און נאָבעל. דאָס איז אייגענטליך זיין גאַנצער „מיטעל" צו „באַווייזען", אַז די קאָרופּטע באַנדע פון כהנים גדולים און די אַריסטאָקראַטישע סאַדוקעיער פּאַרטיי, צו וועלכער זיי האָבען געהערט, זיינען געוועזן אַ פינסטערער אויסנאַם צו אַ גרויסען ליכטיגען כלל.

מאָלען דעם ליכטיגען קוואַל מיט בילדער געבויט אויף היסטאָרישע מאַטע־ריאַלען דאַרף מען שוין אַלזאָ ניט. אַ פאָר ביטרע ווערטער דאָ און אַ פאָר ביטרע

ווערטער דאָרטען וועגען דער מאָראַלער הויכקייט פון די פּאַריסעיער, און דאָס הייסט שוין ביי איהם אַ כאַראַקטעריסטיק פון דעם גאַנצען אידישען פאָלק פון יענער צייט; און דער פאַרשטעהער פון דער פאַריסעיער איז דאָך, לויט אַש'ן, געווען ניט קיין אַנדערער ווי דער יעזוס־באַגייסטערטער נקדימון. און אַזוי ווי לויט אַש'עס בוך איז נקדימון אויפ'ן פּראָצעס געווען יעזוס'עס פּאַרטיידיגער, הייסט עס ביי אַש'ן, אַז ער אַש, האָט מיט זיין בוך אָראָפּגענומען די שולד פון אידישען פאָלק (ווען מיר וועלען האַלטען ביי אַש'עס אַרטיקעל „די שולדיגע", וועלען מיר האָבען אַ פּאָר טשיקאַווע איבעראַשונגען וועגען דעם ענין).

נו, און מיט אַ האַלב טוץ שורות וועגען אידען וואָס שרייען געגען דעם כהן גדול'ס משפּחה ביי דער סצענע, וואָס קומט פאָר ביי פּילאַט'ן, האָט ער באַוויזען, מיינט ער, אַז דאָס אידישע פאָלק האָט געהאַלטען מיט יעזוס'ן. אַלזאָ, ווערט דער בלבול אויפ'ן אידישען פאָלק שוין געוויס אָפּגעוואַשען. און דאָס איז דער עיקר פון זיין גאַנצען אַרגומענט און טענה, אַז מיט זיין בוך „דהי נאַזאַרין" האָט ער דעם אידישען פאָלק גערעהאַבּילאַטעוועט „אין דער שווערער איצטיגער צייט".

דער איינדרוק פון דער סצענע ביי פּילאַט'ן, ווי אַש שילדערט זי, איז דער זעלבער ווי דער איינדרוק, וואָס מען באַקומט פון דער מאַסען סצענע ביי יעזוס'עס אריינרייטען אין ירושלים אויף אַן אייזעל: די אידישע מאַסען האָבען אַ טיפע, אַ הייליגע סימפּאַטיע צו יעזוס'ן און אַ נייגונג איהם צו פאַרגעטערען. אַלזאָ, דאַרף מען ציהען דעם שלוס, אַז ווען ניט די קאָררופּטע כהנים באַנדע וואָלטען אַלע אידען געוואָרען יעזוסיסטען: דאָס הייסט מיר וואָלטען אַלע היינט געווען קריסטען.

אַש דערצעהלט אויך, אַז פאַריסעיער האָבען אַרויסגעוויזען אַ שטאַרקע נייגונג צו זיין איינפאַרשטאַנען מיט יעזוס'עס פּרינציפּען און אַז יעזוס, פון זיין זייט, איז געווען געשטימט צו זיין איינפאַרשטאַנען מיט די פאַריסעיער. אויך דערצעהלט אַש, אַז נקדימון האָט געפונען חן אין יעזוס'עס אויגען („נאַזאַרין", פּיידזש 583 און 585). עס קומט אויס, אַז ווען ניט די אָפּאָזיציע פון די קאָררופּטע כהנים און זייער סאַדוקעיער פּאַרטיי, וואָלט רבי נקדימון אַפילו קיין פּשרות מיט זיך אַליין ניט געדאַרפט מאַכען. ער וואָלט יעזוס'ן דאַן אַנגענומען אָהן אַן „אָבער". עס וואָלט זיך שוין געלויבט...

ווער זשע איז פאַרט דער מערקווירדיגער רבי נקדימון, וועלכער ווערט דערמאָנט בלויז אין נייעם טעסטאַמענט און וועגען וועמען אין דער גמרא איז קיין וואָרט ניטאָ. איך בין שטאַרק גענויגט צו מיינען, אַז אַזאַ באַשעפעניש איז אויף דער וועלט ניט געווען און אַז איהם האָט אויסגעטראַכט אימיצער פון די וואָס האָבען צוזאַמענגעשטעלט דעם נייעם טעסטאַמענט.

.12

## יודא איסקאַריאָט (יהודה איש קריות).

יודא איסקאַריאָט איז דער נאָמען פון איינעם פון יעזוס'עס תלמידים אָדער אַפּאָסטאָלען. וועגען איהם ווערט דערצעהלט אין נייעם טעסטאַמענט די באַרימטע געשיכטע ווי אַזוי ער האָט פאַרראַטען יעזוס'ן. די רוימישע פּאָליציאַנטען פון

ירושלים האָבען שוין געהאַט אַ באַפעהל יעזוס'ן צו אַרעסטירען. די וואָס האָבען דעם באַשלוס געדאַרפט דורכפיהרען האָבען יעזוס'ן אָבער ניט געקענט; האָבען זיי זיך גענויטיגט אין אימיצען וואָס זאָל זיי אויף איהם אָנווייזען. און די דאָזיגע אַרבייט האָט אויף זיך גענומען יודאַ איסאַקריאָט, וועלכער איז געווען איינער פון יעזוס'עס נאָהענטסטע תלמידים.

יודאַ האָט אויף איהם אָנגעוויזען מיט אַ קוש, וואָס ער האָט איהם געגעבען ווען ער און די פּאָליציאַנטען זיינען אַריינגעקומען אין דער הויז, וואו יעזוס איז געזעסען מיט מענשען. דאָס איז געווען דער סיגנאַל און יודאַ האָט דערפאַר באַקומען דרייסיג זילבערנע מטבעות. יעזוס איז גלייך אַרעסטירט געוואָרען און דאָס האָט איהם ענדליך געבראַכט צו זיין מאַרטירער טויט אויפ'ן צלם. וואָס אַמבאַטרעפט יודאַ איסקאַריאָט'ן אַליין האָט ער געענדיגט מיט זעלבסטמאָרד. ער האָט זיך אויפ־געהאָנגען.

דאָס זיינען די הויפּט פּונקטען פון דער מעשה ווי זי ווערט דערצעהלט אין דעם נייעם טעסטאַמענט און אַזוי איז זי אָנגענומען ביי דער גאַנצער קריסטליכער וועלט. זי איז אָבער אַזוי צונויפגעשטשאָבעט, אַז ניט אַלע רעליגיעזע קריסטען אפילו גלויבען אין איהר. די איינצעלהייטען לעגען זיך ניט אויפ'ן שכל. געלעהרטע, וועלכע לייענען און שטודירען דעם נייעם טעסטאַמענט קריטיש, האַלטען די מעשה פאַר דער נאַרישסטער לעגענדע, וואָס אַנטיסימעטישע קריסטען האָבען פאַרפאַסט אין די ערשטע דריי־פיר הונדערט יאָר פון דער קריסטליכער קירכע. איך זאָג „אַנטיסימעטישע קריסטען", ווייל אין דער יודאַ לעגענדע פיהלט זיך די אַנטיסע־מיטישע כונה שוין צו דייטליך.

דער פאַקט, אַז ביי דער גרינדונג פון דער קריסטליכער רעליגיע האָבען אידען געשפּילט די הויפּט ראָלע און יעזוס אַליין איז געווען אַ איד — דאָס איז שפּעטער געוואָרען דער קוואַל פון דעם קאָנקורענץ־געפיהל אויף וועלכען מיר האָבען שוין אָנגעוויזען — דער קוואַל פון דעם געפיהל געגען די אידישע קריסטען און פון אַנטי־סעמיטישע אינטריגעס. כדי צו שטערען דעם אידישען איינפלוס האָט מען פון צייט צו צייט אויסגעטראַכט עפּעס אַ מעשה, וואָס זאָל שעדיגען דעם אידישען נאָמען. אַלזאָ האָט זיך אימיצער דערטראַכט צו אַ יודאַ לעגענדע, און דאָס וואָרט יודאַ ווערט ביז היינטיגען טאָג געברויכט אין אַלע שפּראַכען אַלס אַ וואָרט וואָס מיינט פאַררעטער. אין די פריהערדיגע קאָפּיעס פון דעם נייעם טעסטאַמענט איז די מעשה נאָך ניט געווען. מען האָט זי אַריינגעשטעלט ערשט שפּעטער, הגם באַשטימען דייטליך ווען דאָס איז געווען איז ניט לייכט.

די ניט־געראָטענקייט פון דער לעגענדע, די פאַרטאַטשקע אַרבייט וואָס שטעקט פון איהר אַרויס, האָט אין אייניגע שריפטשטעלער אויפגעוועקט אַ חשק די מעשה איבערצובויען לויט אַזאַ פאַנטאַזיע אָדער אַזאַ. איין סקיצע אַזאַ איז ערשינען אין פראַנקרייך; אַ צווייטע האָט פאַרפאַסט דער באַרימטער רוסישער בעלעטריסט לעאָניד אַנדרעיעוו מיט איבער דרייסיג יאָר צוריק. אַלזאָ האָט שלום אַש געטאָן עהנליכעס. ערקלערען, אַז די גאַנצע מעשה איז אַ נאַרישע פאַבריקאַציע האָט ער ניט געוואָלט.

ער איז צו טריי דעם נייעם טעסטאַמענט. ער האָט אָבער איבערגעאַנדערשט יודאַ'ס כאַראַקטער און דעם צוועק פון זיין פאַרראַט. ער האָט עס איבערגעענדערט צום גוטען. יודאַ'ן האָט ער א י ד ע א ל י ז י ר ט . דעם באַרימטען פאַררעטער האָט ער פאַרוואַנדעלט אין אַ באַגייסטערטען רעליגיעזען טרוימער, וואָס הערט ניט אויף צו בענקען נאָך משיח'ן. שלום אַש'עס יודאַ האָט זיך פראָבסט ניט געקענט דער־וואַרטען אויף משיח'ן. אַזוי ווי ער איז געווען זיכער, אַז יעזוס איז משיח, האָט ער יעדע מינוט געבעטען גאָט, אַז ער, יעזוס, זאָל זיך שוין ענטפּלעקען פאַר דער וועלט און עס זאָל שוין קומען די גאולה. נאָך דער דאָזיגער ענטפּלעקונג פון דעם געטליכען מאַן האָט יודאַ געבענקט אַלץ שטאַרקער ביז אין זיין פאַרבענקטען מוח האָט זיך אויסגעאַרבייט אַ פּלאַן:

אַזוי ווי לויט דער רעליגיעזער טראַדיציע פון אידען דאַרף משיח'ס קומען באַ־גלייט ווערען מיט משיח'ס ליידען, מיט משיח'ס יסורים (חבלי משיח) וועט ער, יודאַ, טאָן עפּעס אַזעלכעס וואָס וועט אויף יעזוס'ן ברענגען גרויסע מאַרטירער שמערצען.

קורץ, ער האָט זיך באַשלאָסען צו טאָן אַ „הייליגע" טאַט: ער וועט ברענגען דעם הייליגען מאַן פון נצרת צו אַ מאַרטירער־טויט און דורך דעם וועט ער זיך שוין ענטפּלעקען אַלס משיח. אַלזאָ האָט ער פאַר דרייסיג זילבער שטיקלאַך יעזוס'ן אי־בערגעגעבען צום טויט.

זאָגען, אַז די מעשה, וואָס אַש האָט דאָ צוזאַמענגעשטעלט, מאַכט אַ בעסערען איינדרוק ווי דער געוויינליכער יודאַ אַנעקדאָט פון דעם נייעם טעסטאַמענט — דאָס קען מען ניט. זי איז לעכערליך גענוג און פאַרטאַטשטע גענוג. אָבער דאָס וואָס יודאַ האָט יעזוס'ן געשיקט צו זיין שרעקליכען טויט, איז נאָך אויך ניט געווען אַלץ. ווארים אין יודאַ'ס נאָמען פאַרעפענטליכט אַש אין זיין „נאַזארין" אַ לאַנגען פאַרציי־טיגען מאַנוסקריפּט, וועלכען מען האָט כלומרשט געפונען אין אַן אַלטען קלויסטער אויפ'ן באַרג סיני. דער דאָזיגער מאַנוסקריפּט פאַרנעמט אין אַש'עס בוך אַזש 175 פּיידזשעס. דעם אַלטען מאַנוסקריפּט האָט געשריבען יודאַ איסקאַריאָט, הייסט עס, און דאָס ווידער הייסט, אַז ער איז געשריבען געוואָרן ווען יעזוס האָט נאָך געלעבט. ווארים יודאַ האָט זיך אויפגעהאָנגען באַלד נאָך יעזוס'עס טויט. די דאָזיגע מעמואַרען יודאַ'ס האָבען דעם כאַראַקטער פון אַ ספּעציעלען מין עוואַנגעליום, וועלכער באַשטעהט פון פּאַסירונגען, עפּיזאָדען, נסים, פּרינציפּען־ערקלערונגען, וואָס יודאַ האָט געהערט פון יעזוס'ן און אַזוי ווייטער און ווייטער. אַלץ האָט יודאַ איסקאַריאָט דורכגעמאַכט אָדער בייגעוואוינט פּערזענליך; אַלץ האָט ער אַליין געהערט פון יעזוס'ן און אַלץ וואָס מיט יעזוס'ן האָט פּאַסירט האָט ער אַליין געזעהן און פאַרשריבען.

ווי אַזוי זשע האָט אַש דעם מאַנוסקריפּט באַקומען? ער האָט איהם באַקומען ניט פון קיין אַנדערען ווי פון זיין אַלטען וואַרשעווער פריינד, פאַן וויאַדאַמסקי, וועל־כער איז אין יעזוס'עס צייט געווען דער העגעמאַן קאָרנעליוס פון ירושלים...

גאָר מערקווירדיג איז דער פאַקט, אַז אַש אַליין שרייבט אין זיין בוך דאָס דעם מאַנוסקריפּט האָט פאַן וויאַדאַמסקי געקראָגען מיט דער הילף פון אַ ספּעציאַליסט

אויף אַלטע מאַנוסקריפּטען, וועלכער איז באַרימט מיט זיינע פעלשונגען. מיט אַנדערע ווערטער, דער ספּעציאַליסט איז אַ קינסטלער אויף פאַבריצירען אַלטע מאַ־נוסקריפּטען אָדער אונטערשריפטען און זיי אַרויסצוגעבען פאַר עכטע. אַי איז דאָך די קשיא: ווי אַזוי קען מען זיין יודאַ איסקאַריאָט מאַנוסקריפּט אָננעמען אַלס אַ ראַיעלע סחורה? און אַ צווייטע קשיא: צו וואָס טויגען די אַלע קינדערשע פּרע־טענזיעס און קאָמעדיעס? וואָס פאַר אַ ווערט קען האָבען אַזאַ מאַנוסקריפּט און וואָס פאַר אַ זין האָט די גאַנצע צערעמאָניע? בלייבט אַ קשיא. זעהר מאָדנע, כ׳לעבען.

און נאָך אַ זאַך: דעם מאַנוסקריפּט האָט אַש, אַלזאָ, באַקומען פון וויאַדאָמסקי׳ן אין וואַרשע. וואָס פאַר אַ סאָרט מענש דער דאָזיגער בלוט־בלבול אַנטיסעמיט איז, וויסען מיר שוין. אַז עס איז זעהר זאָנדערבאַר, וואָס אַש חבר׳ט זיך מיט אַזאַ פאָן וויאַדאָמסקי׳ן האָבען מיר שוין אויך באַמערקט. אָפט פלעגט אַש ניט סמייען זיך צו באַגריסען מיט איהם, ווען זיי האָבען זיך באַגעגענט אויף די גאַסען פון וואַרשע. אָט טאַקע דערפאַר וואָס אַש איז אַ איד. דאָס בעסטע וואָלט פאַר אַש׳ן דאַכט זיך געווען פון דעם דאָזיגען פאָן וויאַדאָמסקי זיך אָפּצוטרייסלען. אַש האָט דאָס אָבער ניט געטאָן.

***

אַש ערקלערט אין זיין „ענטפער" אַז ווען אַ געוויסע פערזאָן זאָגט עפּעס אין זיין בוך, איז ער, דער פּראָפעסאָר, ניט פאַראַנטוואָרטליך דערפאַר; וואָרים דאָס זאָגט דאָך יענע פערזאָן, ניט ער. אין געוויינליכער בעלעטריסטיק וואָלט דאָס געווען זעלבסט־פאַרשטענדליך. ווען אַ שריפטשטעלער שטעלט פאַר ווי איינער פון זיינע העלדען רעדט, הייסט דאָך דאָס ניט, אַז ער, דער שריפטשטעלער, רעדט דאָס. גאַנץ אַנדערש איז אָבער מיט אַזאַ ווערק ווי „דהי נאַזאַרין". דאָ מוז צו אַזאַ כלל געלעגט ווערען אַ באַשטימטער גרעניץ; וואָרים צענדליגער און צענדליגער פּיידזשעס זיינען דאָרטען פאַרנומען מיט געשפּרעכען, ערצעהלונגען, געדאַנקען, מיינונגען און זעהר, זעהר אָפט האָט אַש אַ באַהאַלטענע כונה דערביי; אימער איבערלאָזען אויף הפקר די פראַגע ווער עס איז פאַראַנטוואָרטליך פאַר אַזעלכע מיינונגען, קען מען ניט. וואָרים דאָס איז אַ בוך, וועלכער איז פול מיט רעליגיעזע געפיהלען, מיינונגען, איבער־צייגונגען; ניט סתם אַ מעשה.

אָט האָבען מיר דאָ איצט געזעהן ווי דאָס שרייבען טראָגט ביי אַש׳ן אַמאָל די פאָרמע פון אַ פאַר צוויי טויזענד יעריגען מאַנוסקריפּט, וועלכער איז איבערגעבליבען פון יודאַ איסקאַריאָט. מיר האָבען געזעהן ווי אויף גאַנצע 175 פּיידזשעס דערצעהלט יודאַ וואָס ער האָט געזעהן און געהערט פון יעזוס׳ן און וואָס ער האָט געהאַט ביי זיך אויפ׳ן האַרצען. און דאָס אַלץ הייסט, אַז דער פּראָפעסאָר פון דעם בוך איז ניט פאַראַנטוואָרטליך דערפאַר! ווען מען וואָלט אַזעלכע ערצעהלונגען גענומען ערנסט, וואָלט אַרויסגעקומען אַ קאָמישע לאַגע. אַי עס שטעהט געשריבען אין אַש׳עס בוך און פאַרנעמט אַ סך פּלאַץ, אַי אַש איז אַבסאָלוט ניט פאַראַנטוואָרטליך. עס קלינגט ווי אַ באַקוועמער אויסוועג. עס זיינען אָבער פאַראַן אַזעלכע פעלען ווען דאָס קען ניט געהן. אויב יודאַ זאָגט עפּעס און עס איז וויכטיג צו וויסען צי אַש איז איינפאַר־שטאַנען מיט איהם צי ניט, דאַרף דאָס אויסגעדריקט ווערען דייטליך.

13.

# „דער איינציגער צוועק”, וואָס שלום אַש האָט געהאַט שרייבענדיג זיין בוך „דהי נאַזאַרין”, — בעלעטריסטיק ניט מער און ניט ווייניגער”?

דעם צוועק, וועלכען שלום אַש האָט געהאַט אין זינען שרייבענדיג זיין „נאַזאַרין”, לויט זיין אייגענער ערקלערונג, האָבען מיר געזעהן אין קאַפּיטעל 6. מיר האָבען דאָס געזעהן אין זיין „חקירה פון פיער פונקטען”, ווי מיר האָבען זי אַנאַליזירט. ער אַליין רעדט וועגען דעם דאָזיגען צוועק זיינעם מיט די דייטליכסטע ווערטער, וואָס מען קען נאָר געברויכען. ער טוט דאָס אין זיין „ענטפער”; און די דאָזיגע ווערטער זיינע ווידמען מיר דעם איצטיגען קאַפּיטעל.

„פאַרוואָס איך האָב געשריבען דאָס בוך איז אָט וואָס” — שרייבט ער אין זיין „ענטפער” — „טויזענדפאַך מער ווי די גוים האָבען פיינט דעם לעבעדיגען אידען האָט די קריסטליכע געלערטע וועלט פיינט דעם אידענטום. די גאַנצע קריסטליכע היסטאָרישע אויספאָרשונג פון דער אידישער געשיכטע אין דער צייט פון דעם צווייטען בית המקדש, אַ חוץ אַ פּאָר אויסנאַמען, וועלכע האָבען זיך באַוויזען אין דער לעצטער צייט, איז דורכגעזאַפּט מיט שנאה צו אידען...

„...אַלצדינג וואָס איך האָב געטאָן, מיין בוך וואָס איך האָב אָנגעשריבען, די אינטערוויוס וואָס איך האָב געגעבען, האָב איך דערמיט באַצוועקט נאָר איין זאַך, צו העלפען די אידען אין דער איצטיגער שווערער לאַגע. קיינמאָל נאָך זיינען אידען ניט געשטאַנען אַזוי איזאָלירט אויף דער וועלט. זיי האָבען קיין אָננעמער ניט; אַרומגערינגעלט מיט פיינט. מיין איינציגער צוועק איז צו באַשאַפען זיי פריינט. איך נעם ניט צוריק קיין איינציג וואָרט וואָס איך האָב געשריבען אין מיין בוך „נאַזאַרין” אָדער געזאָגט אין אינטערוויוס”.

אין אונזער הקדמה קאַפּיטעל האָבען מיר צווישען אַנדערעס דערמאָנט, אַז מאַנכע פון די קריטיקער, וועלכע האָבען דעם „נאַזאַרין” געלויבט אין דער אַמע־ריקאַנער פּרעסע, באַטראַכטען דעם בוך אַלס „אַ בעלעטריסטיש ווערק ניט מער” — „קונסט פאַר קונסט”, ווי מען פלעגט זיך אויסדריקען אויף ליטעראַטור לשון. נו, צייגט זיך גאָר אַרויס, אַז, ווי אַש אַליין זאָגט, האָט ער געהאַט אַ גאַנץ אַנדערען צוועק אין זינען, און די מיינונג פון יענע קריטיקער איז געבויט אויף אַ פול־שטענדיגען טעות; ווארים זיין אמת׳ער צוועק און איינציגער צוועק ביים שרייבען דעם „נאַזאַרין” איז געוועז צו דינען ניט דער געטין פון קונסט, נאָר דעם אידישען פאָלק.

ער רעדט וועגען דער שווערער צייט וואָס אידען לעבען איצט איבער, וועגען דעם אַנטיסעמיטיזם וואָס דריקט און שטיקט זיי, און ער ערקלערט אַז מיט זיין בוך און מיט זיינע צייטונגס־אינטערוויוס האָט ער „באַצוועקט נאָר איין זאַך: צו העלפען די אידען אין דער איצטיגער שווערער לאַגע”.

ווען מען לייענט דאָס, איז דער ערשטער איינדרוק, אַז ער מיינט די היטלער מגפה, ווארים וואו זיינען אידען איצט אַזוי „איזאָלירט” און „אַרומגערינגעלט מיט פיינט” ווי אין דייטשלאַנד און די לענדער, וואָס היטלער האָט פאַרכאַפּט? רעדט

ער גאָר אָבער וועגען „מיליאָנען און מיליאָנען מענשען”, וואָס האָבען זיין בוך געלייענט אין אַמעריקע און בלויז אין אַמעריקע. דעם היטלעריזם, וועלכער איז דער גרעסטער אידישער אומגליק זינט דעם מיטעלאַלטער, און אפשר זינט מיר אידען לעבען אויף דער וועלט, דעם היטלעריזם דערמאָנט אַש אין זיין „ענטפער” אַפילו ניט. ער רעדט בלויז וועגען די גרויסע נוצען וואָס אידען האָבען באַקומען פון זיין בוך אין די פאַראייניגטע שטאַטען; ווארים דאָ אין אַמעריקע האָט זיין יעזוס־ווערק „איבערגעקערט מיליאָנען קריסטען צו גוטען” דערצעהלט ער.

עס קומט אויס, אַז דאָ אין די פאַראייניגטע שטאַטען האָט זיך דאָס דער אַנטי־סעמיטיזם צופלאַקערט; אַז דאָ איז די אידישע טראַגעדיע די גרעסטע וואָס אונזער פאָלק האָט ווען עס איז דורכגעלעבט. אַזאַ איינדרוק מאַכט אַש מיט זיינע ווערטער.

וואָס זשע איז די אורזאַך פאַרוואָס ער האָט געשריבען זיין יעזוס־בוך? זיין ערקלערונג האָבען מיר שוין. די קריסטליכע היסטאָריקער וואָס שרייבען וועגען די אידען פון דער צייט פון צווייטען בית המקדש זיינען פול מיט שנאה צו זיי. וואָס ער מיינט מיט דעם ווערט קלאָר אין די ווייטערדיגע קאָלומס פון זיין „ענט־פער”: די דאָזיגע קריסטליכע היסטאָריקער האָבען נעמליך איינגעפלאַנצט אַ מיינונג, אַז די אידען פון צווייטען בית המקדש זיינען געווען שולדיג אין דעם טויט פון יעזוס כריסטוס. אַלזאָ האָט זיך דער אַנטיסעמיטיזם אין אַמעריקע צע־וואַקסען און עס האָט געהאַלטען שמאַל, הייסט עס. איז אָבער ערשיינען זיין „נאַ־זאַרין” און מיליאָנען קריסטען האָבען זיך דערוואוסט, אַז אידען זיינען אין יעזוס'עס טויט גאָר ניט שולדיג, און דורך דעם איז געקומען די גאולה פאַר דעם אידישען פאָלק.

ווען אַש זאָגט, אַז אידען זיינען נאָך קיינמאָל ניט געשטאַנען אַזוי איזאָלירט אויף דער וועלט, אַז זיי האָבען ניט ווער עס זאָל זיך פאַר זיי אָננעמען, אַז זיי זיינען אַרומגערינגעלט מיט פיינט, מיינט ער אַלזאָ די אידען פון די פאַראייניגטע שטאַטען. און צוליב זיי, די אַמעריקאַנער אידען, זיי צו ראַטעווען מיט אַ באַווייז, אַז די אידען זיינען אומשולדיג אין יעזוס'עס טויט, האָט ער דאָס געשריבען דעם „נאַזאַרין”. מיט קיין אַנדער צוועק, צוליב קיין אַנדער אינטערעס.

אַז די מעשה מיט דעם אַנטיסעמיטישען בלבול אויף דער כהן גדול משפחה פון פאַר צוויי טויזענד יאָר שעפּט אַש פון דעם נייעם טעסטאַמענט און אַז אַנ־שטאָט צו באַווייזען אַז דאָס איז אַ פוסטע, אויסגעטראַכטע אַנטיסעמיטישע מעשה, מאַכט ער זי גאָר בולט'ער און גיט איר אַריין עקסטראַ פאַרב — דאָס אַלץ האָבען מיר שוין באַוויזען אין אונזער קאַפּיטעל 6. אַלזאָ וועלען מיר וועגען דעם זיך דאָ פאַרגעסען.

דאָ האָבען מיר אַנדערע ענינים און דער וויכטיגסטער פון זיי איז די פראַגע: איז דאָס אמת, אַז אין אַמעריקע לעבען אידען איצט איבער אַ באַזונדערס שווערע צייט אַ ל ס א י ד ע ן? זיינען זיי אַ ל ס א י ד ע ן אונטערדריקט און „איזאָלירט”, ווי אַש דריקט זיך אויס? דאַרף מען נאָך פאַרלירען צייט און טינט צו באַווייזען ווי לעכערליך דאָס איז? און מיט וואָס האָט ער, אַש, געבראַכט אַ רפואה צו דער אידישער מכה? מיט דעם וואָס זיין בוך באַווייזט אַז די אידען

אַלס אַ פּאַלק זיינען אין יעזוס'עס טויט ניט געווען שולדיג? קען דען זיין אַ גרע־סערע קאָמעדיע?

זיינען אידען אין אַמעריקע „איזאָלירט" פון רעגירונגס שטעלעס? פאַרנעמט דען ניט אַ איד איינע פון די וויכטיגסטע אַמטען אין דעם פּרעזידענט'ס קאַבינעט, אָדער אַלס גאָווערנאָר פון דעם גרעסטען שטאַט, אָדער אַלס ריכטער פון דעם העכסטען געריכט אין די יונאַיטעד סטייטס? איז דער איד העגרי מאָרגענטהאו און זיין פאַמיליע, צום ביישפּיל, איזאָלירט געזעלשאַפטליך פון דעם ווהייט האָוז?

אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם דאָזיגען פּונקט איז אינטערעסאַנט אַ בריף פון אַ גייסטליכען, וועלכער איז ערשינען אין דעם מאַנאַטליכען זשורנאַל „אַטלאַנטיק מאַנטהלי" פון מערץ, 1941. דער שרייבער פון דעם בריף איז דר. דזשאָרדזש וויליאַם עליסאָן פון פאָרט וועין, אינדיאַנאַ, און ער שרייבט זיך אונטער מיט דעם רעליגיעזען טיטול דאָקטאָר אָוו דיווינעטי.

דער בריף פאַנגט זיך אָן מיט אַ קאָמפּלימענט, אַז די פאַקטען, וועלכע ווערען געשילדערט אין שלום אַש'עס בוך „דהי נאַזאַרין" אין דער סצענע פון דעם פּראָצעס איבער יעזוס'ען, שטימען פולשטענדיג מיט דעם וואָס דר. עליסאָן האָט געלערענט אין דעם טעאָלאָגישען סעמינאַר, וואו ער האָט שטודירט אין זיינע יונגע יאָרען.

„ערלויבט מיר אָבער צו פּראָטעסטירען — זאָגט ער וויטער — געגען מר. אַש'עס באַהויפּטונג, אַז קריסטליכע געלערטע מיט זעהר ווייניג אויסנאַמען האָבען זיך מער פון אַלץ אָפּגעגעבען מיט דער אויפגאַבע צו שפּייזען די פלאַמען פון אַנטי־סעמיטיזם.

„אַלס איינער וואָס האָט געענדיגט צוויי טעאָלאָגישע סעמינאַרען און אויך אַ רעליגיעזע שולע, וועלכע איז פאַרבונדען מיט איינעם פון אונזערע אוניווערזי־טעטען, קען איך אויפריכטיג ערקלערען, אַז קיין איינציגער פון די פּראָפעסאָרען ביי וועלכע איך האָב געלערענט האָט ניט אַרויסגעוויזען אַזעלכע געפילען. צווישען אַלע מיינע באַקאַנטע איז ניטאָ קיין איינציגער אַנטיסעמיטישער קריסט. איך בין איבערציינט, אַז צו מאַכען אַ פאַרקערטע ערקלערונג שאַפט פאַר די אינטערעסען פון ראַסען טאָלעראַנץ און רעליגיעזע טאָלעראַנץ קיין נוצען ניט."

ענליכעס צו דעם וואָס דר. עליסאָן זאָגט דאָ וועט איר הערען כמעט פון יעדען אַמעריקאַנער גייסטליכען.

אמת, דער אַמעריקאַנער עולם איז ניט אינגאַנצען פריי פון אַנטיסעמיטישע געפילען, צו אַ שאַרפען אויסדרוק קומען זיי דאָ אָבער אין זעהר זעלטענע פאַלען און נאָר ביי מענשען וואָס שטעהען גייסטיג און מאָראַליש נידעריגער ווי דער דורכשניטליכער אַמעריקאַנער. וועגען אַזעלכע ווי קאָגלין אָדער ווי אַנדערע פּראָ־פעסיאָנעלע העצער פון זיין מין, ריידען מיט דאָ נאַטירליך ניט. זיי זיינען נידעריגער פון דעם דורכשניטליכען אַמעריקאַנער. און אין דיזער הינזיכט איז ניטאָ קיין מיינונגס־אונטערשיד צווישען דער רעפּובליקאַנער פּאַרטיי און דער דעמאָקראַטישער. ווען קאָגלין האָט פאַרעפענטליכט אַ פריינדשאַפט־ערקלערונג וועגען ווענדעל ווילקי'ס קאַנדידאַטור אויף פּרעזידענט, האָט ווילקי דאָס עפענטליך צוריקגעוויזען.

ווער זשע זיינען די „מיליאָנען און מיליאָנען" אַמעריקאַנער קריסטען וועמען שלום אַש האָט מיט זיין בוך אויסגעניכטערט פון זייער אַנטיסעמיטיזם?

אַש אַנאַנסירט, אַז מיט זיין באַגייסטערונג פאַר יעזוס׳ען האָט ער געבראַכט הילף צו דער פאַרצווייפעלטער אידישער לאַגע, געשאַפען פריינט פאַר אידען און אַ בעסערע פאַרשטענדעניש צווישען אידען און קריסטען. מיינט ער ווירקליך, אַז ווערטער פון דיזען סאָרט נעמט מען ערענסט? ווען ער פאַרזיכערט דעם לעזער פון „פאָרווערטס״, אַז אין דעם איז באַשטאַנען דער א י י נ צ י ג ע ר צ ו ו ע ק, וואָס ער האָט געהאַט אין זינען שרייבענדיג דעם „נאַזאַרין״, גלויבט ער דען, אַז דאָס לייענט מען איבער אָהן אַן איראָנישען שמייכעל?

מאַכען אַ טאַראַראַם וועגען דעם איצטיגען אַנטיסעמיטיזם און ניט דערמאָנען אַפילו דעם היטלעריזם דערביי, דאָס איז ערגער ווי לעכערליך. זיין פרעטענזיע, אַז ער האָט זיין „נאַזאַרין״ געשריבען צו ראַטעווען אידען פון דעם אַנטיסעמיטיזם, אינגאַנצען איבערהיפענדיק דעם היטלעריזם, איז שוין אַ צו־ביטערער שפּאַס.

מיר אַלע קענען דעם היטלעריזם אָבער ניט פאַרגעסען אויף אַ מינוט; און די איצטיגע צייט ווען די אידישע טראַגעדיע איז אַזוי גרויס, האָט ער, אַש, געפונען פאַר אַ פּאַסענדע צייט זיך צו וואַרעמען ביי דעם בוזעם פון דער רעליגיע אין וועמענס נאָמען עס פלעגען אין פריהערדיגע דורות פאַלען אַזוי פיל אידישע קרבנות.

***

שלום אַש׳עס ערקלערונג וועגען דעם צוועק מיט וועלכען ער האָט געשריבען דעם בוך „נאַזאַרין״ איז צו נאַאיוו. זיין מעלדונג אָבער, אַז און פאַר זיך, אַז ער האָט געשריבען דאָס בוך מיט אַזאַ ציל איז וויכטיג. וויכטיג אין איר איז דער פאַקט, אַז דער דאָזיגער ציל — צו ראַטעווען אידען פון אַנטיסעמיטיזם — האָט קיין שום שייכות ניט צו בעלעטריסטיק. וואָס זשע איז געווען זיין אמת׳ער ציל ביים שרייבען דעם „נאַזאַרין״? מסתמא אויך אַזאַ וואָס האָט קיין שייכות ניט צו בעלעטריסטיק.

אין דער פראַגע אָבער אין וואָס דער דאָזיגער ניט־בעלעטריסטישער ציל איז יאָ באַשטאַנען, קענען מיר זיך ניט אַריינלאָזען.

14.

# „די שעהנקייט און הערליכקייט פון אידישען לעבען״, ווי אַש שילדערט עס אין זיין „נאַזאַרין״. — אידישע מיידלעך און יונגע לייט, וועלכע האָבען ערשט אין זיין יעזוס בוך זיך דערוואוסט אין וואָס עס באַשטעהט אידישקייט

אין „מיין ענטפער״ זאָגט אַש וועגען זיין בוך:

„עס ווייזט די שעהנקייט און הערליכקייט פון אידישען לעבען אין די צייטען פון צווייטען בית המקדש, די הויך מאָראַלישע באַגריפען פון אידישען לערנען, וואָס האָט געקענט אַרויסברענגען אַזעלכע רייכע ריין מענשליכע העלדען ווי רבן יוחנן בן זכאי, ווי רבי בקדימון, וועלכע זיינען אין מיין בוך אַ געגענגעוויכט געגען דער הויך עטישער פערזענליכקייט פון ישו הנוצרי (יעזוס).

„איך האָב באַקומען הונדערטער בריף פון אידישע מיידלעך און יונגע לייט —

שרייבט דאָרטען אַש ווייטער — וועלכע האָבען די קלענסטע אַהנונג ניט געהאַט פון אידישקייט, וועלכע האָבען זיך געשעמט אויסצוזאָגען אַפילו, אַז זיי זיינען אידען, און זיי ערקלערען, אַז זיי זיינען דורך דעם בוך געוואָרען שטאָלצע אידען. אַ סך קלאָגען זיך אין די בריף איבער דעם וואָס זייערע עלטערען האָבען זיי ניט גע־געבען קיין אידישע ערציהונג און האָבען זיי ניט באַקאַנט געמאַכט מיט דעם אי־דישען גייסט און מיט דער אידישער פאַרגאַנגענהייט מיט וועלכער זיי באַקענען זיך צום ערשטען מאָל אין מיין בוך."

באַטראַכט נאָר: אין דעם נייעם טעסטאַמענט, אין דעם הייליגען בוך פון דער קריסטליכער רעליגיע, וועלכער פאַרמאָגט אַ היבשען קאַפּיטעל פון אַנטי־סעמיטיזם, ווערען די מיידלעך און די אינגלעך צום ערשטען מאָל באַקאַנט מיט דעם אידישען גייסט און מיט דער אידישער פאַרגאַנגענהייט! ווארים אַש אַליין ערקלערט דאָך, אַז דער נייער טעסטאַמענט איז דער איינציגער קוואַל פון וועלכען ער האָט געשעפּט זיין אינפאָרמאַציע וועגען יעזוס'ען, און יעזוס איז דאָך דער עיקר פון זיין בוך.

לייענענדיג דיזע שורות אַש'עס וואָלט מען געקענט מיינען, אַז אין זיין בוך געפינען זיך פאַקטען מיט בילדער און סצענעס פון דעם אידישען לעבען אין ירושלים אין יענער צייט, אַ לעבען פול מיט עכט אידישער מאָראַלער פראַכט און ערהאַבענקייט. דער אמת איז, אַז שטעלען וועגען דעם דאָזיגען ענין, וועלכע זאָלען פאַרדינען אַזעלכע ווערטער ווי „פאַקטען", „סצענעס", „בילדער", זיינען אין אַש'עס „נאַזאַרין" אַבסאָלוט ניטאָ. אַן אַלגמיינע און פּוסטע באַהויפּטונג דאָ און דאָרטען, פון וועלכע עס בלייבט אין דעם לעזער'ס מוח ניט איבער קיין סליאַד; דאָס איז אַלץ וואָס איר געפינט אין דעם בוך וועגען דעם לעבען פון די אידען אין יענער צייט. ווייטער איז אַלץ געבויט אויף דעם נייעם טעסטאַמענט. אַלס מוסטערען פון דעם שעהנעם אידישען לעבען אין יענע צייטען שטעלט ער אַרויס ר' יוחנן בן זכאי און ר' נקדימון. צי ער האָט אַ רעכט צו געברויכען דעם ערשטען פון די צוויי נעמען אויף דעם שטייגער אויף וועלכען ער געברויכט אים, און צי רבי נקדימון איז געווען אַ מוסטער — מיט דעם וועלען מיר באַקאַנט ווערען אין די נעקסטע קאַפּיטלעך.

סצענעס, געשפּרעכען, וואָס זאָלען איבערלאָזען אַן איינדרוק פון אַ שעהנעם לעבען ביי אידען אונגעפער אַרום דער צייט פון דעם צווייטען בית המקדש, אַ פּאָר הונדערט יאָר פריהער אָדער אַ פּאָר הונדערט יאָר שפּעטער — אַזעלכעס איז אין דעם „נאַזאַרין" ניטאָ. פאַראַן דאָרטען עטוואָס פון דער הייגטיגער אידישער פּאַ־לעסטינע, ווי דער היינטיגער שלום אַש, און ניט זיין פּאָר צוויי טויזענד יאָריגער פאָרגענגער יוחנן האָט דאָס דאָרטען געזעהן.

ביי די אידען פון די דורות, צו וועלכע עס געהערט די צייט פון דעם צווייטען בית המקדש און די נעקסטע עטליכע הונדערט יאָר זיינען נאַטירליך געווען גענוג שעהנע מענשען, הויך מאָראַלישע און איידעל־הערציגע מענשען; און ווען מען וויל שילדערען אַזעלכע טיפּען קען מען געפינען מאַטעריאַל דערצו אין די פילע בענדער פון ש"ס (גמרא).

אין דער גמרא זיינען צעוואָרפען פאַקטען, קלאַנגען, מיינונגען, לעבענס־באַ־מערקונגען, אַנעקדאָטען, פון וועלכע אַ בעלעטריסט וואָלט געקענט ציהען מאַטעריאַל

פאַר לעבענס־סקיצען פון יענער צייט. קיין איינדרוקספולע שילדערונגען פון דעם לעבען אין יענע דורות, אַפילו פון דעם מין וואָס איז טיילווייז געגרינדעט אויף פאַנטאַזיע, זיינען אין דעם „נאַזאַרין" אָבער ניטאָ.

וואָס אַנבאַלאַנגט דעם „הערליכען אידישען לעבען", וואָס אַש'עס יונגע בריף שרייבער און בריף שרייבערינס געפינען אין דעם ירושלים פון דעם צווייטען בית המקדש לויט אַש'עס באַשרייבונג, באַשטייט ער פון אַ באַנדע קאָרופּטע כהנים גדולים, פון איין זייט, און פון דעם הייליגען ישו פון נצרת און זיין באַגייסטערטען אָבער „פּראַקטישען" חסיד נקדימון, פון דער אַנדער זייט.

וואָס עס שאַפט יאָ אַן איינדרוק, איז אַש'עס ביטערע פאַרדאַמונג פון דער כהן גדול פאַמיליע, פון איר קאָרופּציע, גאָלד־דורשט און אַלגעמיינע מאָראַלע געזונ־קענהייט. איך זאָג ווידער: זייער פאַרדאָרבענקייט איז יאָ געגרינדעט אויף היס־טאָרישע פאַקטען. אָבער אין אש'עס „נאַזאַרין" ווערט דאָס פאַרגעשטעלט מיט אַ האַמעטנער איינזייטיגקייט, און קיין שעהנערען אידישען לעבען, זעט מען דאָרטען אין ירושלים ניט. עס שימערט ניט קיין פונק פון ליכט.

אויב אַש רעדט יאָ וועגען גייסטיגער נאַבעלקייט, און עס פעלען אים ניט קיין ווערטער, איז דאָס אַלץ שייך צום „נאַזאַרין", צו דעם מאַן פון דעם שטעדטעל נצרת — צו יעזוס'ען. אַפילו אין זיין „ענטפער", אין „פאָרווערטס", וואו ער מיידט אויס לויב פאַר יעזוס'ען, האָבען זיך ביי אים איינמאָל דאָך אַרויסגעכאַפּט די ווערטער „די הויך עטישע פערזענליכקייט פון ישו הנוצרי".

דאָס איז אָבער אַן אויסדרוק, וועלכען מען הערט פון יעדען קריסטליכען גייסט־ליכען, כמעט אין יעדער דרשה זיינער. אַז אַ פּראָטעסטאַנטישער אָדער קאַטוי־לישער גלח זאָל אַזוי ריידען וועגען יעזוס'ען, איז העכסט נאַטירליך, ווארים דאָס איז דער באַגריף פון יעדען רעליגיעזען מענשען וועגען דער העכסטער פיגור פון זיין רעליגיע; און ביי די גלויביגע פון דער קריסטליכער רעליגיע האָט זיך אין געדאַנק צוזאַמענגעשטעלט אַ פאַרקערפּערונג פון מאָראַלער ערהאַבענקייט און פּראַכט, וועלכע מען האָט אַ נאָמען געגעבען ישו הנוצרי. צענדליגע טויזענדער גלחים זאָגען די ווערטער, „די הויך עטישע פערזענליכקייט פון ישו הנוצרי". און איצט זאָגט דאָס שלום אַש נאָך.

באַטראַכט וואָס אַש זאָגט אין די שורות, וועלכע מיר ברענגען ביי דעם אָנ־פאַנג פון דיזען אַרטיקעל, שורות פון זיין „ענטפער", וועלכער איז ערשינען אין „פאָרווערטס" דעם 6טען אַפּריל, 1940. קלאָרע דבורים: דורך אַש'עס בוך, וועלכער איז געווידמעט יעזוס'ען; דורך דער רעליגיע וועלכע איז געגרינדעט געוואָרען אין זיין נאָמען און וועלכע האָט ביי הונדערטער מיליאָנען מענשען פאַר־גיפטעט די מוחות מיט אידען־האַס, זיינען די אידישע מיידלעך און בחורים, וואָס שרייבען צו אַש'ען, באַקאַנט געוואָרען, מיט אידישקייט, מיט דעם אידישען גייסט און מיט דער אידישער פאַרגאַנגענהייט. דורך דעם זיינען זיי געוואָרען „שטאָלצע אידען"!

יאָ, קלאָרע דבורים: אמת'ע אידישקייט איז לויט שלום אַש'עס מיינונג יעזוס־קייט. דער ריכטיגער אידישער גייסט איז לויט זיין איצטיגען געפיל דער יעזוס גייסט. און דאָס איז דער צענטער־געדאַנק ניט נאָר אין די דערמאָנטע עטליכע שורות, נאָר אויף דעם גאַנצען נייעם וועג זיינעם.

פונקט אַזעלכע קלאָרע דבורים הערט מען פון יעדען אידישען מיסיאָנער.

וואָס האָט די אידישע מיידלעך און בחורים, וועלכע האָבען צו אים געשריבען, געמאַכט זיך פילען אַלס „שטאָלצע אידען"? די אמת'ע פראַגע איז דאָך גאָרניט „וואָס?" נאָר „ווער?" און דער אַנטוואָרט איז:

יעזוס!

פאַרוואָס לאָזט ער אין זיין אידישען „ענטפער" אויס דעם פאַקט, אַז ער פרעדיגט באַגייסטערונג פאַר יעזוס'ען און פאַר דעם נייעם טעסטאַמענט, הגם אויף אידיש טענה'ט ער, אַז ער איז אַ הייסער איד ווי אימער. מיינט ער דען, אַז מיט אַ „הייליגען ווייסען וואָלקען" פון דיזען סאָרט וועט ער פאַרדעקען דעם נייעם וועג אויף וועלכען ער האָט זיך פאַרקירעוועט?

***

די רעדאַקציע פון „פאָרווערטס" האָט אויך ערהאַלטען בריף וועגען דעם „נאַ-זאַרין" און טאַקע גאָר אַ סך. די געשיכטע וואָס זיי דערצעהלען איז אָבער גאָר אַן אַנדערע. צווישען די וואָס האָבען געשריבען צו אונז, געפינט זיך אַ גרויסע צאָל יונגע מענשען, מייסטענס אַמעריקאַנער געבוירענע, אָבער אויך ניט קיין קלענערע צאָל עלטערען פון אַזעלכע קינדער. דאָס רוב פון די יונגע שרייבער בעטען אונז צוצושיקען זיי קאָפּיעס פון די „פאָרווערטס" נומערען, וועלכע ענטהאַלטען קריטישע אַרטיקלען וועגען דעם „נאַזאַרין". די שרייבער פון די בריף האָבען געהערט וועגען יענע אַרטיקלען אונזערע און זיי שטימען איין מיט די איבערצייגונגען, וואָס זיי דריקען אויס. פילע פון די שרייבער אָדער שרייבערינס קענען לייענען אידיש, אַנדערע ווידער פאַרשטעהען אונזער לשון און זיי האָבען ווער עס זאָל פאַר זיי די אַרטיקלען איבערלייענען. קיין אַנדער שטאַנדפּונקט ווי אונזערער ווערט ניט אַרויסגעזאָגט אין קיינע פון די בריף וואָס מיר האָבען ערהאַלטען.

אין אייניגע פון די בריף, וועלכע צו אונז האָבען געשריבען עלטערען, האָבען די שרייבער דערצעהלט, אַז זייערע קינדער פאַרוואָרפען זיי מיט אַזעלכע פראַגען ווי: איז דאָס אמת, אַז עכטע אידישקייט איז גאַנץ אַנדערש ווי די, וואָס זיי, די עלטערען, האָבען זיי געלערענט? איז דאָס אמת, אַז דאָס גלויבען אין יעזוס'ען דאַרף זיין אַ טייל פון דער אידישער אמונה? אויב אַזוי, טאָ פאַרוואָס האָבען זייערע עלטערען דאָס אימער פאַרבאָרגען פון זיי?

אין אַ פּאָר בריף פון עלטערען האָבען זיך געפונען טרויעריגע אָנצוהערענישען אַז אַ זון אָדער אַ טאָכטער איז איינפאַרשטאַנען מיט שלום אַש'ען, אַז אידען דאַרפען ניט זיין אָפּגעזונדערט פון קריסטען צוליב זייער רעליגיע; די צאָל אָבער פון אַמעריקאַנער-אויסגעהאָדוועטע יונגע לייט אָדער מיידלעך, וואָס פאַרדאַמען אַזאַ מיינונג איז צענדליגע מאָל גרעסער.

דרוקען די דאָזיגע בריף וואָלט געווען אונמעגליך. אַזוי איז אויך אָנגע-קומען אַ סך, און, ווען מען וואָלט זיי פאַרעפענטליכט, וואָלט פון דעם שטראָם גע-וואָרען אַ מבול.

***

שלום אַש פאַרזיכערט די לעזער פון „מיין ענטפער" אַז ער וויל ניט גרינדען קיין אַנדער אמונה פאַר אידען. דאָס זאָגט ער אָבער בלויז אויף אידיש. אויף ענגליש פרעדיגט ער אַ פאַראייניגונג פון די צוויי גלויבענס.

.15

# צוויי פּאַסירונגען אין דער יעזוס געשיכטע וועלכע שלום אַש היפּט איבער

מיר האָבען דערמאָנט מער ווי איין מאָל, אַז שלום אַש דערצעהלט די יעזוס געשיכטע לויט דעם הייליגען בוך פון דער קריסטליכער רעליגיע; לויט דעם נייעם טעסטאַמענט. ביי דעם דאָזיגען בוך האַלט ער זיך טריי אין באַצוג צו יעדען וויכטיגען מאָמענט. און צו אַ סך ניט וויכטיגע אויך. עס זיינען אָבער פאַראַן צוויי אויסנאַמען: צוויי פון די וויכטיגע פּאַסירונגען, פון די סאַמע וויכטיגסטע, היפּט ער איבער. מיר מיינען באַרימטע געשעהענישען, וואָס זיינען פאַרבונדען איינער מיט יעזוס'עס געבורט און דער צווייטער מיט זיין טויט. לויט דעם נייעם טעסטאַמענט זיינען זייביידע פאַרגעקומען ניט ווי ביי אַלע לעבעדיגע באַשעפענישען נאָר מיט אַ נס. געבאָרען געוואָרען איז יעזוס פון אַ מיידעל. קיין נאַטירליכען פאָטער האָט ער ניט געהאַט. זיין פאָטער איז געווען דער הייליגער גייסט. און דריי טעג נאָך זיין טויט איז ער ווידער לעבעדיג געוואָרען.

די דאָזיגע צוויי נסים היפּט שלום אַש איבער.

ווי די מעשה ווערט דערצעהלט אין ערשטען עוואַנגעליום פון נייעם טעס־טאַמענט, דער עוואַנגעליום פון הייליגען מאַטיאַס, איז יעזוס'עס געבורט פאָרגעקומען אויף אַזאַ אופן: זיין מוטער מאַריאַ (מרים) איז געווען אַ כלה פאַר יוסף'ן, אָבער איידער זיי זיינען זיך צוזאַמענגעקומען האָט זיך אַ מלאך באַוויזען יוסף'ן צו חלום און געזאָגט: „יוסף, זון פון דוד, האָב קיין מורא ניט צו הייראַטען מרים'ען, ווארים דאָס קינד וואָס זי טראָגט איז פון הייליגען גייסט. זי וועט האָבען אַ זון און דו זאָלסט אים אַ נאָמען געבען ישוע (יעזוס) ווארים ער וועט זיין פאָלק ראַטעווען פון זינד. (ישוע הייסט הילף, רעטונג אויף לשון קדש). ווען יוסף איז אויפ־געשטאַנען פון שלאָף האָט ער געטאָן ווי דער מלאך האָט אים געהייסען, ער האָט מיט מרים'ען חתונה געהאַט. ער האָט זי אָבער ניט אָנגערירט ביז זי האָט געהאַט איר ערשטלינג, אַ זון, און ער האָט אים אַ נאָמען געגעבען ישוע.

לויט דעם נייעם טעסטאַמענט שטאַמט יוסף פון דוד המלך. יעזוס רעכענט זיך פאַר יוסף'ס זון, און דאָס הייסט, אַז ער שטאַמט פון דוד המלך און איז געבאָרען געוואָרען צו זיין דער משיח — משיח בן דוד. און אַזוי ווי דוד איז געווען אַ קעניג ביי אידען, וועט ער אויך זיין אַ קעניג ביי אידען. אַט אויף דעם דאָזיגען פּונקט פרעגען די קריטיקער זייער באַרימטע קשיא: וואָס פאַר אַ מחותן איז יעזוס מיט יוסף'ס משפחה?

אַז מרים איז שוואַנגער געוואָרען פון הייליגען גייסט און אַז איר קינד וועט זיין גאָט'ס זון — אויף דעם איז אין אַש'עס בוך אַפילו קיין אָנצוהערעניש ניטאָ. אָבער אַז מרים האָט געפילט, אַז גאָט האָט אין איר אַריינגעשיקט „עפּעס גרויסעס" דאָס דערצעהלט זי אַליין אין אַש'עס „נאַזאַרין". זי איז ענטבונדען געוואָרען ווען דאָס פאָר פאָלק האָט זיך געפונען אין אַ פרעמדען פּלאַץ, טאַקע אין בית לחם וואו דוד המלך איז געבאָרען געוואָרען. דאָרטען האָבען זיך דאַן געפונען אַ סך מענשען פון אַנדערע שטעדט און שטעדטלעך און זיי האָבען קוים געקענט געפינען אַ פּלאַץ

וואו איינצושטעהן. אַלזאָ איז מרים געגאַנגען צו קינד אין אַ שטאַל. זי האָט איר ניי געבוירענעם זון איינגעוויקעלט אין ווינדעלעך און אַריינגעלעגט אין אַ קאָרעטע. ביי איר זונ'ס געבורט האָט מרים דערזעהן אַ גרויס ליכט אין הימעל; זי האָט געהערט געזאַנג און דערפילט אַ גן עדן ריח אַרום זיך. „פון וואַנען נעמט זיך די דאָזיגע וואונדערבאַרע ליכט?" — האָט זי געפרעגט ביי איר מאַן. „מיר דוכט זיך, אַז די לבנה און די שטערען זיינען אַריינגעקומען אין שטאַל מיך צו באַגריסען".

שפּעטער האָט זי דערצעהלט ווי די שעפּסען און די אַנדערע בהמות פון שטאַל האָבען זיך צוגעטוליעט צו איר און זי געלעקט מיט זייערע צינגער איר אָנצו־וואַרעמען פון דער קעלט. די שעפּסען האָבען אַלזאָ אינסטינקטיוו געפילט, אַז ביי מרים'ען איז געבאָרען געוואָרען אַ גרויסער געטליכער מאַן; און איינער אַ איד האָט דאַן געזאָגט, אַז דער ניי געבאָרענער איז משיח.

אַז מרים איז שוואַנגער געוואָרען פון הייליגען גייסט לאָזט אַש טאַקע דורך. די אַנדערע הייליגע ערשיינונגען, וועלכע האָבען באַגלייט יעזוס'עס קומען אויף דער וועלט לאָזט ער אָבער ניט דורך. קורץ, יעזוס איז געבאָרען געוואָרען אַ היי־ליגער לויט אַש'עס שילדערונג אַזוי גוט ווי לויט דעם נייעם טעסטאַמענט. אַ חוץ דעם איז זיין לעבען מיט די אַלע איינצעלהייטען, וועלכע אַש באַשרייבט, אַזוי איינגעטונקט אין נסים און אין געטליכקייט, אַז עס איז דאָ מער ווי געגנוג הייליגקייט פאַר אַזאַ טיטול ווי גאָט'ס זון אויך. דאָך, ווען אַ אידישער קריטיקער האָט דער־מאָנט, אַז אַש רופט יעזוס'ען מיט דעם דאָזיגען טיטול האָט ער, אַש, געמאַכט אַ געוואַלד. מיט דעם וואָס ער זאָגט זיך אָפּ פון די צוויי ווערטער פאַרגלעט ער אָבער גאָרניט. ווען מען נעמט אָן אַזעלכע גרויסע נסים און עס האַנדעלט זיך דורכאויס וועגען וואונדערען וואָס גאָט קען באַווייזען, איז איבערהויפּט לעכערליך צו ציהען אַ גרעניץ און זאָגען אַז אין אַזאַ וואונדער גלויב איך יאָ און אין אַזאַ וואונדער גלויב איך ניט. ביי גאָט זיינען דאָך אַזעלכע גרעניצען ניטאָ.

און וואו מאַכט ער די געוואַלדען? אין זיין „ענטפער" אויף אידיש, אין „פאָרווערטס". אין דער ענגלישער איבערזעצונג פון זיין בוך איז קיין ערקלערונג אַז ער האַלט יעזוס'ען ניט פאַר גאָט'ס זון, ניטאָ.

⁂

ענליכעס איז מיט זיין באַציהונג צו יעזוס'עס טויט. אַש באַשרייבט ווי יעזוס מוטשעט זיך אין פּיין אויפ'ן צלם. דערנאָך באַשרייבט ער ווי מען נעמט אים אראָפּ פון צלם אַ טויטען און ווי מען איז אים מקבר. דאָס אַלץ שילדערט ער מיט אַ סך מער איינצעלהייטען ווי דער נייער טעסטאַמענט. די צוגעגעבענע שטאָף נעמט ער פּראָסט פון זיין פאַנטאַזיע, הגם אין אַזאַ פאַל איז דאָס זעהר ניט־פּאַסיג. ווען מען קען ניט געפינען קיין היסטאָרישען מאַטעריאַל צו אַזעלכע שילדערונגען וועגען יעזוס'ען, און מען שילדערט פאָרט, איז דער רעזולטאַט ניט מער ווי אַ שטיק אונאַנגענעמע פאַנטאַזיע. און צו וואָס ברענגט ער אַריין די ניט געשטוי־גענע, ניט געפלויגענע איינצעלהייטען? כדי צו קענען כלומר'שט פאַרשטעלען, אַז ער, אַש, אין דעם געשטאַלט פון יוחנן איז אַליין געווען דערביי און האָט אַלץ אַליין געזעהן. וואָס פאַר אַ קינדערישער באַגריף וועגען ליטעראַטור! אָבער דאָס איז אַן אַנדער ענין.

דריי טעג נאָך יעזוס'עס טויט האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז זיין קבר איז פּוסט. עס האָבען זיך אַרומגעטראָגען קלאַנגען, אַז ער איז צוריק לעבעדיג געוואָרען און איז אַרויף אויפ'ן הימעל, דערצעהלט יוחנן. שלום אַש אָבער ערקלעהרט, אַז דאָס וואָס איז פאָרגעקומען נאָך יעזוס'עס טויט אינטערעסירט אים ניט. מער אינ־טערעסירט אים דער יעזוס ענין איבערהויפּט ניט. אַז ער גלויבט דאָס יעזוס איז משיח און אַז ער וועט אַראָפּקומען אויף דער ערד אַ צווייטען מאָל אויך אַלס משיח, דאָס זאָגט ער ניט. מיר מוזען אָבער ווידער זאָגען, אַז מיט דער פאַרגלעט ער גאַרניט; ווארים איידער יעזוס איז געשטאָרבען איז ער, שלום אַש'עס יעזוס, געווען אַזוי פיל מיט הייליגע ערשיינונגען און נסים, אַזוי נאָהענט צו גאָט'ס טראָן, אַז צו מאַכען, אַז ער זאָל ווידער לעבעדיג ווערען וואָלט פאַר דעם רבונו של עולם געווען אַ קינדער שפּיל.

דריי טעג נאָך יעזוס'עס טויט האָט זיך אַרויסגעצייגט, אַז זיין קבר איז פּוסט. אין דעם נייעם טעסטאַמענט שטעהט, אַז ער איז ווידער לעבעדיג געוואָרען און איז אַרויף אויפ'ן הימעל. אַש מאַכט וועגען דעם ניט קיין דירעקטע ערקלערונג. ער זאָגט בלויז, אַז וואָס נאָך זיין טויט איז געווען אינטערעסירט אים ניט. ער דער־צעהלט וועגען די קלאַנגען וואָס האָבען זיך אַרומגעטראָגען אין שטאָדט אָבער אים אינטערעסירען זיי ניט, זאָגט ער. זאָגען איינפאַך און באַשטימט, אַז ער גלויבט ניט, אַז יעזוס איז ווידער לעבעדיג געוואָרען, זאָגט ער ניט. די ערקלערונג וואָס ער מאַכט אַז דער ענין אינטערעסירט אים ניט, קלינגט ווי די רייד פון איינעם, וואָס וויל בלייבען „נאָך־קאָמיטל" — זיך ניט באַלעסטיגען מיט אַ באַשטימטער מיינונג, וועלכע וועט אים דערנאָך האַלטען געבונדען.

דאָס איז אָבער נאָך ניט אַלץ.

ווען שלום אַש שטעלט פאַר ווי עס האָט אויסגעזעהען יעזוס'עס טויטער קערפּער שרייבט ער:

„מיר האָבען באַמערקט ווי ליידיג דער גוף איז פון בלוט. עס איז געווען אַ פּעקעל ביינער פאַרדעקט מיט אַ וואַקסענער געלקייט און דאָך האָט איבער דעם גוף געפלאַטערט אַ מערקווירדיגע פרישקייט. עפּעס ניי געבאָרענעס, דער אויסזעהן פון אַן עופה'לע האָט זיך געפילט".

פּאַרט אַ הייליגער, הייסט עס! ניט ווי אַלע טויטע נאָר מיט וואונדערליכע סמנים פון פרישקייט, פון אַ נייער געבאָרענשאַפט! מיט אַנדערע ווערטער, טאַקע אַ ווידער געבאָרענער ווי דער נייער טעסטאַמענט דערצעהלט די מעשה...

אַש האָט, דאַכט זיך, אָקאָרשט געזאָגט, אַז וואָס מיט יעזוס'ען האָט פּאַסירט נאָך זיין טויט איז ניט זיין ביזנעס... ער האָט אַ קורצען זכרון, דער פאַרפאַסער פון דעם „נאַזאַרין"...

טיף רעליגיעזע פאַרשטעהער פון די קריסטליכע קירכען וועלען אָבער פאַר אַזאַ שלוס אויף אַש'ען קיין פאַראיבעל ניט האָבען. דאַכט זיך בלויז עטליכע ווערטער ניט מער, אָבער וואָס פאַר אַ אָנצוהערעניש זיי ענטהאַלטען! געשטאָרבען, אָבער ניט ווי אַלע מענשען שטאַרבען, נאָר גלייך אויפ'ן שטעל פלאַטערט אַ געפיל, אַז ער ווערט ווידער געבאָרען.

.16

# קלויזנער, כוואָלסאָן, איינשטיין. — שלום אַש דערמאָנט זיי אַלס אויטאָריטעטן, וואָס זיינען גינסטיג צו זיין „נאַזאַרין"

אין זיין „ענטפער" ברענגט שלום אַש אַ גאַנצע רייהע נעמען פון בעלעטריסטען, קינסטלער און וויסענשאַפטס־לייט. ער ברענגט זיי אַלס פּערזאָנען, וועלכע האָבען געשאַפען קונסט אָדער אָפּהאַנדלונגען אויף טעמעס, וועלכע זיינען ענליך צו זיין „נאַזאַרין" אָדער וואָס האָבען אויסגעדריקט די זעלבע געדאַנקען וואָס ער, שלום אַש, דריקט אויס. אַזוי ערקלערט ער. ער רופט אויך אָן אַ היבשע צאָל היינט־וועלטיגע רבנים און סתם באַקאַנטע פּערזאָנען, וועלכע האָבען אים געגעבען קאָמ־פּלימענטען פאַר זיין „נאַזאַרין". פון דעם לאַנגען צעטעל וואָס ער רעכענט אויס וועלען מיר זיך מוזען באַנוגענען מיט די באַקאַנטסטע דריי נעמען: איינשטיין, כוואָלסאָן און קלויזנער. איך קלייב זיי אָבער ניט אויס בלויז דערפאַר, ווייל זיי זיינען באַרימט. מילאָ, וואָס אַנבאַטרעפט יוסף קלויזנער'ן, איז ער ווירקליך זעהר נאָהענט צו דער פראַגע, מיט וועלכער מיר באַשעפטיגען זיך דאָ. צו אַ באַטראַכטונג אָבער פון שלום אַש'עס „מיין ענטפער" זיינען אַלבערט איינשטיין און כוואָלסאָן אויך וויכטיג. די איבעריגע רעפּרעזענטירען ווערק, וואָס האָבען קיין שייכות ניט, ניט צו אַש'עס „נאַזאַרין", ניט צו אונזער דיסקוסיע פּשוט אַלס אַ דיסקוסיע. אויך זיינען זיי ניט קיין אויטאָריטעטן וועגען דעם געגענשטאַנד. אין איניגע פאַלען האָבען די פּערזאָנען, וועלכע אַש רופט אָן, איבערהויפּט קיין מיינונג ניט אַרויסגעזאָגט.

מיר וועלען אָנהויבען פון יוסף קלויזנער'ן, וועלכער האָט אָפּגעגעבען אַ סך צייט און מי אויף דער פראַגע וועגען יעזוס'ען. ער איז דער פּראָפעסאָר פון אַ באַקאַנטען ווערק אויף דער טעמע און פון אַ צווייטען ווערק, וואָס האָט אויך אַ נאָהענטע שייכות צו איר. ער שרייבט אויף העברעאיש. זיין ערשטער בוך „ישו הנוצרי" איז אָבער שוין איבערגעזעצט אויף ענגליש און אַנדערע שפּראַכען. פּראָפעסאָר קלויזנער איז אַ געלערנטער און מיט דעם יעזוס־ענין פאַרנעמט ער זיך שוין אַ היבשע עטליכע יאָר. זיין צווייטער בוך „מישו עד פאולוס" (פון ישו ביז פאול'ען), וועלכער איז ערשינען פאַריגען יאָר, איז אין צוויי טיילען.

אַש טענה'ט, אַז פּראָפעסאָר קלויזנער זאָגט דאָס זעלבע וואָס ער. און דאָך האָבען קריטיקער אויף אים זיך ניט אַזוי אַרויפגעוואָרפען ווי אויף אים, אויף אַש'ען.

„דאָס, וואָס איך האָב געזאָגט, האָט אין אַ פיל שטאַרקערע מאָס אַרויסגעבראַכט אין זיין וויסנשאַפטליך בוך „ישו הנוצרי", פּראָפעסאָר קלויזנער", שרייבט אַש אין זיין „ענטפער". „ער האָט דאָס נאָך אַמאָל באַשטעטיגט אין זיין ווערק „מישו עד פאולוס"... און ער איז ביז היינטיגען טאָג פּראָפעסאָר פון ירושלים'ער אוניווער־זיטעט".

אַש שליסט מיט דער פראַגע: „פאַרוואָס קומט עס אַזאַ פּאָגראָם אויף שלום אַש'ען?"

דער ענטפער איז: ערשטענס, האָט מען פּראָפעסאָר קלויזנער'ן פאַר זיין „ישו הנוצרי" אויך געגוג קריטיקירט און קיין שאַרפע ווערטער האָבען אויך ניט געפעלט; צווייטענס, איז אַבסאָלוט ניט אמת, אַז פּראָפעסאָר קלויזנער זאָגט דאָס זעלבע וואָס אַש. וואָס אַנבאַטרעפט דעם עיקר פון זייערע ווערק וועגען יעזוס'ען און דעם שלום צו וועלכען יעדער פון זיי קומט, איז פונקט פאַרקערט.

אַש פּרעדיגט, אַז די אידישע רעליגיע און די קריסטליכע זאָלען זיך פאַר־אייניגען, און קלויזנער'ס מיינונג איז דער היפוך פון אַזאַ שטאַנדפּונקט. ער זאָגט עס אַרויס מיט קלאָרע דייטליכע ווערטער אין זיין ערשטען ווערק „ישו הנוצרי", און מיט נאָך שטאַרקערע ווערטער אין זיין ווערק וועגען דעם הייליגען פּאול. אונזער „פאָרווערטס"־קאָלעגע און גענאָסע מ. אַשעראָוויטש האָט וועגען דעם דאָזיגען בוך געהאַט אַן אַרטיקעל אין דער „צוקונפט" פון אָקטאָבער, 1940, און דאָרטען לייענען מיר דאָס פאָלגענדע:

„ס'איז מיין טיפע איבערצייגונג, — זאָגט דר. קלויזנער, — אַז דאָס אידענטום וועט קיינמאָל ניט מאַכען שלום מיט'ן קריסטענטום, (אין דעם זין פון אַ גייסטיגער פשרה), און עס וועט זיך ניט לאָזען איינשליגען פון דעם קריסטענטום, וויל ביידע זיינען ניט נאָר צוויי באַזונדערע רעליגיעס, נאָר אויך צוויי באַזונדערע וועלט־אָנ־שויאונגען: דאָס אידענטום וועט קיינמאָל ניט צוקומען צו דער עקסטרעמער קריסטליכער מאָראַל אין דער טעאָריע, וואָס האָט ניט קיין באָדען אין דערווירק־ליכקייט און וואָס קען דעריבער אין דער פּראַקטיק פאַרוואַנדעלט ווערען אין אַ היפוך פון מאָראַל און אין ברוטאַליטעט. ווי מיר האָבען דאָס געזעהן אין אַ סך קריסטליכע לענדער אין די צייטען פון מיטעל־אַלטער און אויך אין אונזער צייט" („מישו עד פאולוס", צווייטער באַנד, זייט 290).

אַש זאָגט, אַז יוסף קלויזנער דריקט אויס דאָס זעלבע ווי ער, נאָר נאָך שטאַר־קער. אַז ער דריקט דאָס אויס שטאַרק איז אמת. ס'איז אָבער ניט „דאָס זעלבע", נאָר פונקט פאַרקערט. ווי אַזוי אַש'ען פאַלט איין צו זאָגען אַז ס'איז פונקט דאָס זעלבע, איז איינע פון די פילע זאַכען אין זיין נייעם וועג, פון וועלכע מען שטוינט.

מיט דר. קלויזנער'ס ערקלערונג, וועלכע איך האָב דאָ ציטירט פון מ. אַשע־ראָוויטש'עס אַרטיקעל, בין איך האַרציג איינפאַרשטאַנען. דאָס הייסט אָבער ניט אַז איך קען זיך אונטערשרייבען אונטער אַלץ וואָס פּראָפעסאָר קלויזנער זאָגט. ווי מיר וועלען באַלד זעהן, זיינען פאַראַנען ענינים, אין וועלכע זיין מיינונג קען ניט אָנגענומען ווערען. דאָס זיינען אָבער אַזעלכע פראַגען, ביי וועלכע דער אונטערשייד צווישען אים און איך קען ניט זיין קיין אורזאַך פאַר אומאַנגענעמע געפילען.

***

אַ פּאָר ספּעציעלע ווערטער וועגען קלויזנער'ס ווערק, אין וועלכע ער באַ־שעפטיגט זיך דורכאויס מיט יעזוס'ען. מיט די געלערטע, וועלכע זיינען איבער־צייגט, אַז דער גאַנצער יעזוס איז אַ לעגענדע, איז קלויזנער ניט איינפאַרשטאַנען. ער גלויבט, אַז יעזוס איז אַ היסטאָרישע פּערזאָן, ניט קיין אויסגעטראַכטע. וויסענ־שאַפטליכע קריטיקער, וועלכע האָבען געלייענט קלויזנער'ס בוך וועגען יעזוס'ען אין אַן ענגלישער איבערזעצונג, אַטאַקירען אים מערסטענס. אייניגע זאָגאַר זעהר ניט העפליך. שטאַרק קריטיקירען אים פאַר דעם בוך אויך אייניגע העברעאישע דענקער.

איך בין מיט דעם בוך באַקאַנט דורך דער ענגלישער איבערזעצונג און הגם איך בין פעסט איבערצייגט, אַז קלויזנער'ס אַרגומענטען זיינען געבויט אויף זאַמד, האָב איך פונדעסטוועגען אַ געפיל פון רעספּעקט צו זיין געלערנטקייט.

אין אַמאָליגע יאָרען, ווען יוסף קלויזנער האָט געוואוינט אין אָדעס, פלעגט מען דאָרטען, אין די קרייזען פון העברעאישע שרייבער, אים האַלטען פאַר ניט קיין פּראַקטישען מענש. אַז זיין געלערנטקייט איז אַן ערענסטע, אין דעם האָט קיינער ניט געצווייפעלט און איצט צווייפעלט מען אין דעם אויך ניט.

ווען אַ געלערטער האָט אַלס זיין ספּעציאַליטעט כעמיע אָדער אַסטראָנאָמיע, צום ביישפּיל, און ער האָט עפּעס וואָס צו זאָגען וועגען זיין פאַך, הער איך זיך צו צו זיינע ווערטער אימער מיט רעספּעקט. קלויזנער'ס ספּעציאַליטעט האָט אָבער אַ גאַנץ אַנדער כאַראַקטער. ער שטודירט היסטאָרישע פאַקטען, היסטאָרישע באַוויזע, און וואָס עס איז שייך די פאַקטען אַן און פאַר זיך, ווי ווייט מען קען ניט פרעגען קיין קשיות אויף זיי, נעם איך אַראָפּ מיין הוט פאַר אים. עס זיינען אָבער פאַראַן פאַקטען, סיטואַציעס אָדער רייד, וועלכע מען הערט פון מענשען, רייד וואָס ניט אַלע פאַרשטעהען אָדער שאַצען אָפּ אויף דעם זעלבען שטייגער, און דערביי ווענדט זיך אָפּט אַן דעם אָפּשאַצער'ס וועלטליכע מבינות און באַגריפען אַ סך מער ווי אַן דעם שרייבער'ס געלערנטקייט. עס ווענדט זיך אַן דעם לעזער'ס פּראַקטישען פאַרשטאַנד אַ סך מער ווי אַן דעם פּאַרפעסאָר'ס לומדות. אין אַזעלכע פאַלען קען מען מיט פּראָפעסאָר קלויזנער'ן ווייט ניט אימער זיין איינפאַרשטאַנען. אַ היסטאָרישע פּערזאָן האָט עפּעס געזאָגט, למשל, בויט פּראָפעסאָר קלויזנער אויף זיינע ווערטער אַ וויכטיגען שלוס. ביי אַנדערע אָבער קען אפשר אויסקומען, אַז ער איילט זיך צו שטאַרק יענעמס רייד אָנצונעמען פאַר וויכטיג אָדער פאַר אַ כשר'ע מטבע. ענליכעס איז מיט דער אויסטייטשונג פון אַ פּאַסירונג, אַ סיטואַציע אָדער די געגענזייטיגע באַציהונגען צווישען היסטאָרישע פּערזאָנען. האָבען „פאַקטען" איז נאָך ווייניג. עס ווענדט זיך ווי אַזוי איר באַנעמט זיי, מיט וואָס פאַר אַ פּשט איר לערענט זיי.

היסטאָריע איז ניט כעמיע און ניט אַסטראָנאָמיע, און דער איינדרוק וואָס איר באַקומט פון אַ געשעהעניש אָדער אַ רעדע, אָדער דער געפיל וואָס איר האָט וועגען דעם, וואָס עס קומט פאַר ביי יענעם אין האַרצען ווען ער זאָגט עפּעס מיט'ן מויל, דאָס איז אויך ניט קיין כעמיע און קיין אַסטראָנאָמיע.

מיט קלויזנער'ס ווערק וועגען פּאָול'ען בין איך פּערזענליך ניט באַקאַנט. איך האָב אָבער אַ באַגריף וועגען דעם. און איך בין פיל, אַז אין דיזען פאַל נעמט ער אויך אָן אַלסווירקליכקייטען אַזעלכעס וואָס קלינגט ווי לעגענדע־שטאָף.

דזש. מ. ראָבערטסאָן, וועלכער איז איינער פון די וויכטיגסטע געלערטע און דענקער וועגען דער יעזוס פּראַגע אין ענגלאַנד, האָט ניט קיין גוטע מיינונג וועגען קלויזנער'ס געדאַנקען איבער אַזעלכע ענינים; און איך בין מיט אים איינפאַרשטאַנען. איך בין איינער פון אַ גרויסע צאָל אינטעליגענטע מענשען וואָס זיינען טיף איבערצייגט, אַז אָנצונעמען די היסטאָרישקייט פון יעזוס'ען אויפ'ן גרונד פון מאַטעריאַל, וועלכען קלויזנער באַטראַכט אַלס צופרידענשטעלענד, איז אונמעגליך.

אַז אידען קענען ניט אָננעמען די רעליגיע, וואָס יעזוס כריסטוס האָט געגרינדעט, ווי פּראָפעסאָר קלויזנער גלויבט, דאָס זאָגט ער קלאָר און אויסדריקליך

אין זיין הקדמה צו זיין „ישו הנוצרי" אויך. דאָס קען דער לעזער זעהן פון דעם פאָלגענדען אויסצוג, וועלכען איך איבערזעץ פון דער ענגלישער איבערזעצונג פון דעם באַנד:

„קריסטענטום איז געבאָרען געוואָרען אין ישראל אָלס אַ פאָלק האָט אים פולשטענדיג צוריקגעשטויסען. פאַרוואָס? פילע אידען און קריסטען געפינען די אורזאַכע דערצו אין דעם פאַקט, אַז פון פאול'ען אַן האָט קריסטענטום אַריינגענומען אין זיך פילע גריכישע און געצען־דינערישע עלעמענטען, וועלכע האָבען כמעט דערשטיקט די אידישע עלעמענטען, וועלכע זיינען געווען דאָס איינ־ציגע וואָס יעזוס האָט געוואוסט. און ווען מען באַטראַכט די פראַגע גרינדליך, דערמאָנט מען זיך אָן דעם כלל, אַז דער עפעל פאַלט ניט ווייט פון בוים. אַלזאָ קען מען פון אַ מענשענ'ס תלמידים און אַפילו פון זיינע תלמידים'ס תלמידים אור־טיילען וועגען זייער רבי'ן. ווען אין יעזוס'עס לערע וואָלט זיך ניט געפונען עפּעס אַזעלכעס וואָס איז אין געגענזאַץ צו דעם וועלט באַגריף פון דעם אידישען פאָלק, וואָלט פון דעם קיינמאָל ניט געקענט אויסוואַקסען אַ נייע תורה, וועלכע געפינט זיך אין אַזאַ שטאַרקען ווידערשפרוך מיט דעם גייסט פון אידישקייט. פון גאָר־ניט קומט גאָרניט אַרויס. הגם עס איז מעגליך, אַז די פרינציפּען, וועלכע יעזוס האָט געפּרעדיגט זיינען ניט געווען אומישנע געצילט געגען דער אידישקייט פון יעזוס'עס צייט, האָבען זיי אָבער אין זיך געהאַט די קערנער, פון וועלכע עס איז מיט דער צייט ענטוויקעלט געוואָרען אַ ניט־אידישע און זאָגאַר אַן אַנטי־אידישע לעהרע".

ניט אַלץ איז אין דיזער ערקלערונג ריכטיג. דר. קלויזנער'ס גאַנצער באַגריף וועגען דעם אָנהויב פון קריסטענטום איז פאַלש. דער שטאַנדפּונקט אָבער, וועלכען ער זאָגט דאָ אַרויס וועגען דער קריסטליכער לעהרע איז אַ ריכטיגער, און לויט אַזאַ שטאַנדפּונקט וואָלט וועגען אַש'עס פּלאַן, אַז מען זאָל די אידישע געבעט־הייזער פאַראייניגען מיט קריסטליכע קירכען, אונמעגליך געווען צו ריידען נאַטירליך.

אַש פרעגט פאַרוואָס מען איז אַזוי שטרענג צו אים און ניט צו קלויזנער'ן. „פאַרוואָס מאַכט מען ניט קיין פּאָגראָם אויף קלויזנער'ן", פרעגט ער. דער ענטפער איז, אַז ווען מען איז געגען קלויזנער'ס מיינונג, אַז יעזוס איז ניט קיין לעגענדע, נאָר אַ היסטאָרישע פּערזענליכקייט, איז דאָס אַ וויסענשאַפטס־פראַגע. מיט דעם אידישען עולם אָלס אידישע קינדער האָט עס ניט צו טאָן. געגען זייער געפיל אָלס אידען זינדיגט קלויזנער ניט. ווען מען זאָל זאָגען אַן אָרטאָדאָקסישען אידען, אַז יעזוס האָט טאַקע אַמאָל געלעבט, וואָלט עס אים ניט אָנגעהויבען צו קימערען, וואָרים אַזוי גלויבט ער אַליין אויך. פּרופט אים אָבער אַ זאָג טאָן, ווי אַש זאָגט, אַז יעזוס איז אַ הייליגער און אַז די אידישע אמונה דאַרף אים אַרייננעמען און אַז זי דאַרף פאַראייניגט ווערען מיט דעם קריסטליכען גלויבען, וועט אויסברעכען אַ וואולקאַן ביי אים אין האַרצען. קלויזנער'ס ערקלערונג, אַז די צוויי רעליגיעס קענען ניט האָבען קיין שייכות איינע מיט דער אַנדערע, די שטאַרקע ווערטער מיט וועלכע ער דריקט עס אויס, קענען נאָר אַרויסרופען די וואַרעמסטע צופרי־דענהייט אין אַ אידיש האַרץ. שלום אַש, ווידער, טרעט אַרויס אָלס אַ איד, וואָס איז באַגייסטערט פאַר יעזוס'ען און פאַר דעם עוואַנגעליום און פּרעדיגט פאַראיי־ניגונג פון דער אידישער אמונה מיט דער קריסטליכער.

ווען אַש מאַכט זיך, אַז ער זעהט דאָ ניט קיין אונטערשיד, ווען ער ערקלערט, אַז קלויזנער זאָגט דאָס זעלבע ווי ער און נאָך שטאַרקער, איז דאָס זעהר זאָנדערבאַר.

זאָגען, אַז אידען דאַרפען אַריינגעמען יעזוס'ען אין זייער אמונה, דאָס פּאַלט קלויזנער'ן גאָרניט איין. אַפילו אין זיין ערשטען בוך „ישו הנוצרי" איז ער געווען פולשטענדיג אָפּגעזונדערט פון קריסטענטום. און וואָס אָנבאַטרעפט די נסים און אַנדערע פּרטים פון דער יעזוס מעשה, וועלכע שמעקען מיט הימעל, מאַכט ער זיי אימער אַוועק מיט דער האַנט ווי לעגענדעס, ווערענד שלום אַש נעמט זיי אָן מיט באַגייסטערונג. קיין סקעפּטישע באַציהונג צו יעזוס'עס מופתים פילט זיך אין דעם „נאַזאַרין" ניט. קיין שפּור פון אַזאַ באַציהונג.

***

מיט כוואָלסאָנ'ען איז אַ גאַנץ אַנדערע געשיכטע. ער איז אַן אַנדער סאָרט מענש מיט אַן אַנדער סאָרט ביאָגראַפיע.

שלום אַש רעדט וועגען אים אין אַ טאָן פון דער העכסטער אַכטונג און כוואָלסאָנ'ס בוך „דער לעצטער פּסח-סדר און כריסטוס" רופט ער אַן עפּאָכע-מאַכענד ווערק. אַש באַצייכענט כוואָלסאָנ'ען מיט די ווערטער:

„דער ערשטער און וויכטיגסטער פון אַ רייהע שרייבער, וועלכע מיהען זיך ריינצוואַשען דאָס היסטאָרישע אידענטום פון די פאַרברעכענס, וואָס קריסטליכע געלערטע האָבען אונז צוגעשריבען." איינער פון די „קאָמפּלימענטען", וואָס אַש גיט קלויזנער'ן איז, אַז „ער געהט אין כוואָלסאָנ'ס וועג".

דניאל כוואָלסאָן איז געווען באַרימט אין רוסלאַנד אַלס געלערטער אויף אָריענטאַלישע שפּראַכען און אַלס פּראָפעסאָר אויף דעם דאָזיגען געגענשטאַנד אין דעם פּעטערבורגער אוניווערסיטעט און אין דער דאָרטיגער גלחים-אַקאַדעמיע. (אום צו קענען באַקומען אַזאַ שטעלע האָט ער זיך גע'שמד'ט).

אין דריי זונטאָגס-„פאָרווערטס'ן" פון 1936, פעברואַר דעם 9טען, דעם 16טען און 23טען, זיינען געווען אָפּגעדרוקט אַרטיקלען וועגען כוואָלסאָנ'ען פון אונזער פאַרשטאָרבענעם הויך-געלערטען און באַליבטען מיטאַרבעטער שאול גינזבורג, וועלכער האָט כוואָלסאָנ'ען גוט געקענט פערזענליך און איז אויך געווען גוט באַ-קאַנט מיט דער פאַמיליע פון דעם אידישען באַראָן און מיליאָנער גינזבורג, פון וועמען כוואָלסאָן האָט אָפט באַקומען גרויסע סומען געלט. כוואָלסאָנ'ס ראָלע און זיין רעפּוטאַציע ביי אידען באַשטעטיגען שאול גינזבורג'ס אַרטיקלען, וועלכע ענטהאַלטען מערקווירדיגע איינצעלהייטען. מיר ווילען דאָ איבערגעבען בקיצור די הויפּט פאַקטען פון כוואָלסאָנ'ס לעבען; פאַקטען, וועלכע זיינען וויכטיג פאַר אונזער ענין.

כוואָלסאָן איז געווען באַרימט צווישען אידען פון רוסלאַנד דערמיט וואָס ער האָט געהאָלפען באַווייזען, אַז אידען באַנוצען ניט קיין קריסטליך בלוט אויף פּסח. ער האָט פיל געשריבען וועגען דעם ענין און ער האָט מיט זיין שרייבען געהאָלפען באַקעמפען בלוט בלבולים. ער האָט עס אָבער אימער געטאָן פאַר געלט. ער האָט זיך בוכשטעבליך געלאָזט אָפּגילטען פון באַראָן גינזבורג'ען פאַר יעדען גוטען וואָרט, וואָס ער האָט געשריבען וועגען אידען.

אַלס משומד איז ער געווען באַקאַנט איבער גאַנץ רוסלאַנד ביי קריסטען און

אידען. ער האָט געהאַט אַ ספּעציעלע הנאָה פון מישען זיך אין אידישען לעבען און אין אידישער טעטיגקייט. די רוסישע אידישע אינטעליגענטען פון פּעטערבורג, וועלכע האָבען אים גוט געקענט, האָבען אים געהאַלטען פאַר אַ זעהר מיאוס'ען מענשען. זיי האָבען אָבער ניט געקענט אַרויסטרעטען געגען אים עפענטליך, ווייל ער האָט געהאַט גרויס איינפלוס אין די צאַרישע רעגירונגס-קרייזען. זיי האָבען מורא געהאַט, אַז אויב מען וועט כוואָלסאָנ'ען קריטיקירען וועט זיך די צאַרישע רעגירונג נוקם זיין אָן אַלע אידען. דאָס האָט זיי אָבער ניט אָפּגעהאַלטען פון פּראָטעסטירען געגען אים און פאַרדאַמען אים ווען ער האָט זיך גענומען מישען אין אידישע רעליגיעזע אַנגעלעגענהייטען.

ווען עס איז אין רוסלאַנד געגרינדעט געוואָרען די חברה „מפיצי השכלה" (געזעלשאַפט צו פאַרשפּרייטען בילדונג צווישען אידען), האָט די געזעלשאַפט גע־מוזט אַריינגעמען דעם משומד כוואָלסאָן פאַר אַ מיטגליד. די פירער פון דער געזעלשאַפט האָבען געוואוסט, אַז אויב זיי וועלען אים ניט אַריינגעמען קען די צאַרישע רעגירונג די געזעלשאַפט אינגאַנצען פאַרבאָטען. די געזעלשאַפט האָט פון סאַמע אָנהויב פון איר עקזיסטענץ באַשלאָסען אַרויסצוגעבען אַ רוסישע איבער־זעצונג פון חומש. אין יענע יאָרען איז נאָך ניט געווען קיין רוסישע איבערזעצונג פון תנ"ך. די רוסישע קירכע האָט זיך באַנוצט מיט דעם אַלטען טעסטאַמענט אין דער אַלטער סלאַוויאַנער שפּראַך (צערקאָווניאַ סלאַוויאַנסקי). די חברה „מפיצי השכלה" האָט דאַן גענומען זוכען פּאַסענדע מענשען, וועלכע זאָלען קענען מאַכען אַ גוטע רוסישע איבערזעצונג פון חומש, אָבער איידער וואָס ווען האָבען זיי באַקומען אַ מעלדונג פון „הייליגען סינאָד", דעם צאַר'ס מיניסטעריום פאַר רעלי־גיאָנס אַנגעלעגענהייטען, אַז כוואָלסאָן האָט געמאַכט אַ רוסישע איבערזעצונג פון חומש, וואָס דער סינאָד האָט גוט געהייסען צום דרוקען. כוואָלסאָן האָט דאַן אויפגעפאָדערט די חברה „מפיצי השכלה", אַז זי זאָל אַרויסגעבען זיין איבער־זעצונג פון חומש. דער פּעטערבורגער קאָמיטעט פון דער געזעלשאַפט האָט פאַר מורא נאָכגעגעבען זיין פאָדערונג און אָפּגעדרוקט זיין איבערזעצונג.

ווען די איבערזעצונג איז ערשינען זיינען געבילדעטע רוסישע אידען געווען אויפגעבראַכט אויף כוואָלסאָנ'ען און אויך אויפ'ן קאָמיטעט, וועלכע האָט צוגעשטימט זיין חומש-איבערזעצונג אַרויסצוגעבען. אין אָדעס איז אין יענע יאָרען אַרויס־געגאַנגען אַ אידישע צייטונג אין דער רוסישער שפּראַך („דיען" האָט יענע צייטונג געהייסען), האָט זי געדרוקט אַרטיקלען אין וועלכע כוואָלסאָנ'ס איבערזעצונג פון דעם חומש איז פאַרדאַמט געוואָרען מיט די שאַרפסטע ווערטער. דער הויפּט אַר־גומענט געגען זיין איבערזעצונג איז געווען, אַז אין איר האָט כוואָלסאָן געגעבען דעם חומש אַ ק ר י ס ט ל י כ ע אויסטייטשונג. די אַלע רוסיש-אידישע אינ־טעליגענטען זיינען אַליין ניט געווען קיין רעליגיעזע אידען. זיי האָבען זיך אָבער באַטראַכט פאַר אַ טייל פון דעם אידישען פאָלק און זיי האָבען ניט געקענט בלייבען גלייכגילטיג ווען איינער האָט געמאַכט אַ פאַרזוך צו פאַרשפּרייטען צווישען אידען דעם קריסטליכען רעליגיעזען שטאַנדפּונקט אין באַצוג צו זייער חומש. יענע רוסיש-אידישע אינטעליגענטען האָבען מיט'ן גרעסטען ברען אַרגומענטירט, אַז די אידישע רעליגיע פאַר וועלכער די אידען האָבען טויזענדער יאָרען געליטען און אויסגעשטאַנען די שרעקליכסטע רדיפות, טאָר ניט פאַרקריסטליכט ווערען.

די גרויסע רבנים אין רוסלאַנד האָבען אויסגעמידען צו רעדען וועגען כוואָל־סאָנ׳ען. ער איז ביי זיי געווען טריף שוין דערפאַר אַליין וואָס ער איז אַ משומד. בלויז צווישען דעם עולם זיינען אַרומגעגאַנגען מעשיות וועגען דעם ווי גוט דער משומד איז צו אידען. און געבויט זיינען די מעשיות געווען אויף דעם וואָס כוואָלסאָן האָט מיט זיינע שריפטען געהאָלפען אידען זיך פאַרטיידיגען געגען דעם בלוט בלבול. דער עולם האָט ניט געהאַט די מינדעסטע אַהנונג, אַז פאַר זאָגען דעם אמת וועגען אידען צאָלט דער פעטערבורגער באַראָן גינזבורג כוואָלסאָנ׳ען ריזיגע סומען געלט.

אַן אינטעליגענטער רוסישער אידישער אימיגראַנט ווענעמס פאָטער איז מיט כוואָלסאָנ׳ען געווען גוט באַקאַנט דערצעהלט דאָס פאָלגענדע:

„מיין פאָטער פלעגט איהם רופען פּראַדאזשנאַיאַ דושאַ״ (פאַרקויפטע נשמה). אז אידען זאָלען וועגען איהם האָבען אַ גוטע מיינונג האָט זיך כוואָלסאָנ׳ען שטאַרק געוואָלט. אָבער צו אָפּפערען דערפאַר האָט ער קיינמאָל ניט געהאַט קיין חשק. א סך מעהר ממשות האָט געהאַט זיין אינטערעס אין מאַכען אַ גוטען איינדרוק אויף דעם גלח פון זיין קירכע.

„אין אוניווערסיטעט וואו ער איז געווען פּראָפעסאָר איז ער ביי די אַנדערע פּראָפעסאָרען געווען זעהר ניט פּאָפּולער, הגם ער פלעגט קריכען צו זיי. צווישען זיך אין פּריוואַטע געשפּרעכען פלעגען זיי זיך וויצלען אויף זיין חשבון און ריידען מיט פאַראכטונג וועגען איהם״.

געבילדעטע אידען אין פעטערבורג, וועלכע האָבען געמוזט קומען מיט אים אין באַרירונג, זיינען שטענדיג אַוועק פון אים מיט אַן איינדרוק, אַז ער איז פערזענליך אַ זעהר אומסימפּאַטישער מענש, אַן אָפּשטויסענדער מענש און אַזאַ נאָמען האָט ער טאַקע געהאַט ביי געבילדעטע אידען פון רוסלאַנד.

עס טרעפט אָפט, אַז אַ איד שמד׳ט זיך הויפּטזעכליך ווייל ער איז אַ פּרינציפּלאָזער, לייכטזיניגער און כאַראַקטערלאָזער נפש, הגם קיין שלעכטער איז ער אין זיין באַטור ניט. און קיין אומסימפּאַטישער אויך ניט. כוואָלסאָן האָט אַזאַ איינדרוק ניט געמאַכט. ער איז טאַקע געווען אַ פאַסקודנער מענשעל, ער האָט געהאַט אַן עקעלהאַפטען כאַראַקטער.

זיין הויז האָט זיך געפירט שטרענג קריסטליך. מענשען, וואָס האָבען אים ניט איין מאָל באַזוכט אין דער היים, פלעגען דערצעהלען, אַז אַלע פיער ווענט אין זיין שרייב־צימער זיינען באַהאַנגען מיט איקאָנעס (הייליגע קריסטליכע בילדער). אַגב איז דאָס אַ גוט באַקאַנטער פאַקט, אַז כוואָלסאָנ׳ס זון, וועלכער איז שוין געבאָרען געוואָרען אַ קריסט און איז ערצויגען געוואָרען ביי דעם גע׳שמד׳טען טאַטען אין הויז, איז געווען אַ פאַרביסענער אַנטיסעמיט, איינער פון די ערגסטע אַנטיסעמיטען אין רוסלאַנד.

וועגען זיין קריסטליכקייט פלעגט דער משומד מיט אידען ניט ריידען. עס זיינען אָבער געווען אויסנאַמספאַלען, הגם זעהר זעלטענע, און דאַן פלעגט ער די געשיכטע פון זיין שמד׳ען זיך אויסטייטשען ווי אַ זאַך וואָס צאַר ניקאָלאַי, דער ערשטער, האָט אויף אים אַרויפגעצוואונגען. עס האָט זיך אָבער געפילט אַז די דאָזיגע אויסטייטשונג זיינע האָט קיין ממשות ניט. עס זיינען אויך געווען מאָמענטען ווען ער פלעגט פון זיין טויפען זיך מאַכען שפּאַס. דאָס פאָלגענדע מעשה׳לע אין געווען שטאַרק פאַרשפּרייט:

אימיצער פרעגט כוואָלסאָנ׳ען:

— „זאָגט מיר דעם אמת. האָט איר זיך גע׳שמד׳ט צוליב אַ פרוי?

— ניין — ענטפערט כוואָלסאָן.

— צוליב געלט?

— חלילה!

— צוליב וואָס דען?

— איך האָב זיך גע׳שמד׳ט אויס איבערצייגונג. איך בין איבערצייגט אַז ס׳איז בעסער צו זיין אַ פּראָפעסאָר אין דער גלחים אַקאַדעמיע פון פעטערבורג איידער אַ מלמד אין אַ חדר אין ווילנע.״

פּראָפעסאָר כוואָלסאָנ׳ס ווערק, וואָס באַווייזט, אַז אידען געברויכען ניט קיין קריסטליך בלוט אויף פסח, האָט ענטהאַלטען ריכטיגע אַרגומענטען, ווארים די מעשה וועגען אַזאַ מנהג איז אַזאַ ווילדע, אַזאַ הימעל־שרייענדער בלבול, אַז באַ־ווייזען דאָס איז געווען דאָס איינציגע וואָס איז מעגליך געווען צו באַווייזען. דער עיקר איז אָבער ניט דאָס, נאָר דער פאַקט, אַז מען האָט כוואָלסאָנ׳ען געמוזט באַצאָלען פאַר יעדען וואָרט. אויב ניט וואָלט ער ניט געשריבען.

וואָס אנבאַטרעפט כוואָלסאָנ׳ס ווערק „דער לעצטער פסח־סדר און כריסטוס״, אַן „עפּאָכע מאַכענדעס ווערק״, ווי אַש קרוינט עס, איז איבעריג צו זאָגען, אַז דאָס איז אַ פרום קריסטליך ווערק און אַז זיין קריסטליכקייט איז פונקט אַזוי אויפ־ריכטיג ווי דאָס וואָס זיין שרייב־צימער איז געווען פול מיט בילדער פון יעזוס׳ען און פון דער הייליגער מאַריאַ.

אַרטור דרעווס, דער געלערטער פאָרשער פון דער יעזוס געשיכטע און פון דעם נייעם טעסטאַמענט, מאַכט חוזק פון כוואָלסאָנ׳ס „וויסענשאַפטליכע ערפינ־דונגען״ אין די אינטערעסען פון דער קריסטליכער קירכע.

שלום אַש זאָגט, אַז כוואָלסאָן איז געווען „דער ערשטער און וויכטיגסטער פון אַ רייהע שרייבער, וועלכע מיהען זיך ריינצוואַשען דאָס היסטאָרישע אידענטום פון די פאַרברעכענס, וואָס קריסטליכע געלערטע האָבען אונז צוגעשריבען״. ער מיינט מסתמא די באַשולדיגונג, אַז אידען האָבען פאַראורזאַכט יעזוס׳עס טויט, ווארים אַזוי ווערט דאָך דאָס דערצעהלט אין דעם נייעם טעסטאַמענט. וויל ער, אַש, אונז זאָגען, אַז כוואָלסאָן האָט געלייקענט דאָס וואָס ס׳שטייט געשריבען אין דעם הייליגסטען פון אַלע קריסטליכע ביכער? אַזעלכעס טוט ער, שלום אַש, דאָך אַליין ניט. ער האַלט זיך ביי דער מעשה פון נייעם טעסטאַמענט טריי. פאַר־קערט, ער מאַכט די קריסטליכע מעשה נאָך אַ סך דייטליכער און בולט׳ער ווי זי איז אין דעם אָריגינאַל. מיר מיינען די מעשה וואו דער נייער טעסטאַמענט וואַרפט די שולד אַרויף אויף דער כהן גדול משפחה. ווי מיר האָבען געזעהן קומט אין אונוויסענדע קריסטליכע מאַסען דערפון אַרויס בלויז אַ שטאַרקער איינדרוק אַז אין יעזוס׳עס קרייציגונג זיינען געווען שולדיג די פירער פון די אידען. ד אָ ס ה י י סט ד י א י ד ע ן.

די שורות וועגען כוואָלסאָנ׳ען וועל איך שליסען מיט דער פאָלגענדער באַ־מערקונג.

ווען שלום אַש זאָגט, אַז „קלוינער געהט אין כוואָלסאָנ׳ס וועג״, וואַרפט

ער אויף אים אַרויף אַ ניט־פאַרדינטע עקעלהאַפטע באַליידיגונג, אַ מיאוס׳ען בלבול.

***

איצט קומען מיר צו דעם גרויסען, וועלט באַרימטען וויסענשאַפטס־מאַן פון אונזער צייט, פּראָפעסאָר אַלבערט איינשטיין. ער האָט צו דער פראַגע וועגען שלום אַש׳ס בוך אַבסאָלוט קיין שייכות ניט. די דאָזיגע ניט־שייכות גופא געהערט אָבער צו דעם ענין פון דיזען קאַפּיטעל.

אין זיין אַרטיקעל „מיין ענטפער״ דערמאָנט שלום אַש איינשטיינ׳ען צוויי מאָל אַלס איינעם פון די, וועלכע האָבען אַ הויכע מיינונג וועגען זיין בוך. און דער איינדרוק וואָס ווערט געשאַפען דורך דעם איז, אַז איינשטיין אינדאָרסירט דעם בוך. איינשטיינ׳ס נאָמען איז נאַטירליך זעהר גרויס און די דאָזיגע גרויסקייט געברויכט אַש אין „מיין ענטפער״ אַלס אַ וואָפע געגען זיינע קריטיקער.

נו, איז די מעשה אַזוי:

אין די אַדווערטאַיזמענטס, וואָס זיינען געדרוקט געוואָרען וועגען שלום אַש׳ס בוך האָט זיך ווירקליך געפונען דער נאָמען אַלבערט איינשטיין, אָבער וואָס פאַר אַ מיינונג איינשטיין האָט וועגען אַש׳ס „נאַזאַרין״ שטעהט דאָרטען גאָרניט. נאָך מער: אין יענע אַדווערטאַיזמענטס האָט איינשטיין דעם בוך אָפילו ניט דער־מאָנט. די עטליכע ווערטער וואָס ער האָט אויפגעשריבען פאַר די אַדווערטאַיז־מענטס, אויף אַ ביטע פון אַש׳ען אָדער פון זיינע פּאַבלישערס, וואַרשיינליך, ענט־האַלטען בלויז סתם אַ קאָמפּלימענט פאַר אים אַלס שרייבער. דאָרטען געפינט זיך ניט די קלענסטע אַנצוהערעניש אויף אַ בוך מיט׳ן נאָמען „נאַזאַרין״.

ניט ווייניגער וויכטיג איז דער פאָלגענדער פאַקט: פּראָפעסאָר אַלבערט איינשטיין איז אַן אויסגעשפּראָכענער, אַבסאָלוטער אַטעאיסט. ער גלויבט ניט אין קיין גאָט און אין קיין געטליכקייט ווי די ווערטער ווערען געוויינטליך פאַר־שטאַנען. ער האָט שוין דאָס אַרויסגעזאָגט אויף דעם אויסדריקליכסטען שטייגער; און, אַז אַזאַ וויסענשאַפטסמאַן ווי ער זאָל האָבען אַזאַ מיינונג, איז פאַר קיינעם קיין איבעראַשונג ניט. אַז אַזאַ אַפּיקורס זאָל אינדאָרסירען אַ בוך, וואָס איז פול מיט התלהבות פאַר אַ געטליכען מאַן מיט די נסים וואָס ער באַווייזט, דאָס האָט אַזאַ זין ווי צו זאָגען, אַז צוויי מאָל צוויי איז דרייצען.

.17

## שלום אַש׳ס אַרטיקעל „די שולדיגע״ אין „אַטלאַנטיק מאָנטהליי״. — שאַרפע ווידערשפּרוכען מיט דעם בוך „נאַזאַרין״

אין דעם אַרטיקעל „די שולדיגע״ האָב איך זיך אָנגעשטויסען אויף אַ זעהר טשיקאַווע איבעראַשונג. אין קאַפּיטעל 6 האָבען מיר געלייענט די רעדעס וואָס רבי נקדימון האָט געהאַלטען אויף יעזוס׳עס פּראָצעס פאַר׳ן סנהדרין. מיר האָבען דאָרטען געזעהן ווי ער קעמפט צו ראַטעווען דעם הייליגען מאַן פאַר וועמען ער איז געוועזן אַזוי באַגייסטערט. נו, לייענען מיר איצט אין שלום אַש׳ס אַרטיקעל

אין „אַטלאַנטיק מאָנטהלי", אַז נקדימון האָט אין יענעם פּראָצעס זיך גאָר ניט באַטייליגט. און ניט נאָר זיך ניט באַטייליגט, נאָר אַז ער איז דאָרטען אַפילו ניט געווען. גאַנץ איינפאַך: די כהנים גדולים האָבען אים און די אַנדערע פּרושים ניט געלאָזט וויסען אַז אַזאַ משפט וועט פּאָרקומען, ערקלערט שלום אַש אין זיין „אַטלאַנטיק מאָנטהלי" אַרטיקעל.

ווי די מעשה ווערט דערצעהלט פון שלום אַש'ען אין זיין בוך „די נאַזאַרין", האָט רבי נקדימון צוערשט טאַקע ניט געהאַט קיין באַגריף, אַז עס וועט פּאָרקומען אַ משפט איבער יעזוס'ען; אָבער זיינע תלמידים, יוחנן און רופוס, האָבען זיך אין אָוונט דערוואוסט, אַז יעזוס איז אַרעסטירט און אַז מען פירט אים צו אַ סנהדרין-געריכט, טראָץ דעם, וואָס אַזאַ פּראָצעס איז אין יענע שטונדען (שפּעט ביינאַכט) געווען אַבסאָלוט געגען דעם געזעץ. קורץ, די צוויי תלמידים זיינען געקומען צו זייער רבי'ן, אים אַלץ דערצעהלט און זיי זיינען אַלע דריי אָוועק צו דעם סנהדרין. דער טויער איז געווען פאַרשלאָסען. זיי האָבען בייז אַנגעקלאַפּט. עס איז פאַריבער אַ געוויסע צייט. ענדליך האָט מען זיי אַלעמען אַריינגעלאָזען און דער כהן גדול האָט זיי אויפגענומען מיט כבוד.

זיי האָבען די זיצונג אַלזאָ בייגעוואוינט און רבי נקדימון האָט אין איר אַ טעטיגען אַנטייל גענומען אַלס אַ פאַרטיידיגער פון דעם אַרעסטירטען יעזוס. ער האָט עטליכע מאָל דאָס וואָרט באַקומען, רבי נקדימון. דאָס אַלץ ווערט דערצעהלט און געשילדערט פון שלום אַש'ען אין זיין בוך.

ביי דעם סנהדרין איז געווען אַ מנהג, אַז ביי אַ פּראָצעס האָט יעדער רבי, וועלכער איז געווען אַ מיטגליד פון דעם סנהדרין, געקענט מיטברענגען זיינע תלמידים צו די זיצונגען. צייגט זיך גאָר אָבער אַרויס אין שלום אַש'עס „אַטלאַנטיק מאָנטהלי" אַרטיקעל, אַז ניט נקדימון און ניט זיינע תלמידים זיינען גאָר געווען ביי דעם פּראָצעס. דאָס ווערט דאָרטען געזאָגט קלאָר, דייטליך, אויסדריקליך. אויב נקדימון איז דאָרטען ניט געווען, איז זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז זיינע תלמידים יוחנן און רופוס זיינען דאָרטען אויך ניט געווען. און אין אַש'עס בוך דערצעהלט וועגען דעם פּראָצעס דוקא יוחנן, נקדימונ'ס תלמיד. ער דערצעהלט דאָס אַלס איינער וואָס האָט דעם פּראָצעס בייגעוואוינט.

איר לייענט דאָס און איר שטוינט. שלום אַש מאַכט מיט דעם משפט איבער יעזוס'ען אַן אומגעהייערען ווזען. די סצענע ביי דעם פּראָצעס איז איינע פון די סאַמע וויכטיגסטע אין דעם גאַנצען בוך „נאַזאַרין": און דאָס איז נאַטירליך אויך, ווארים וואָס קען זיין וויכטיגער אין דער געשיכטע פון יעזוס כריסטוס ווי דער משפט איבער אים און דערנאָך די סצענע ביי פּאָנטיוס פּילאַט'ען, וועלכער פרעגט ביי אַ אידישען עולם וואָס ער זאָל טאָן מיט יעזוס'ען; און דאָ, ערשט איין יאָר נאָך דער ערשיינונג פון זיין בוך, האָט שלום אַש שוין פאַרגעסען, אַז „רבי נקדימון" שפּילט אין זיין בוך אירגענד וועלכע ראָלע ביי דעם פּראָצעס.

זעהר זאָנדערבאַר!

***

פאַראַן נאָך אַ ווידערשפּרוך צווישען שלום אַש'עס „נאַזאַרין" און זיין אַרטיקעל „די שולדיגע", אויך אַ שאַרפער. אָבער אין דיזען פאַל איז דאָס אַן אינטערעסאַנטער ווידערשפּרוך.

אין אַש׳עס בוך ווערען מיטגלידער פון דער פּרושים־פּאַרטיי באַהאַנדעלט מיט זיידענע הענטשקעס, מיט רעספּעקט, מיט קאַמפּלימענטען. און אַזוי באַציט זיך אַש צו זיי אין זיין „ענטפער" אויך. וואָס אַנבאַטרעפט נקדימון׳ען, וועמען אַש נעמט פון נייעם טעסטאַמענט און וועמען ער שטעלט אַרויס אַלס דעם פירער פון די פּרושים, כאַראַקטעריזירט ער אים דורכאויס, אַלס די מאָראַלע קרוין פון די דאַמאַלסדיגע אידען אין פּאַלעסטינע. „די שלימות׳דיגע (פולקאָמענע) פיגור, דער פאַרשטעהער פון דעם אידישען „געזונטען גלויבען, די פיגור פון דעם פּרוש (פּאַריסעיער) רבי נקדימון", — שרייבט אַש וועגען אים אין זיין „ענטפער". אַז די פּרושים האָבען געשאַפען די „געזונטע" אידישקייט, ווי זי איז פאַרבליבען ביז אונזער צייט — אַזעלכע באַמערקונגען אָדער אַנדייטונגען געפינט איר ביי אים וויפיל איר ווילט.

יעזוס איז צו די פּרושים געווען פיינדליך. און אַזוי איז אויך דער נייער טעסטאַמענט. אין פאַרשידענע פלעצער פון אַש׳עס „נאַזאַרין" ווערט דערצעהלט, אַז דער געטליכער מאַן פון נצרת פלעגט די פּרושים אָפט אַטאַקירען און זידלען. צום ביישפּיל: ריידענדיג פאַר אַן עולם האָט ער געזאָגט, אַז אויב די פרומקייט פון זיינע צוהערער איז ניט גרעסער ווי די פרומקייט פון די פּרושים, וועלען זיי, זיינע צוהערער, ניט קענען אַריינקומען אין דעם קעניגרייך פון גאָט. די טרייהייט וואָס די פּרושים פלעגען אַרויסווייזען צו די דינים פון דער תורה, פלעגט ער פאַר־שטעלען אַלס אַ קאַלטע טרוקענע טרייהייט צו דער אויסערליכער זייט פון דעם געזעץ, אָהן מענשען־ליבע, אָהן געפיל. ער, אָדער זיינע תלמידים, פלעגען ריידען מיט פאַראַכטונג וועגען דעם וואָס די פּרושים פאַרברענגען פילע שטונדען ביים דאַווענען און בלייבען גלייכגילטיג צו מענשליכע יסורים אָדער נויט. אויך פלעגט ער אָפּ־לאַכען פון זייער לומדות און פון די טיפזיניגע פשט׳לעך, מיט וועלכע זיי פאַר־פלאָנטערען דעם קלאָרען, פשוט׳ן שכל פון אַ פּסוק.

רבי נקדימון איז אָבער געווען אַ באַגייסטערטער אַנהענגער יעזוס׳עס; און לויט אַש׳עס בוך איז ער געווען דער פאַרשטעהער פון דער פּרושים־פּאַרטיי. היינט ווי פאַרט זיך דאָס?

אין אַש׳עס בוך „נאַזאַרין" ווערט יעזוס׳עס פיינדשאַפט צו נקדימון׳ס פּאַרטיי פאַרגלעט. אין איין פּלאַץ למשל לייענען מיר אין דעם „נאַזאַרין" (פּיידזש 204), אַז מיט זיינע אַטאַקעס האָט יעזוס געמיינט בלויז „פאַלשע פּרושים, ניט אמת׳ע". דער איינדרוק וואָס יענע פּאָר שורות לאָזען איבער איז, אַז צו דער פּרושים־פּאַרטיי אַלס אַ גאַנצע מיט אַלע אירע עכטע מיטגלידער, האָט דער געטליכער מאַן געהאַט די וואַרימסטע געפילען; און דאָס שטימט מיט אַ פּאָר אַנדערע שטעלען פון דעם „נאַזאַרין" (פּיידזשעס 583, 584, 585), וואו פּרושים ווייזען אַרויס אַ שטאַרקע נייגונג באַגייסטערט צו זיין פאַר יעזוס׳עס פּרינציפּען און געדאַנקען און ער איז פריינדליך געשטימט צו זיי — שטעלען וואו עס שטעהט, אַז יעזוס האָט געהאַט סימפּאַטיע צו די פּרושים און זיי צו אים — שטעלען וועלכע מיר האָבען דער־מאָנט אין דעם קאַפּיטעל „ווער איז נקדימון?" ווען מען לייענט אָבער דעם נייעם טעסטאַמענט באַקומט מען אַ גאַנץ אַנדערען איינדרוק.

דער איינציגער געגענזאַץ געגען די פּרושים לויט דעם „נאַזאַרין" איז די רייכע, שטאָלצע צדוקים (סאַדוקיער) פּאַרטיי. דורך דעם גאַנצען בוך אַש׳עס

ציט זיך אַ מאָראַלע וואָנט צווישען די צוויי פּאַרטייען, נו, מאַכען מיר אין אַש׳עס אַרטיקעל „די שולדיגע״ אַן איבעראַשענדע ענטדעקונג: צווישען די פּרושים (פּאַריסעיער) גופא זיינען געווען צוויי מינים: גוטע און שלעכטע. ריינע, פיינע מענשען און זעהר פּאַרדאָרבענע. און האָט קיין טעות ניט, ליבע לעזער; דאָ האַנדעלט זיך ניט וועגען עכטע מיטגלידער און „פּאַלשע״, וועלכע האָבען גאָר קיין רעכט ניט געהאַט צו זיין מיטגלידער. ווי מיר וועלען באַלד זעהן, פּלעגען די וויכטיגסטע פּרושים, גראַד די גרעסטע לומדים, די פירער זייערע, די וואָס האָבען באַשטימט די תקנות, די געזעצען, די כללים פון לעבען, אַט זיי פּלעגען פון זייער לומדות און פון זייער מאַכט ציהען מאַטעריעלע נוצען פאַר זיך און געגען די אינ־טערעסען פון דעם פּראָסטען עולם.

דאָס אַלץ און נאָך שווערערע באַשולדיגונגען לייענען מיר אין שלום אַש׳עס אַרטיקעל „די שולדיגע״ געגען דער רעכטער סמעטענע פון דער פּרושים פּאַרטיי.

„אין דעם האַס, וואָס מען האָט געפילט צו די פּאַריסעיער, האָט געשטעקט אַן עקאָנאָמישע אורזאַך אויך — שרייבט שלום אַש אין זיין אַרטיקעל — „געוויינליכע, ניט געלערענטע פּאָלקס־מענשען, וואָס האָבען ניט געקענט געהערען צו דעם פּאַ־ריסעיער קלאַס, זיינען דורך דעם געווען געשטערט, ווען זיי האָבען באַדאַרפט קויפען אָדער פּאַרקויפען שפּייז אָדער ברענגען סחורה אויף דעם ירושלים׳ער מאַרק״.

מיט איינפאַכע ווערטער: לויט אַש׳עס אַרטיקעל, „די שולדיגע״, זיינען די פירער פון די פּרושים, זייערע גרויסע קעפּ, געווען אַ קאָרופּטע באַנדע; ניט ווייניגער קאָרופּט ווי די כהנים גדולים. נאָר די קאָרופּציע פון די כהנים גדולים האָט שלום אַש אין זיין בוך געשילדערט ניט זשאַלעווענדיג קיין פּלאַץ און קיין גיפט און די פּאַריסעיער האָט ער געשילדערט אַלס די פיינסטע, די ערליכסטע און איידעלסטע נשמות. איצט אַלזאָ גיט ער אונז גאָר אַן אַנדער בילד פון די פּאַרי־סעיער, פונקט אַ פּאַרקערטען פון דעם וואָס ער מאָלט פון זיי אין זיין „נאַזאַרין״.

אַז יעזוס האָט די פּאַריסעיער אָפּט אַטאַקירט און ביטער אַטאַקירט דאָס וויס מען פון בייעם טעסטאַמענט און דער נייער טעסטאַמענט גופא באַהאַנדעלט די פּאַריסעיער אויך מיט שנאה, גאַרניט מיט דער צערטליכקייט מיט וועלכער שלום אַש באַהאַנדעלט זיי אין זיין „נאַזאַרין״.

שרייבענדיג זיין אַרטיקעל „די שולדיגע״, האָט אַש מסתמא געהאַט אין זינען, אַז אין דיזען פונקט האָט ער אין דעם „נאַזאַרין״ ווידערגעשפּעניגט געגען דעם הייליגען מאַן פון נצרת, אַלזאָ, האָט ער דאָס פּאַרריכט אין דעם אַרטיקעל.

„יעזוס האָט געקעמפּט געגען די פּאַלשע פּאַריסעיער״, שרייבט אַש אין זיין אַרטיקעל; „געגען די היפּאָקריטען, וועלכע האָבען אַרויפגעלעגט שווערע תקנות אויפ׳ן פּראָסטען עולם און אַליין האָבען זיי די מצוות וואָס זיי האָבען פאַרפאַסט ניט מקיים געווען״, שרייבט ער אין זעלבען אַרטיקעל.

די ווערטער „פּאַלשע פּאַריסעיער״ געברויכט ער שוין דאָ ניט אין דעם זין פון „ניט עכטע״, נאָר פּשוט אין דעם זין פון „קאָרופּטע עכטע״ פירער פון דער פּאַרטיי, — פירער וועלכע זיינען היפּאָקריטען, עקספּלואַטאַטאָרס, הויט־שינ־דער. (און דעם וואָרט „פּאַריסעי״ אין דעם זעלבען זינען ווי דעם וואָרט היפּאָ־קריט״ געברויכט מען דאָך אין אַלע שפּראַכען עד היום).

ער ווידמעט אַ היבש ביסעל פּלאַץ אין זיין אַרטיקעל צו זינגען לויב־געזאַנג צו יעזוס׳עס יושר געפיל, צו זיין הויכער גערעכטיגקייט. ער ווייזט, אַז דער געט־ליכער מאַן איז ניט געווען בלויז בייז אויף די פּאַריסעיער, נאָר אַז אַמאָל פלעגט ער וועגען זיי זאָגען אַ גוט וואָרט אויך. זייערע שלעכטע מענשען, זייערע קאָ־רופּטע לומדים, האָט ער אָבער אַטאַקירט, יעזוס. און אַש שטרייכט אונטער דעם פאַקט, אַז אייניגע פּאַריסעיער רבנים פלעגען אויך אַטאַקירען די מאַכט־האָבענדע פּאַריסעיער. אויב זיי זיינען ניט געווען מאָראַליש הויך געבוג.

דער „פעלער״, וואָס ער, אַש, איז באַגאַנגען אין זיין בוך מיט דעם וואָס ער האָט די פרושים באַהאַנדעלט אַ סך בעסער ווי יעזוס האָט זיי באַהאַנדעלט, דער דאָזיגער פעלער איז שוין אַלזאָ קאָרעגירט געוואָרען אין זיין אַרטיקעל. די „מיס־פערשטענדניס״ צווישען אים און יעזוס׳ען איז שוין באַזייטיגט!

אין דעם דאָזיגען אַרטיקעל זיינעם מאַכען מיר דאָ אַלזאָ אַן אַנטדעקונג: צום ערשטען מאָל הערען מיר פון אים, אַז עס זיינען געווען צוויי־ערליי פּאַריסעיער, גוטע און שלעכטע. לויט דעם דאָזיגען אַרטיקעל קומט אויס, אַז די שלעכטע פּאַריסעיער האָבען אין דעם ענין פון שלעכטקייט ניט געהאַט וואָס צו שעמען זיך פאַר די צדוקים (סאַדוקעיער).

טאָמער האָט דער „נאַזאַרין״ אין אַ לעזער איינגעפלאַנצט אַ מיינונג, אַז מאָ־ראַלע הויכקייט איז אין ארץ ישראל אין דער צייט פון צווייטען בית המקדש געווען דורכאויס אַ פראַגע פון פּאַרטיי, ווערט די דאָזיגע מיינונג ביי דעם לעזער צוקלאַפּט אויף ברעקלעך, אויב ער לייענט דעם אַרטיקעל „די שולדיגע״ פון דעם זעלבען שלום אַש, וועלכער האָט פריהער די פּאַריסעיער אַרויסגעשטעלט אַלס די בלומען פון מענשליכען גאָרטען.

אַלזאָ, האָט ער מיט זיין אַרטיקעל אַלץ פאַרריכט. איצט איז ער קאָרעקט אין באַצוג צו דיזען פונקט — קאָרעקט צום געטליכען מאַן יעזוס און צום נייעם טעסטאַמענט.

דער פאַקט איז, אַז פאַרריכטענדיג זיין „פעלער״ געגען יעזוס׳ען האָט אַש אין זיין אַרטיקעל שטאַרק איבערגעכאַפּט די מאָס. מיר גלויבען ניט, אַז די פּאַריסעיער לומדים זיינען אין דער ווירקליכקייט געווען אַזוי קאָרופּט ווי דאָס קומט אויס לויט אַש׳עס אַרטיקעל „די שולדיגע״.

***

ווען ער האָט געשריבען זיין „ענטפער״ האָט ער נאָך ניט געהאַט אין זינען צו פאַרריכטען זיין „פעלער״. דאָרטען, אין דעם „ענטפער״, געהט ער אַזוי ווייט, אַז די שולד אין יעזוס׳עס טויט, וועלכע ער וואַרפט אַרויף אויף די קאָ־רופּטע כהנים גדולים און זייער סאַדוקעיער פּאַרטיי, רירט די פּאַריסעיער ביי אים אַבסאָלוט ניט אָן. ער זאָגט אויסדריקליך, אַז זיי האָבען צו דעם קיין שום שייכות ניט געהאַט. „ניט די פרושים אָן וועמענס תורה מיר האַלטען זיך ביז היינטיגען טאָג״ — זאָגט ער דאָרטען — „און וועלכע זיינען די רעפּרעזענטאַנץ פון דער אָפיציעלער אידישער געזעצגעבונג, זיינען פאַראַנטוואָרטליך פאַר די מעשים תעתועים, נאָר אַ באַנדע כהנ׳אישע אויסזויגערס מיט אַריסטאָקראַטישע סאַדוקעיער, זיינען פאַראַנטוואָרטליך״. און ער זאָגט דערביי, אַז ווען מען זאָל

דאָס אַלעס ערקלערען פאַר דער וועלט וואָלט מען מיט דעם אָוועקגענומען „די וויכטיגסטע וואָפען פון אידען־האָס".

⁂

פולשטענדיג קאָרעקט צו דעם געטליכען מאַן פון נצרת און צו דעם נייעם טעסטאַמענט, אַבסאָלוט קאָרעקט צום גאַנצען גייסט פון דעם נייעם טעסטאַמענט איז שלום אַש אין די פאָלגענדע ווערטער, וועלכע איך נעם ווידער פון זיין אַרטיקעל אין דעם „אַטלאַנטיק מאַנטהלי"

„איך האָב די העכסטע עהרפורכט פאַר די פאַרפאַסערס פון נייעם טעסטאַמענט" — שרייבט ער דאָרטען — „אַלס אַ איד גלויב איך פון גאַנצען האַרצען, אַז פילע קאַפּיטלעך פון נייעם טעסטאַמענט זיינען געשריבען געוואָרען מיט'ן הייליגען גייסט (רוח הקודש) און איך בין די דאָזיגע מענשען דאַנקבאַר פאַרוואָס זיי האָבען באַ־רייכערט די אידישע ליטעראַטור מיט אַ סך טיפע מאָראַלע געדאַנקען". אונטער די ווערטער, וואָס שלום אַש זאָגט דאָ אַרויס וועט זיך מיטביידע הענט אונטער־שרייבען יעדער פאַנאַטיש רעליגיעזער קריסט. דער אמת איז, אַז די באַציהונגען פון דעם דורכשניטליכען רעליגיעזען קריסט זיינען ניט די זעלבע באַגייסטערטע באַציהונגען צו אַלע טיילען פון נייעם טעסטאַמענט. געוויסע טיילען זיינען ביי אים הייליגער ווי געוויסע אַנדערע. און עס איז פאַראַן אָהן אַ צאָל קריסטען, וועלכע שטויסען פון זיך אָפּ די לעגענדעס וועגען נסים מיט וועלכע דער נייער טעסטאַמענט איז פול. שלום אַש אָבער נעמט אָן אַלע נסים אויסער צוויי. ער נעמט אָן אַלע מעשיות פון יעזוס'עס לעבען ווי זיי ווערען דערצעהלט אין הייליגען בוך און וואָס אַנבאַטרעפט די צוויי וואונדער־פאַסירונגען, וועלכע ער היפּט איבער, האָבען מיר שוין געוויזען וואָס פאַר אַ מין איבערהיפּעניש דאָס איז.

באַטראַכט נאָר די ווערטער: פילע קאַפּיטלעך פון נייעם טעסטאַמענט זיינען געשריבען געוואָרען מיט'ן הייליגען גייסט. שטעלט זיך פאַר דעם איינדרוק וואָס אַזעלכע ווערטער וואָלטען געמאַכט אויף דעם דורכשניטליכען רעליגיעזען אידען אונזערען, אפילו אויף ניט רעליגיעזע אידען, אויף פולשטענדיגע פריידענקער, אַזוי ווי דער, וואָס שרייבט דיזע שורות, מאַכט דאָס אַן אומבאַשרייבליך אונאַנגענעמען איינדרוק. עס איז ניט לייכט אויסצודריקען מיט וואָס פאַר אַ געפיל מען לייענט אַזעלכע ווערטער.

שלום אַש נעמט אָן אַלע מעשיות ווי זיי ווערען דערצעהלט אין דעם הייליגען טעסטאַמענט.

אַ ספּעציעלע באַמערקונג אָבער איז אויך וויכטיג וועגען זיינע ווערטער: „איך האָב די העכסטע עהרפורכט פאַר די פאַרפאַסער פון נייעם טעסטאַמענט". ווער זיינען געווען די פאַרפאַסערס פון נייעם טעסטאַמענט? שטעלט אַזאַ פראַגע צו דער קריסטליכער וועלט וועלען פילע, פילע צענדליגע טויזענטער פון דער דאָזיגער וועלט אייך ענטפערען מיט אַ שמייכעל, אַז זיי ווייסען ניט ווער די פאַרפאַסער זיינען געווען. פאַרוואָס? וויל פילע פלעצער פון נייעם טעסטאַ־מענט זיינען געפעלשטע. זיי זיינען אַריינגעשטעלט געוואָרען אַ סך שפּעטער נאָך די ערשטע אויסגאַבען פון דעם הייליגען בוך. דאָס איז גוט באַקאַנט און מאָסען גלחים, גייסטליכע, ריידען אָפען וועגען דעם. זייער יעזוס איז דער יעזוס וואָס

האָט געפּרעדיגט די הויכע מאָראַלע פּרינציפּען און ניט דער יעזוס פון די נסים. זיי זאָגען דאָס אָפען אַפילו פון זייערע פּולפּיטס, אין זייערע זונטאָגדיגע דרשות.

מיט דער אויבען געבראַכטער שטעלע אין שלום אַש׳עס אַרטיקעל — אַז ער האָט די העכסטע עהרפורכט צו די פאַרפאַסער פון נייעם טעסטאַמענט און אַז „אַלס איד" גלויבט ער פון גאַנצען האַרצען, אַז „פילע קאַפּיטלעך פון נייעם טעסטאַמענט זיינען געשריבען געוואָרען מיט׳ן רוח הקודש" — מיט דעם שפּיגלען זיך מיסיאָנערען.

וואָס אַנבעטרעפט דער פראַגע פון באַרייכערען די אידישע ליטעראַטור איז די מעשה גאָר ניט ווי אַש דערצעהלט זי, נאָר פונקט פאַרקערט. ניט דער נייער טעסטאַמענט האָט באַרייכערט דעם תנ״ך, נאָר דער נייער טעסטאַמענט האָט פון תנ״ך גענומען אָהן אַ שיעור פסוקים; און צווישען זיי געפינען זיך די בעסטע וואָס דער נייער טעסטאַמענט ענטהאַלט און וועלכע ער שרייבט צו יעזוס׳ען.

באַטראַכט די דאָזיגע דאַנקבאַרקייט „אַלס איד" צו די פאַרפאַסער פון נייעם טעסטאַמענט. פאַרוואָס איז ער זיי דאַנקבאַר? דערפאַר וואָס זיי האָבען באַרייכערט די אידישע ליטעראַטור מיט׳ן הייליגען קריסטליכען ספר? איינפאַכער גערעדט: שלום אַש באַטראַכט דעם נייעם טעסטאַמענט אַלס אַ טייל פון זיין „אידישער" אמונה און דאָך וויל ער ניט, אַז מען זאָל אים האַלטען פאַר אַ רעליגיאָנס רע־פאָרמער, ווי ער דריקט זיך אויס. רעליגיאָנס רעפאָרמעריי איז דאָך זיין אידעאַל. אָבער וואָס פאַר אַ מין רעפאָרם! אַז אַנשטאָט דער אידישער רעליגיע, וויל ער עס זאָל אָנגענומען ווערען אַזאַ סאָרט אמונה, אין וועלכער יעזוס זאָל זיין דער צענטער! דאָס זיינען אידען אים מוחל.

*
**

שלום אַש׳עס אַרטיקעל אין „אַטלאַנטיק מאָנטהלי" ענדיגט זיך מיט אַ וואונש, אַז די אידישע אמונה און די קריסטליכע זאָלען פאַראייניגט ווערען מיט אַ בריק. ער באַדויערט וואָס די צוויי גלויבענס זיינען „אָפּגעזונדערט איינער פון דעם אַנ־דערען אין אַלע זייערע פאָרמען". „פאַרוואָס קען מען ניט אויסבויען אַ בריק צווישען די צוויי אמונות?" פרעגט ער.

ווען מען נעמט דיזע פראַגע זיינע אין פאַרבינדונג מיט דעם אינטערוויו, וואָס ער, אַש, האָט געגעבען אַ רעפּאָרטער פון דעם פילאַדעלפיער „איווינינג פּאַבליק לעדזשער", זעט מען וואָס פאַר אַ סאָרט בריק ער האָט אין זינען. „מר. אַש׳עס אידעאַל איז איין טשוירטש פאַר אַלעמען" — האָט דער פילאַדעלפיער רעפּאָרטער געשריבען אין זיין צייטונג נאָכדעם ווי ער האָט איבערגעגעבען אַש׳עס ווערטער, אַז דער „נייער טעסטאַמענט און דער אַלטער תנ״ך האָבען אַ סך געמיינשאַפטליכעס". (דער באַריכט איז געוועזען אָפּגעדרוקט אין „לעדזשער" פון 29טען דעצעמבער, 1939).

די בעסטע בריק צווישען אידען און קריסטען איז אייגענטליך די „נעשאָנאַל קאָנפערענס אָוו קריסטשענס ענד דזשוס" (נאַציאָנאַלע קאָנפערענץ פון קריסטען און אידען), וועלכע ווערט דערמאָנט אין דעם ערשטען קאַפּיטעל פון אונזער אָפּ־האַנדלונג.

די נאַציאָנאַלע קאָנפערענץ פון אידען און קריסטען איז געגרינדעט אויף טאָ־לעראַנץ, אויף דעמאָקראַטיע, אויף זעלבסטווירדע, אויף ליבעראַלע ברידערליכע באַציהונגען צווישען מענשען פון פאַרשידענע אמונות. שלום אַש׳עס בריק, ווידער,

איז אַ מה יפית־געבײדיע, אויף וועלכער אַ איד זאָל אַרײַננעמען אין זײַן אמונה יעזוס׳ען, דעם סאַמע עיקר פון דער קריסטליכער רעליגיע. וואָס די קריסטען זאָלען אַרײַננעמען פון דער אידישער אמונה זאָגט ער ניט. דער מה יפית־פּרינציפּ באַשטעהט געוויינליך דורכאויס אין געבען מתנות דעם פּריץ.

יאָ, די בעסטע בריק צווישען אידען און קריסטען איז אַזאַ געזעלשאַפט ווי די „נאַציאָנאַלע קאָנפערענץ פון קריסטען און אידען״, אַ פאַראייניגונג מיט אַ פליכט ניט צו פּרואוון יענעם אָפּ׳שמד׳ן אויף אַן אַנדער רעליגיע. דאָס איז אַ פאַראייניגונג פון מענשען, ניט פון רעליגיעס. אַש אָבער האָט צו דעם פילאַדעלפיער רעפּאָרטער גערעדט וועגען אַ פאַראייניגונג פון טשוירטשעס און ניט פון מענשען. און אין זײַן „אַטלאַנטיק מאָנטהלי״ אַרטיקעל רעדט ער אויך וועגען פאַראייניגען די צוויי רעליגיעס, די אידישע מיט דער קריסטליכער.

.18

# פופציג שורות. — וואָס מײנען די ווערטער „אידישע שולען און קריסטליכע קירכען דאַרפען פאַראייניגט ווערען״?

באַהענט צום ענד פון שלום אַש׳עס לאַנגען אַרטיקעל „מײַן ענטפער״ אין „פאָרווערטס״ פון שבת, דעם 26טען אַפּריל, 1940, געפינען זיך פופציג „פאָרווערטס״ שורות, וועגען וועלכע די „פאָרווערטס״ רעדאַקציע האָט ערהאַלטען אַ סך פראַגען. לעזער האָבען זיך באַקלאָגט, אַז זיי קענען ניט דערגעהן קײַן טאַלק אין זיי.

דער אמת איז, אַז ווען מיר האָבען די פופציג שורות איבערגעלעזען צום ער־שטען מאָל, האָבען מיר זיי אויך ניט פאַרשטאַנען. אַלץ וואָס איז מעגליך געווען צו דערגעהן פון זיי איז, אַז אַש האָט קײַן מוט ניט צו זאָגען אָפען וואָס ער מײַנט; דאָס איז דאָס „דריטעל פון אַ קאָלום״, וועלכען איך האָב אין מײַן ערשטען קאַפּיטעל פון דיזער אָפּהאַנדלונג כאַראַקטעריזירט אַלס „אַ שפּראַך וואָס פאַרשלײַערט און פאַרבאָרגט איר אייגענעם זין״.

ביי אַ צווייטען מאָל לייענען איז דער אינהאַלט פון די פופציג שורות מיר גלײַך פאַרשטענדליך געוואָרען, ווארים געוויסע טײלען פון זיי האָבען מיר דער־מאָנט אָן דעם סטײטמענט, וואָס דער זעלבער שלום אַש האָט געמאַכט מיט אַ פּיער מאָנאַטען פריהער, און דאָרטען איז אַלץ געווען קורץ און שאַרף, אײנפאַך און קלאָר. אַ היבשע צאָל שורות פון די פופציג האָבען אָבער טאַקע קײַן שום זין ניט.

דער סטײטמענט וועגען וועלכען איך רייד דאָ, איז דער, וואָס אַש האָט גע־מאַכט אין זײַן אינטערוויו מיט דעם רעפּאָרטער פון דעם פילאַדעלפיער „פּאַבליק איוונינג לעדזשער״ דעם 19טען דעצעמבער, 1939. ביי יענער געלעגענהייט האָט אַש דאָס צום ערשטען מאָל אַרויסגעזאָגט פאַר דער עפענטליכקייט זײַן מיינונג, אַז קריסטליכע קירכען און אידישע שולען וואָלטען באַדאַרפט פאַראייניגט ווערען.

„מיסטער אַש׳עס אידעאַל איז איין טשוירטש פאַר אַלע מענשען״ — האָט

דער רעפּאָרטער דאָן געשריבען אין זיין באַריכט. דאָס איז אייגענטליך ברייטער ווי מיר האָבען דעם געדאַנק דאָ אויסגעדריקט.

דעם זעלבען אידעאַל האָט אַש ווידער אַרויסגעזאָגט אין זיין אַרטיקעל „די שולדיגע" אין דעם אַמעריקאַנער זשורנאַל „אַטלאַנטיק מאַנטהלי" פון דעצעמבער 1940, דאָס הייסט פונקט אַ יאָר שפּעטער.

זיין אַגיטאַציע פאַר געמישטע הייראַטען געהערט צו דער זעלבער קאַטע־גאָריע פון „רעליגיעזע רעפאָרמען" ווי זיין אַדוואָקאַטור פאַר „איין קירכע פאַר אַלע מענשען". ביידע נייעסען פּרעדיגט ער זינט עס איז ערשינען זיין יעזוס בוך.

לאָמיר אָבער צוערשט ברענגען פאַר דעם לעזער די מערקווירדיגע פופציג שורות. אָט זיינען זיי:

„ווען מען רייניגט אָפּ דעם היסטאָרישען אידענטום פון אַ ניט באַגאַנגענער זינד און ווען דאָס וועט פירען צו אַן אמת'ער פאַרשטענדיגונג ניט בלויז צווישען אידען און קריסטען נאָר אויך צווישען קריסטענטום און אידענטום, האָב איך ניט קיין מורא דערפאַר...

„דאָס אידענטום פאַרמאָגט גענוג עטישע און מאָראַלע ווערטען, אַז עס קען לעבען ניט נאָר אין אונטערדריקונג און פאַרפאָלגונג נאָר אין אַ פּרייער פאַרשטענ־דיגונג, אין אַן אָפענער וועלט. מיר זיינען געוועזען אידען ניט נאָר אין פּוילען און אין רוסלאַנד אין אונטערדריקונג. איך דערקלער, אַז דאָ אין פרייען אַמעריקע וואַקסט אויס אַ ניי, שטאַרק, שטאָלץ אידענטום אין פרייהייט און אָפענקייט. די וואָס האָבען ניט קיין צוטרויען צום אידענטום, אַז עס קען אויסהאַלטען די קאָנ־קורענץ פון אַן אַנדער אמונה, זיינען קטני אמונה. אויב אַזוי דאַרף מען טאַקע צוריק געהן אין דער געטאָ אַריין, לעבען איזאָלירט פון אַלע אַנדערע, אָפּגעשלאָסען און נעמען אויף זיך די אַלע צוימען און גדרים, וואָס די רבנים האָבען געצויגען אַרום אידישקייט ביז צום לעצטען חידוש, וואָס אַ פּוילישער איד האָט געמאַכט אין זיין חיבור! די, וואָס האַלטען אַזוי, פאַראורטיילען דאָס אידישקייט צום אונטער־גאַנג און האַלטען עס אומפעאיג פאַר אַ פריי, אָפען, ליבעראַלען לעבען צו וועלכען די אידען שטרעבען אין דער גאַנצער וועלט און האָבען דאָס דערגרייכט גאָט צו דאַנקען דאָ אין אַמעריקע. אויב אַזוי איז איינס פון די ביידע: אָדער אידען מוזען אונטערגעהן אָדער דאָס אידישקייט. און איך האַלט מיט דער גאַנצער באַ־גייטער אידישער יוגענד, אַז דאָס אידענטום איז יאָ צוגעפּאַסט צו אַ מאָדערן מענש־ליך לעבען. קיינער האָט ניט קיין רעכט אָוועקצונעמען די בכורה פון אַנדערע אידען און צו זאָגען, אַז נאָר די זיינען אידען וואָס געהען אין מיין שול און די אַנדערע זיינען ניט קיין אידען. אַלע זיינען מיר געשטאַנען אויפ'ן באַרג סיני".

ווען מען פאַרשטעהט שוין דעם אַלגעמיינעם זין פון די פופציג שורות, זיינען די ערשטע שורות די קלערסטע. נעמט די ווערטער:

„ווען מען רייניגט אָפּ דעם היסטאָרישען אידענטום פון אַ ניט באַגאַנגענער זינד (ער מיינט די באַשולדיגונג אַז זיי האָבען פאַראורזאַכט יעזוס'עס קרייציגונג) און ווען דאָס וועט פירען צו אַן אמת'ער פאַרשטענדיגונג ניט נאָר צווישען אידען און קריסטען, נאָר אויך צווישען קריסטענטום און אידענטום האָב איך קיין מורא ניט דערפאַר". צוערשט, ווען מען לייענט דאָס, באַמערקט מען גאָרניט, אַז מיט

די ווערטער קריסטענטום און אידענטום מיינט מען די צוויי רעליגיעס, ווארים די זעלבע ווערטער ווערן אויך געברויכט וועגן דעם כלל אידען און וועגן דעם כלל קריסטען.

מען פאַרשטעהט שוין אַלזאָ, אַז אַש מיינט דאָ, אַז עס וועט פירען צו אַ „פאַרשטענדיגונג" צווישען דעם קריסטליכען גלויבען און דעם אידישען.

דאָס הייסט ניט, אַז מען פאַרשטעהט שוין וואָס פאַר אַ מין „פאַרשטענדיגונג" דאָס וועט זיין, ווארים דאָס האָט מען אויך ניט געקענט פאַרשטעהן ווען אַש האָט צו דעם פילאַדעלפיער צייטונגס רעפּאָרטער גערעדט וועגען איין קירכע פאַר אַלע מענשען. אָבער וועגען דעם ווייטער. איין זאַך איז יעדענפאַלס שוין באַשטימט: אַש וויל אַ פאַראייניגונג פון די צוויי אמונות.

אין די פופציג שורות געפינט זיך ביי אים דאָס וואָרט „איזאָלירט" ווען ער פּרעדיגט, אַז אידען זאָלען ניט זיין איזאָלירט, אָפּגעזונדערט פון קריסטען, מיינט ער אַלזאָ, אַז זיי זאָלען ניט זיין אָפּגעטיילט מ י ט ז י י ע ר ר ע ל י ג י ע ס: און לויט דעם זין פון די פופציג שורות, ווען זיי ווערען שוין פאַרשטענדליך, טראָץ זייער אומישנע געשאַפּענע ניט-קלאָרקייט, איז די איצטיגע רעליגיעזע אָפּגעזונדערטקייט איינע פון די הויפּט אורזאַכען פון דער פרעמדקייט, וועלכע עקזיסטירט היינט צווישען אידען און קריסטען.

און מערקט: דער דאָזיגער געדאַנק איז ביי אַש'ען ניט דער רעזולטאַט פון אַ פּלוצליכען איינפאַל, וואָס איז צו אים געקומען אונטער דער ווירקונג פון אַ מאָמענטאַנער שטימונג, אַ פאַנטאַזיע. ער האָט דאָס קלאָר אַרויסגעזאָגט פאַר דעם פילאַדעלפיער רעפּאָרטער דעם 19טען דעצעמבער, 1939 און פיער מאָנאַטען שפּעטער האָט ער דאָס זעלבע אַרויסגעבראַכט (הגם אויף אַ פאַרשטעלטען אופן) אין זיין „ענטפער" צו זיינע אידישע קריטיקער; און אַכט מאָנאַטען נאָך שפּעטער האָט ער ווידער דאָס זעלבע, און אויך ווידער קלאָר און דייטליך, אויסגעדריקט אין זיין „אַטלאַנטיק מאָנטהלי" אַרטיקעל.

לאָמיר באַטראַכטען דאָס, וואָס מיר לייענען אין די פופציג שורות. וואָס זעהען מיר אין די ערשטע פינף שורות?

אויף אַן אָפענער שפּראַך הייסט עס: ווען מען זאָל אידען באַפרייען פון דעם בלבול, אַז זיי זיינען שולדיג אין יעזוס'עס טויט, וועט קומען צו אַ דערנעבטערונג ניט נאָר צווישען זיי און די קריסטען נאָר אויך צווישען דער אידישער אמונה און דער קריסטליכער, און ער, אַש, האָט פאַר אַזאַ דערנענטערונג קיין מורא ניט. אויב אידען זיינען היינט איזאָלירט, אָפּגעזונדערט, וועט זייער איזאָלאַציע דאַן פאַרשווינדען. קריסטען וועלען פון זיי מער ניט ווייכען. זיי וועלען ווערען פריינטליך צו זיי, מער אויסגעמישט מיט זיי געזעלשאַפטליך.

דאָס זיינען אַלץ פון יענע רעצעפּטען, וועלכע העלפען אַ חולה ווי אַ טויטען באַנקעס. אין אַמעריקע זיינען פאַראַן אַהן אַ צאָל גרופּען אין וועלכע אידען און קריסטען זיינען פאַרבונדען מיט אַן אינטימער פריינטשאַפט. אמת, עס זיינען פאַראַן אַ סך מער אידען, וואָס זייער קרייז פון פריינט און נאָהענטע באַקאַנטע, באַשטעהט אויסשליסליך פון אידען; אָבער אין אַ גרויסער מאָס ליגט די אורזאַך דערפון אין דעם כלל, אַז „בוירדס אָוו עי פעדהער פלאָק טוגעדהער" (פויגעל מיט די זעלבע פעדערן האַלטען זיך צוזאַמען). עס איז הויפּטזעכליך אַ פראַגע

פון פֿאַרוואַנדשאַפֿט, פֿון געוואוינהייט, פֿון ערציהונג און אין מייסטע פֿאַלען האָט עס מיט אַנטיסעמיטיזם קיין שייכות ניט.

אָבער לאָמיר אַפֿילו נעמען די פֿאַלען, וואו עס פֿילט זיך יאָ אַ געוויסער אַנטיסעמיטישער עלעמענט, איז דאָס גופֿא אָפֿט אַ רעזולטאַט פֿון דעם כּלל וועגן פֿויגעל וואָס האָבן די זעלבע פֿעדערן. שטעלט זיך פֿאַר, אַז פֿון דעם יעזוס מאָרד־בלבול איז ניט פֿאַרבליבן קיין שפּור פֿון אַ געדעכעניש. וועט דאָס האָבן די קלענסטע ווירקונג אין צוזאַמענברענגען געזעלשאַפֿטליך קריסטליכע און אי־דישע פֿאַמיליען, וואָס זיינען איצט אָפּגעזונדערט? איך בין זיכער אַז שלום אַש גלויבט אין דעם ניט אַ האָר מער ווי איך. איז דען פֿאַראַן איין קריסטליכע אַמעריקאַנער פֿאַמיליע, וואָס לאַדט צו זיך קיינמאָל ניט איין אידען און וואָס וועט אַנהויבען זיי איינצולאַדען ווען זי וועט זיך איבערצייגען, אַז אידען זיינען אין יעזוס'עס טויט אונשולדיג? אַזוי ריידען קען אפשר אַ קאָמיקער פֿון דער ביהנע.

אין זיין געשפּרעך מיט דעם פֿילאַדעלפֿיער רעפּאָרטער האָט אַש, אַלס אַן אַרגומענט, אַז די אידישע רעליגיע און די קריסטליכע קענען זיין פֿאַראייניגט, אָנ־געוויזען, אַז „דער אַלטער תּנ״ך און דער נייער טעסטאַמענט האָבן אַ סך גע־מיינשאַפֿטליכעס". דאָס קלינגט אָבער פּונקט פֿאַרקערט ווי זיינע ווערטער, וועלכע מיר האָבן געבראַכט פֿון זיין „אַטלאַנטיק מאָנטהלי" אַרטיקעל, אַז ער באַדויערט וואָס די צוויי גלויבענס, דער אידישער און דער קריסטליכער, זיינען „אָפּגעזונדערט איינער פֿון אַנדערען אין אַלע זייערע פֿאָרמען". פֿאַרוואָס קען מען ניט אויפֿבויען אַ בריק צווישען די צוויי אמונות?" — פֿרעגט אַש.

ניט בלויז אין זייערע פֿאָרמען זיינען זיי אַנדערש נאָר אויך אין זייער אינערליכען כאַראַקטער, אין דעם סאַמע גייסט פֿון זייער עיקר. אָט צום ביישפּיל: אין דעם נייעם טעסטאַמענט געפֿינט זיך ניט ווייניג אַנטיסעמיטיזם. געפֿינט זיך דען אַן ענליכע סחורה אין דעם אידישען תּנ״ך אויך? אדרבא, זאָל שלום אַש ווייזען וואו דאָס איז.

אויב מיר ווילען זיך ניט לאָזען פֿאַרטומלען די קעפּ, לאָמיר זיך פֿרעגען די איינפֿאַכע פֿראַגע: וואָס הייסט, אַז רעליגיעזע אידען און קריסטען זאָלען געהן אין איין קירכע? וואָס פֿאַר אַ קירכע? אַ קאַטוילישע? איינע פֿון די פּראָטעס־טאַנטישע? וועלכע? אַ אידישע „קירכע"? אַ רעפֿאָרמירטע סינאַגאָגע אָדער אַן אָרטאָדאָקסישע שוהל?

אין זיין אַרטיקעל „די שולדיגע" רעדט ער שוין ניט וועגן „איין קירכע פֿאַר אַלע מענשען", נאָר וועגען אַ „בריק". וואָס זשע הייסט דאָס? עס קומט אַרויס נאָך אַ גרעסערער אונזין, נאָך אַ ערגערע קאַשע. אָבער אַן ענטפֿער אויף דער פֿראַגע גיט דאָך אַש אייגענטליך. זיין גאַנצער בוך „דהי נאַזאַרין" איז דער ענטפֿער. יעזוס איז דער ענטפֿער! ער איז ביי אַש'ען הייליג, יעזוס. ער איז געטליך. ער איז העכער ווי משה און ווי די נביאים. אַ פֿאַראייניגונג פֿון די רעליגיעס אָהן יעזוס'ען וואָלט דעריבער געווען אַזוי ווי מחדש זיין די לבנה אין אַ פֿינסטערער נאַכט. די „בריק" דאָס איז יעזוס. אידען מוזען אים אָננעמען אין זייער אמונה. און אויב דאָס איז ווייניג, לעגט דער אַרטיקעל „די שולדיגע" צו ספּעציעלען שטאָף.

אַש זאָגט דאָך אין דעם זעלבען „אַטלאַנטיק מאָנטהלי" אַרטיקעל זיינעם: „אַלס איד גלויב איך מיט'ן גאַנצען האַרצען, אַז פֿילע קאַפּיטלעך פֿון דעם נייעם טעס־

טאָמענט זיינען געשריבען געוואָרען מיט'ן רוח הקודש" און האָבען „באַרייכערט די אידישע ליטעראַטור".

עס הייסט אַלזאָ, אַז אין דער פּאַראייניגטער קירך וועט מען זונטאָג (אָדער שבת) פון „פולפּיטס" לייענען קאַפּיטלעך פון ביידע „תורות". מילא, פון דעם אידישען תנ"ך לייענט מען אין די קריסטליכע קירכען, הויפּטזעכליך אין די פּראָטעסטאַנ־טישע, סיי ווי סיי, ווארים די קריסטליכע ביבעל באַשטעהט דאָך טאַקע פון ביידע טעסטאַמענטען, פון דעם אַלטען אַזוי גוט ווי פון דעם נייעם. מיט די אידען אָבער וועט שלום אַש מיט דעם „רוח הקודש פון דעם נייעם טעסטאַמענט" האָבען גרויסע, גרויסע שוועריגקייטען. זיי וועלען זיך אָפּ'שמד'ן ניט לאָזען. איך קען עס אים פאַרזיכערען.

וואָס אנבעטרעפט די פראַגע, וויפיל קריסטען עס וועלען האָבען חשק זיך אַנצושליסען אָן אַזאַ הייליגער „צוויי־אייניגקייט" לאָז איך די פראַגע איבער צו קריסטען.

און ווען אַש רעדט וועגען אַ „באַנייטער אידישער יוגענד", גלוסט זיך צו פרעגען איהם, אויב זייער „באַנייטקייט" ווייזט זיך אַרויס אין דעם, וואָס זיי ווילען, אַז אין זייער סינאַגאָגע זאָל שבת אַ קריסטליכער גייסטליכער אָדער אַ רעפאָרם ראַבאַי פאַרלעזען פון עוואַנגעליום ? ווארים דאָס איז דער גאַנצער זין פון די „באַנייטע" רייד זיינע.

„די וואָס האָבען ניט קיין צוטרויען צום אידענטום, אַז עס קען אויסהאַלטען די קאָנקורענץ פון אַן אַנדער אמונה, זיינען קטני אמונה (קליינע גלויבער)", זאָגט אַש אין די זעלבע פופציג שורות. וואָס מיינט ער מיט דעם וואָרט „קאָנקורענץ"? אָט קאָנקורירט דאָך די אידישע אמונה מיט דער קריסטליכער שוין נאָהענט פון צוויי טויזענד יאָר און די אידישע אמונה האַלט זיך אַלץ טראָץ אַלע בלוטיגע פאַר־פאָלגונגען און אַנדערע אונטערדריקונגען. און דאָ, אין דער פרייער אַמעריקע, אָדער אין דער פרייער ענגלאַנד, האַלט זי זיך אויך „גאָט צו דאַנקען", ווי שלום אַש זאָגט אַלע ווילע אויף זיין פרומען שטייגער. אינטעליגענטע פריידענקער הערען אויף צו דאַוונען ; זיי פאַרלירען אָבער מייסטענס ניט זייער רעספּעקט צו די אַלטע טראַדיציעס פון אונזער פאָלק.

לויט אַש'עס ערקלערונגען מיינט עס אָבער אַ פּאַראייניגטע קירך־סינאַגאָגע מיט יעזוס'ען אַלס דעם געמיינשאַפטליכען הייליגען מאַן, וואָס זיצט „ביי דער רעכטער האַנט פון גאָט". דער וואָס האָט ניט קיין צוטרויען צו אידישקייט אונטער אַזאַ אמונה קאָנקורענץ (צווישען דער אידישער אמונה און דער קריסטליכער אונ־טער דעם זעלבען קירך־סינאַגאָגע דאַך) יענער איז אַ קליינער גלויבער ! ווי געפעלט דאָס אייך, לעזער ?

לאָמיר זיך אָבער אין דער דאָזיגער אמונה קאָנקורענץ אַריינטראַכטען אַ ביסעל טיפער. ווער זאָל קאָנקורירען מיט וועמען ? אידען וואָס גלויבען אין אַ אידישער אמונה און פאַרגעטערען יעזוס'ען זאָלען קאָנקורירען מיט קריסטען, וואָס גלויבען אין רער קריסטליכער רעליגיע און פאַרגעטערען דעם זעלבען יעזוס'ען !

דער אָפּהאַלט צו אַזאַ קאָנקורענץ ליגט אין דעם, וואָס זי וואָלט זיך געענדיגט איידער זי וואָלט זיך אָנגעהויבען. דער סוף וואָלט געקומען איידער די אידען וואָלטען

אַריבערגעטראָטען דעם שוועל פון דער קירך־סינאַגאָגע וואו ביידע צדדים דאַרפען זאָגען קאַפּיטלעך עוואַנגעליום און קאַפּיטלעך תהלים צו יעזוס׳ען. עס וואָלטען זיך מסתמא געפונען מה־יפית אידלעך, וואָס וואָלטען שלום אַש׳עס פּלאַן אָנגענומען; איז ערשטענס וואָלטען זיי געווען אַ צרה׳דיג קליינער אויסנאַם, און צווייטענס וואָלט די קאָנקורענץ זיך געענדיגט דעם מאָמענט ווען זיי וואָלטען אַריינגעקומען אינעווייניג. ווארים דער מה־יפית צוועק איז דאָך ניט צו קאָנקורירען מיט קריסטען נאָר זיך צו חנפ׳ענען צו זיי.

לויט אַש׳עס 50 שורות וואָלטען מיר שוין לאַנג באַדאַרפט אונטערגעהן. אונטערגעגאַנגען זיינען אָבער פילע פעלקער, וואָס זיינען אין באַצוג צו רייכ־טימער און קערפּערליכער קראַפט געווען אַ סך מעכטיגער פאַר אונז, און מיר, די שוואַכע, די געטריבענע, די פאַגראָמירטע, די געמוטשעטע לעבען אַלץ און מיר וועלען איבערלעבען די היטלערס מיט זייערע נאַצי באַנדיטען.

אין אַזעלכע לענדער ווי ענגלאַנד און די פאַראייניגטע שטאַטען פילען מיר זיך אַ סך וועניגער איזאָלירט און ווי ווייט מיר זיינען דאָרטען טיילוויז יאָ אי־זאָלירט, איז דאָס ניט צוליב דער אידישער רעליגיע. אין אַמעריקע, צום ביי־שפּיל, עקזיסטירען צענדליגע פאַרשידענע גלויבענס, און רעליגיעזע טאָלעראַנץ איז מעכטיגער ווי אימער.

דאָך שטעלט אונז אַש אַן אולטימאַטום: אָהן אַ פאַראייניגונג פון שולען מיט קירכען וועט זיין איינס פון די ביידע — ענטוועדער אידען וועלען אונטערגעהן אָדער אידישקייט...

אַש שליסט זיינע פופציג שורות מיט די פאָלגענדע ווערטער:

„קיינער האָט ניט רעכט אָוועקצונעמען די בכורה פון אַנדערע אידען און צו זיי זאָגען, אַז נאָר די זיינען אידען, וואָס געהען אין מיין שוהל און די אַנדערע זיינען ניט קיין אידען. אַלע זיינען מיר געשטאַנען אויפ׳ן באַרג סיני”.

דאָס הייסט אַלזאָ אַזוי: אַ איד וואָס געהערט צו אַ פאַראייניגטער קירך־סינאַגאָגע, וואו עס דרשנ׳ט אַ גלח און אַ ראַבאַי און וואו מען לעזט פאַר אי פון חומש, אי פון עוונגעליום און וואו יעזוס ווערט אָנערקענט אַלס אַ העכערער ווי משה רבינו און די נביאים — אַזאַ איינער איז פונקט אַזאַ איד, ווי דער וואָס דאַווענט אין אַ אידישער שוהל, וואו קיין גלח איז ניטאָ און פון עוואַנגעליום לעזט מען ניט פאַר. דער עיקר פון אַלע עיקרים באַשטעהט אין דעם אַז שלום אַש מיט יעזוס׳ען אין זיין בוזים זאָל אָנערקענט ווערען פאַר פונקט אַזאַ אידען ווי אונזערע טאַטעס.

קיין גרעסערען און קיין אָפּשטויסענדערען אונזין קען מען זיך ניט פאַרשטעלען.

דער „באַנייטער” אידענטום, וועגען וועלכען אַש רעדט אין די פופציג שורות מיט אַזוי פיל רעספּעקט און באַגייסטערונג, באַשטעהט אָהן צווייפעל פון יונגע אידישע אַמעריקאַנישע „נאַזאַרין” לעזער פון יענעם סאָרט, וועגען וועלכע מען שרייבט אונז, אַז זיי מאָנען ביי זייערע עלטערען פאַרוואָס זיי האָבען זיי ניט אויס־געזאָגט, אַז אָהן יעזוס׳ען קען ניט זיין קיין אמת׳ע אידישקייט. מיט דעם גייסט פון דער דאָזיגער תורה איז אַש׳עס בוך „דהי נאַזאַרין” בוכשטעבליך דורכגעדרונגען.

## שלום אַש'עס נייער בוך „וואָס איך גלויב". — וואָס ער זאָגט וועגען יעזוס'ען. — די משיח פראַגע. — יעזוס'עס „ערשטער קומען" און זיין „צווייטער קומען".

דער איצטיגער קאַפּיטעל אַזוי ווי אַלע אַנדערע קאַפּיטלעך אין דיזער אָפּהאַנדלונג איז אַ גאַנץ נייע שאַפונג. וועגען דעם זעלבען ענין האָב איך געהאַט אַן אַרטיקעל אין „פאָרווערטס". דער עיקר פון שלום אַש'עס נייעם בוך איז דאָרטען אָבער ערקלערט געוואָרען גאַנץ בקיצור. דאָ איז מיין צוועק דעם געגענשטאַנד צו באַהאַנדלען אַ סך אויספירליכער און גרינדליכער. פון מיין „פאָרווערטס" אַרטיקעל וועל איך זיך דאָ באַנוצען בלויז מיט די פּאָר פאַקטען וואָס זיינען שייך צו דער געשיכטע פון שלום אַש'עס נייעם ווערק. אַז דאָס בוך „וואָס איך גלויב" איז ניט קיין ראָמאַן נאָר אַש'עס אַן ערקלערונג, פון זיין שטאַנדפּונקט, וועגען דער אידישער און קריסטליכער רעליגיע און וועגען יעזוס'עס ראָלע אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט — דאָס איז שוין גוט באַקאַנט, גלויב איך. אַלזאָ פאַרשפּאָר איך אויף דעם זיך אָפּצושטעלען.

אונטער דעם נאָמען „וואָס איך גלויב" האָט שלום אַש מיט אַ יאָר צוועלף צוריק אָנגעשריבען אַ בראָשורע און אין אַ דייטשער איבערזעצונג איז זי דאַן געווען אָפּגעדרוקט אין דייטשלאַנד. אַ געוויסע צייט שפּעטער האָט ער דעם אידישען אָריגינאַל פאַרגעשלאָגען דעם דאַמאָלסדיגען רעדאַקטאָר פון דעם זשורנאַל „צוקונפט", א. ליעסין. ליעסין האָט דעם פאַרשלאַג אָנגענומען און געהייסען אויפזעצען דעם גאַנצען ווערק. עס איז אַרויסגעקומען זאַץ אויף פינף „צוקונפט" נומערן. דער ערשטער „אינסטאַלמענט" איז ערשינען אין אָקטאָבער, 1912.

ווען א. ליעסין איז באַקאַנט געוואָרען מיט'ן כאַראַקטער פון דעם ווערק האָט ער גלייך די סעריע אָפּגעשטעלט. די אַנדערע פיר „אינסטאַלמענטס" זיינען געבליבען ניט געדרוקט. ווי ליעסין האָט דאַן ערקלערט איז די אורזאַך געווען אַ דאָפּעלטע: ערשטענס שמעקט עס מיט קריסטליכער רעליגיע און צווייטענס איז זעהר שווער צו פאַרשטעהן די געדאַנקען, וואָס אַש באַמיהט זיך דאָרטען אַרויסצובריינגען.

וואָס אָמבאַטרעפט דעם צווייטען פּונקט, האָט מען ענליכעס אויך געהערט פון עטליכע אַנדערע געניאָסען, וועלכע האָבען געהאַט איבערגעלייענט די אויפגעזעצטע טייל.

„מען קען אַבסאָלוט ניט דערגעהן קיין טאָלק", האָבען זיי געזאָגט.

דר. א. גינזבורג, האָט אַש'עס אָפּהאַנדלונג געלייענט אין דער דייטשער בראָשורע און ער האָט וועגען איר געהאַט פיער אַרטיקלען אין „פאָרווערטס". זיי זיינען געווען העפליך, אָבער שאַרף געגנעריש.

שלום אַש'עס נייער בוך „וואָס איך גלויב" איז אַ היבש ביסעל גרעסער ווי זיין דייטשע בראָשורע.

נאָך דער ערשיינונג פון זיין „נאַזאַרין" האָט ער צו דעם אידישען אָריגינאַל פון דעם ביכעל „וואָס איך גלויב" צוגעגעבען נייע קאַפּיטלעך און דער נייער בוך

איז אַן ענגלישע איבערזעצונג פון דעם גרעסערען מאַנוסקריפּט. ער ענטהאַלט אַ רייהע שטעלען וועגען יעזוס'ען, וועלכע זיינען אין דעם אַלטען אָריגינאַל ניט געווען.

ווען איר לייענט „וואָס איך גלויב״, אין דער ענגלישער איבערזעצונג, באַקומט איר אַ טומאַן אין קאָפּ. עס איז זעהר, זעהר שווער נאָכצופאָלגען דעם פּראָפעסאָר'ס געדאַנקען־גאַנג. דעם איבערזעצער (מאָריס סאַמיועל'ן) קענט איר ניט באַשולדיגען, ווארים די איבערזעצונג איז אַ גלענצענדע. עס פיהלט זיך דורכאויס, אַז די צרה ליגט אין דעם אָריגינאַל. דערביי פיהלט איר אויך צווייערליי אורזאַכען פאַרוואָס עס לייענט זיך אַזוי שווער. איין אורזאַך באַשטעהט אין דעם, וואָס דער פּראָפעסאָר ווערט שטאַרק געשטערט פון כוונות, וועלכע ער סטאַרעט זיך צו באַהאַלטען פון אייך. ער רעדט ניט אָפען. ער וויכט פון קלאָרע ווערטער. ער דרעהט זיך. אַ צווייטער סאָרט שטערונג קומט פון דעם, וואָס שלום אַש געפינט זיך דאָ אַבסאָלוט ניט אין זיין נאַטירליכער ראָלע. ער האָט טאַלאַנט אויף שרייבען ראָמאַנען (הויפּטזעכליך ניט קיין לאַנגע), אָבער אַלס דענקער איז ער זעהר הילפסלאָז; און דאָס איז אַ גוט באַקאַנטער פאַקט. אין דיזער הינזיכט איז ער אין אַ פיל ערגערער לאַגע ווי אַנדערע פון אונזערע אָנערקענטע בעלעטריסטישע טאַלאַנטען, ווי צום ביישפּיל דוד בערגעלסאָן, י. י. זינגער און ז. שניאור. ווען עס קומט צו דער פראַגע פון גייסטיגער ענטוויקלונג שטעלט מען אַש'ען ניט אויף איין שטאַפּעל מיט זיי. וועגען דעם זיינען ניטאָ קיין צוויי מיינונגען. ווען אַש נעמט זיך צו אַבסטראַקטע ענינים — צו פראַגען וועגען רעליגיע, פילאָזאָפיע אָדער סאָציאַלע אומשטענדען, — מערקט זיך דאָס גלייך. ווי איך האָב זיך אויסגעדריקט מעהר ווי איין מאָל, איז צו באַדויערען וואָס ער האַלט זיך ניט ביי זיין פאַך.

***

דער אַלגעמיינער איינדרוק, וואָס מען באַקומט לעזענדיג זיין „וואָס איך גלויב״ איז ערשטענס, אַז דאָס איז אַ בוך פול מיט אָבערגלויבען פון דעם פּרימיטיווסטען סאָרט, הויפּטזעכליך פון אַ קריסטליכען מין; און צווייטענס, אַז דער לעזער האָט צו קעמפען מיט אַ ים פלאַפּלעריי, כדי אַרויסצוקריגען פון דעם עפּעס אַ זין.

פון פיידזש 90 הויבט זיך אָן צו פילען אַ צוועק צו פירען דעם לעזער אין אַ געוויסער מער־אָדער ווייניגער באַשטימטער ריכטונג. די שווערינקייטען ווערען ווייניג געמילדערט. זיי באַקומען אָבער אַן אַנדער כאַראַקטער. וואוהין דער שרייבער צילט איז פאַרלויפיג זיין אייגענער סוד.

אויף יענער פיידזש לייענט איר: „אַ משיח וואָס זאָל זיך באַווייזען אויף די וואָלקענס פון הימעל און וואָס זאָל משפּט'ן די טויטע און זיי אויפוועקען צו תחית המתים — אַזאַ משיח קען מען בשום אופן ניט פאַרבינדען מיט אַזעלכע גרויסע אידען ווי עזרא, נחמיה און זרובבל, ווארים זיי האָט מען ניט באַטראַכט אַלס פעהיג צו שפּילען די משיח ראָלע. און אַפילו די ראָלע פון נביאים אויך ניט״. און דאַן קומט אַ שורה, וועלכע איז קלאָר געגוג: „די מתנה פון נבואה האָט זיך פון די אידען אָפּגעטאָן״.

די שורה איז נאַטירליך אויך איינגעטונקט אין אָבערגלויבען. קלאָר אָבער איז זי. און קלאָר איז אייך אויך אַז אַש'עס באַקאַנטמאַכונג דאָס פון דעם אידישען פאָלק איז פאַרשוואונדען די מתנה פון נבואה איז בלויז אַ טייל פון זיין פּלאַן צו פירען דעם לעזער אין אַ געוויסער ריכטונג.

אויף פיידזש 93 קומט איר צו אַ פּלאַץ וואו איר לייענט: „ניט שמעון פון די מאַקאַבעער־ברידער און אויך ניט קיינער פון די אַנדערע ברידער און אויך ניט קיינער פון די, וואָס האָבען געשטאַמט פון זיי, איז פעהיג געווען צו זיין אַ נביא אָדער אַ משיח״. — זאָגט אַש. „דער נביא, וואָס וועט זיך אַרויסווייזען פאַר אַ משיח דאַרף ערשט נאָך קומען״.

ביי איך וואַקסט אַן איינדרוק, אַז ביי אידען קען אַזאַ נביא ניט קומען און וועט ניט קומען. און אַז דאָס שטימט מיט שלום אַש׳עס פּלאַן אין זיין נייעם בוך.

פאַרלויפיג האַלטען מיר אין קאַפּיטעל 7 פון דעם נייעם בוך. מיר זיינען שוין אָבער נאָהענט צום סוף פון קאַפּיטעל. אַש שליסט דעם קאַפּיטעל מיט אַ „דעקלאַראַציע״. פון די עטליכע באַמערקונגען, וואָס די „דעקלאַראַציע״ ענט־האַלט וועלען מיר דאָ ברענגען בלויז די פאָלגענדע צוויי:

1) אַ פאַרשטענדיגונג צווישען אידען און קריסטען קען קומען בלויז דורך אַ פאַרשטענדיגונג צווישען זייערע רעליגיעס.

2) עס איז ווירדיגער און שענער פאַר אַ מענשען זיך צו האַלטען ביי זיינע רעליגיעזע איבערצייגונגען און ביי זיין רעליגיעזער סיסטעם און ניט צו מאַכען קאָמפּראָמיסען מיט דעם וואָס מען וועט זיך אָפּזאָגען פון אַ דאגמא אָדער אַ פּרינ־ציפּ פון אייער רעליגיע. עס איז בעסער צו געפינען אַ וועג צו די געמיינשאַפטליכע קוואַלען פוןביידע גלויבענס־סיסטעמען.

פאַרשטעהן וואָס אַש מיינט דאָ איז ניט גאַנץ לייכט. ווען מען לייענט דאָס, דערמאָנט מען זיך אָבער אָן צוויי זאַכען:

1) אַש׳עס נייער בוך איז פול מיט מוסטערען, אין וועלכע עס זעהט זיך זיין שטרעבונג די אידישע אמונה און די קריסטליכע פאַרצושטעלען אַלס איין גלויבען, מיט יעזוס׳ען אַלס אַ געמיינשאַפטליכער געטליכער מאַן און צענטער־פיגור, און מיט דעם קריסטליכען הייליגען בוך, דעם נייעם טעסטאַמענט, אַזוי ווי דאָס וואָלט געווען אַזאַ הייליגער אידישער ספר ווי דער חומש. אַש ציטירט פון דעם נייעם טעס־טאַמענט ווידער און ווידער און אַלץ מיט דעם זעלבען איינדרוק, אַז ער נעמט עס אָן ווי אַ הייליגען בוך אין וועלכען ער גלויבט פונקט ווי ער גלויבט אין חומש.

2) ווען מען דערמאָנט זיך, אַז אַש פּרעדיגט מיט אַלע כחות, אַז אידען זאָלען אָננעמען יעזוס׳ען מיט דעם נייעם טעסטאַמענט, דאַן קלינגען זיינע רייד וועגען האַלטען זיך ווירדיג ביי אייערע „רעליגיעזע איבערצייגונגען און רעליגיעזע סיס־טעמען״ טאַקע ווי פּוסטע פּלאַפּלעריי.

די לעצטע ווערטער פון דער „דעקלאַראַציע״ זיינען:

„נאָר דורך משיח׳ן קען קומען די רעטונג פון אונזער אויסגעמאַטערטער און בידערגעשלאָגענער וועלט״.

ווער זשע וועט ער זיין, דער משיח? דאָס וועלען מיר אויסגעפינען אין דעם נעקסטען קאַפּיטעל, קאַפּיטעל 8, וועלכער איז דער מערקווירדיגסטער אינ׳ם בוך „וואָס איך גלויב״. דאָרטען וועלען מיר וועגען דער משיח־פראַגע, ווי אַש טייטשט זי אויס, לערנען גאָר אַ סך. מיר וועלען דאָרטען לערנען וועגען דער משיח־פראַגע און וועגען יעזוס׳ען אין אַלגעמיין, — וועגען זיין ראָלע, זיין מאַכט און וועגען זיין גאַנצע „משיח׳שע פּערזענליכקייט״.

ביי דעם אָנהויב פון קאַפּיטעל אַכט, וועלכער איז דער אָנהויב פון פּיידזש 103,

ווערט דערצעהלט ווי יעזוס האָט זיך באַוויזען פון דעם שטעדטעל נצרת, זיין געבורטס־פּלאַץ. דאָרטען לייענען מיר:

„אין די טעג ווען טיבעריוס איז געווען דער קיסר פון רוים, פּאָנטיוס פּילאַט דער פּראָקוראַטאָר פון יהודה און יוסף קאַיפאַ דער כהן גדול, איז פון דער שטעדטעל נצרת געקומען אַ מאַן (זאָלען מיר אים רופען מיט אַזאַ וואָרט?)".

ווער קען דעם געטליכען יעזוס'ען רופען מאַן? — הייסט עס...

אויף פּעידזש 104 זאָגט אַש:

„וואָס אַזוינס איז געלעגען אין יעזוס'עס אונפאַרשטענדליכער פּערזענליכקייט, אַז פאַר דער קריסטליכער וועלט איז ער דערנאָך געוואָרען דער סימבאָל פון משיח'ס קומען? ער, יעזוס אַליין, האָט זיין קומען אַלס משיח צוטיילט אויף צוויי טיילען. אין דעם ערשטען טייל איז ער געקומען צוצופּערטיגען דעם מענשען צו דעם קעניגרייך פון גאָט; אין דעם צווייטען טייל וועט ער קומען אויף די וואָלקענס אין הימעל אַלס ריכטער און רעגירער פון דער הימלישער קעניגרייך ווען זי וועט אָנהויבען צו הערשען אויף דער ערד.

אָנשטאָט „ערשטער טייל" און „צווייטער טייל" פון „יעזוס'עס קומען", געברויכט אַש ווייטער די אויסדרוקען „זיין ערשטער קומען" און „צווייטער קומען". אַש פרעגט דאָן:

„אין וואָס איז באַשטאַנען זיין טעטיגקייט אין דער צייט פון זיין ערשטען קומען?" און ער ענטפערט: „זי איז באַשטאַנען אין ברענגען די בשורה, אַז זיין פאָטער אין הימעל האָט אים אָנפאַרטרויט די אויטאָריטעט (פולמאַכט) צו זיין אַ מוסטער פאַר מענשען ווי אַזוי זיי דאַרפען זיך פירען. זיין לעבען, וועלכער איז דורכגעדרונגען מיט דער אויטאָריטעט פון קריסטליכען גלויבען, זאָל דינען אַנדערע מענשען אַלס אַ וועגווייזער, אַלס אַ שפּיגעל, אין וועלכען זיי זאָלען זעהן ווי מענשען דאַרפען לעבען אויף דער וועלט. צווייטענס, וועט ער פרייוויליג אָננעמען אַ מאַרטירער־טויט און דאָס וועט זיין דער פּרייז, וואָס ער וועט באַצאָלען פאַר זיין הייליגער מיסיע (אויפגאַבע) און פאַר דער משיח'ישער אויטאָריטעט מיט וועלכער גאָט האָט אים אָנפאַרטרויט".

ווייטער שטעהט דאָרטען:

„אין וואָס איז באַשטאַנען דער עיקר פון זיין פּראָפּאַגאַנדע? אין גלויבען אין דעם הימלישען פאָטער, וועלכער איז דער איינציגער גאָט פון ישראל, וועלכער האָט אָבער דערנאָך פאַרשפּרייט זיין גנאָד איבער דער גאַנצער מענשהייט און וועט שיקען זיין ר ע ט ע ר אויסצולייזען אַלע מענשען (מיט דעם וואָרט רעטער „סעיוויאָר", אויף ענגליש, מיינט מען אימער יעזוס קריסטוס'ען).

„יעדער וואָס נעמט אָן דעם גלויבען אין דעם הימלישען פאָטער און אין זיין משיח, ווערט דורך דעם אַ זוהן פון אברהם, יצחק און יעקב און ער באַקומט דורך דעם אַ חלק לעולם הבא.

„די פּרינציפּען וואָס יעזוס האָט געלערענט דעם פאָלק האָבען אין זיך עטוואָס וואָס איז געווען גאַנץ ניי" — שרייבט אַש — „צום ערשטען מאָל האָט זיך ביי אידען באַוויזען אַ רבי, אַ לעהרער, וואָס הגם זיין לעהרע האָט געשטימט מיט תורת משה, האָט ער זיין אויטאָריטעט ניט געצויגען פון דער דאָזיגער תורה. ער האָט זי פאַרטייטשט לויט זיין אייגענעם באַגריף, און אויף דעם האָט ער זיך אויך ניט באַ־

שרענקט. ניין, ער האָט זיין לעהרע געגרינדעט אויף דער אויטאָריטעט, וועלכע גאָט אַליין האָט אים געגעבען".

„זיין אויטאָריטעט האָט אים געגעבען פרייהייט אַלץ צו ערקלערען לויט זיין איי־גענעם פאַרשטאַנד" (ער איז, אַלזאָ, געווען גרעסער פון משה'ן).

שלום אַש זעצט פאָר מיט די פאָלגענדע ווערטער:

„יעזוס זאָגט צום עולם: איר האָט געהערט וואָס עס איז געזאָגט געוואָרען: „דו זאָלסט ליב האָבען דיין שכן ווי זיך אַליין און האַסען דיין שונא" א י ך אָ ב ע ר ז אָ ג צ ו א י י ך: ליבט אייערע שונאים, בענשט די, וואָס שילטען אייך, טוט גוטס צו די וואָס האַסען אייך. כדי איר זאָלט קענען זיין קינ־דער פון אייער פאָטער וואָס איז אין הימעל, ווארים ער מאַכט, אַז די זון זאָל לייכטען פאַר די שלעכטע און פאַר די גוטע. ער שיקט רעגען פאַר די פרומע און פאַר די זינדיגע".

„די גאַנצע שטעלע, אָהן די ווערטער 'אָבער איך זאָג צו אייך' וואָלט זיך לייכט געקענט אַריינפּאַסען אין די פרקי אָבות. די ווערטער 'איך זאָג צו אייך' מאַכען אין יעזוס'עס ערקלערונג אַ גרויסע ענדערונג. זיי גיבען איר דעם כאַראַקטער פון אַ מאַנדאַט, אַ פולמאַכט פון גאָט", שרייבט אַש.

דערביי ברענגט ער די ווערטער פון דעם הייליגען מאַטיאַס פון דעם נייעם טעסטאַמענט:

„ווארים יעזוס האָט גערעדט אַלס איינער וואָס האָט אַן אויטאָריטעט פון גאָט".

אַש ברענגט די ווערטער פון מאַטיאַס אַזוי ווי דאָס וואָלט געווען אַ טייל פון אידישען תנ"ך, און אַזוי טוט ער ווידער און ווידער.

ווייטער: „עס איז אַלזאָ שוין ניט קיין אויסטייטשונג פון תורת משה, וועלכע איז געגעבען געוואָרען אויפ'ן באַרג סיני", שרייבט אַש. „עס איז די שפּראַך פון דער געטליכער קראַפט. יעזוס האָט דאָס געהערט פון גאָט'ס ליפּען... יעזוס האָט זיך ניט נאָר באַטראַכט אַלס באַזיצער פון גאָט'ס פולמאַכט, נאָר ער האָט זיך באַטראַכט אַלס אַ טייל פון דעם מאַנדאַט. ער האָט זיך איינגעשלאָסען אין דעם עיקר פון דעם קריסטליכען גלויבען. ער איז אַ וויכטיגער טייל דערפון. ער איז דאָס פלייש און בלוט פון דעם נייעם אָפּמאַך מיט גאָט", ערקלערט אַש. „יעזוס האָט געזאָגט: „וואו נאָר צוויי אָדער דריי מענשען פאַרזאַמלען זיך אין מיין נאָמען בין איך צווישען זיי".

און אַש באַמערקט דערביי:

„זיינען דען די דאָזיגע ווערטער ניט ענליך צו די וואָס גאָט אַליין האָט גע־זאָגט? „דאָרטען וואו מיין נאָמען ווערט דערמאָנט וועל איך קומען און אייך בענשען".

און אַש לעגט צו:

„יעזוס האָט געזאָגט: איך קום ניט ברעכען תורת משה נאָר איר מקיים זיין".

„דער אמת איז אָבער, אַז ביי דעם מקיים זיין האָט יעזוס געברויכט ניט משה'ס אויטאָריטעט, נאָר די נייע אויטאָריטעט, וועלכע ער, יעזוס, האָט באַקומען פון גאָט אַליין.

„דורך דער אויטאָריטעט וואָס יעזוס פון נצרת האָט ערקלערט, אַז ער האָט

עס פון גאָט, איז די קריסטליכע רעליגיע געווען אין שטאַנד זיך צו פאַרשפּרייטען דורך די פאַרשידענע נאַציאָנען", שרייבט אַש ווייטער. „מיט דער קראַפט פון דער דאָזיגער אויטאָריטעט איז פּאָול שפּעטער אימשטאַנד געווען יעזוס'עס פּערזענליכקייט צו מאַכען פאַר דעם פונדאַמענט פון דער קריסטליכער טעאָלאָגיע (רעליגיעזע וויסענשאַפט וועגען גאָט און זיין מאַכט); מיט דער זעלבער אויטאָריטעט איז פּאָול געווען אימשטאַנד זיך צו פּראָקלאַמירען אַלס אַפּאָסטאָל ניט פון מענשען נאָר פון משיח'ן אַליין, דאָס הייסט פון יעזוס'ען, און אויך צו אַנאָנסירען, אַז דער קריסטליכער גלויבען איז זעלבסטשטענדיג און אומאָפּהענגיג פון דער אידישער תורה... דער ערשטער פּרינציפּ פון יעזוס'עס משיח קראַפט, נעמליך זיין ספּעציעלע אויטאָריטעט, וועלכע ער האָט ערהאַלטען דירעקט פון גאָט, איז דורכצופירען דעם ערשטען טייל פון זיין געטליכער אויפגאַבע. נעמליך צוצופערטיגען די וועלט פאַר דעם קעניגרייך פון הימעל.

„דער געבורט פון דער קריסטליכער רעליגיע קען ניט ערקלערט ווערען מיט דעם פאַקט וואָס איר גרינדער, יעזוס, איז געווען אַ הויכע מאָראַלע פּערזענליכקייט", ערקלערט שלום אַש מיט אַ ספּעציעלער באַטאָנונג. „וואָרים אין זיין צייט זיינען געווען פילע הויכע מאָראַלע פּערזענליכקייטען. און קיין געטליכע אויטאָריטעט האָבען זיי ניט באַקומען. אויך קען מען דאָס ניט ערקלערען מיט דעם, וואָס ער האָט אויסגעהיילט קראַנקע, לעבעדיג געמאַכט טויטע און באַוויזען אַנדערע נסים, וואָרים אין זיין צייט זיינען געווען פילע אַנדערע מענשען וואָס האָבען באַוויזען וואונדער. צו וויזען נסים און מופתים איז אין יענער צייט געווען אַזאַ נאַטירליכע זאַך, אַז קיינער איז פון דעם ניט ערשטוינט געוואָרען. אויך וואָלט געווען אַ טעות צו מיינען אַז יעזוס'עס פּרעכטיגער מאַרטירער-טויט, וואָס האָט אַזוי באַגייסטערט די ציוויליזירטע וועלט, איז געווען די אורזאַך פאַרוואָס ער איז אימשטאַנד געווען צו באַוויזען זיין משיח-מאַכט פאַר זיינע תלמידים. אין זיין צייט זיינען געווען פילע מענשען וואָס זיינען מוטיג געשטאָרבען פאַר זייערע איבערצייגונגען און אידעאַלען, דאָך האָט מען זיי אַלס משיח ניט פּראָקלאַמירט. יעזוס'עס טאַטען באַקומען זייער רעליגיעזען ווערט און זיי ווערען הויך וויכטיגע ערשיינונגען אין דעם נייעם גלויבען דורך דעם, וואָס ער האָט געגלאָזט די וועלט וויסען, אַז ער האַלט אין זיינע הענט די אויטאָריטעט פון גאָט אַלס משיח. דורך דעם, וואָס ער האָט ביי זיין פּראָצעס פאַר דעם סנהדרין ערקלערט, אַז ער וועט זיצען ביי דער רעכטער האַנט פון גאָט און וועט אַראָפּקומען אויף די וואָלקנס און דורך פילע אַנדערע אָנווייזונגען האָט ער געלאָזט וויסען, אַז ער איז גאָט'ס זוהן — קורץ דורך זיין אַנאָנסירען, אַז ער האַלט אין זיינע הענט דעם משיח'ישען מאַנדאַט, וואָס זיין פאָטער, גאָט אין הימעל, האָט אים געגעבען — אָט דורך דעם שפּילען דאָס זיינע טאַטען אַזאַ גרויסע ראָלע אין דעם קריסטליכען גלויבען... יעזוס'עס לעבען און טויט שפּילען גלייכע ראָלען אין זיין קראַפט אַלס משיח".

שלום אַש דריקט אויס דעם געדאַנק, אַז דורך דעם, וואָס יעזוס האָט אַנאָנסירט זיין משיח אויטאָריטעט, האָבען אידען אים ניט געקענט אָננעמען. ער זאָגט עס אָבער בלויז וועגען יעזוס'עס „ע ר ש ט ע ן  ק ו מ ע ן" אַלס משיח, ווען ער האָט באַדאַרפט די ניט-אידישע פעלקער געבען אַ נשמה-לעבען. די אידען אָבער האָבען אַ נשמה-לעבען געהאַט נאָך פון פריהער.

„ווען יעזוס וואָלט זיך באַוויזען אין דער צייט פון דעם ערשטען בית המקדש אָדער ווען די אידען זיינען נאָך געווען אין גלות בבל, דאָס הייסט דאַן, ווען זיי האָבען נאָך געקענט האָבען נביאים, וואָלט ער אָנגענומען געוואָרען אַלס אַ נביא — זאָגט אַש. „אין אַ שפּעטערער צייט, נאָכדעם ווי די נבואה האָט זיך פון אידען אָפּגעטאָן, וואָלט ער געווען אַ גרויסער תנא ביי זיי און זיינע ווערטער און פרינ־ציפּען־ערקלערונגען וואָלטען געווען צווישען די פּערעל פון פרקי אבות. מיר האָבען אין אים פאַרלוירען אַ נביא און ער פעלט אונז עד היום. דאָס איז אָבער דער פּרייז וואָס מיר האָבען באַצאָלט כדי יעזוסעס אידישער גייסט זאָל באַפרייען די ניט־אידישע פעלקער פון זייערע זינד און זיי שטעלען אונטער דער אויטאָריטעט פון גאָט.

„די אידען האָבען יעזוס'ען אַלס אויטאָריטעט ניט אָנגענומען. ווארים ווי מיר האָבען שוין דערמאָנט האָט יעזוס ביי זיין ערשטען קומען געהאָט די מיסיע די פעלקער צו געבען אַ נייעם געבורט, ניט פון אַ גוף נאָר פון אַ נשמה. און אַזאַ געבורט האָבען די אידען שוין געהאַט נאָך פון פריהער. ערשט ביי זיין צווייטען קומען, ווען ער וועט זיך באַווייזען אויף די וואָלקענס, וועט זיך אָנפאַנגען דאָס קעניגרייך פון הימעל, דאָס הייסט די מלוכה פון משיח. וואָס פאַר אידען איז נויטיג און אויף וואָס זיי האָבען געוואָרט און וואַרטען איצט אויך, איז משיח'ס צ ו ו י י ט ע ר ק ו מ ע ן. זיין קומען מיט'ן צוועק איינצופירען דאָס קע־ניגרייך פון הימעל. די דאָזיגע ערוואַרטונג איז דער געפיהל פון יעדען פרומען אידען".

באַטראַכט נאָר: יעדער פרומער איד וואַרט, לויט אַש'ען, אויף יעזוס'עס קו־מען אַלס משיח. דאָס בלוט קאָכט ווען מען לייענט די ווערטער!

ווייטער שרייבט אַש:

„ווען יעזוס'עס תלמידים האָבען זיך פאַרזאַמעלט נאָך זיין קרייציגונג און זיי האָבען געזעהן אַז זייער רבי איז צוריק לעבעדיג געוואָרען, איז זייער ערשטע פראַגע געווען: 'האַר אונזערער, וועסטו זיך איצט נעמען צו ברענגען דאָס קע־ניגרייך פון הימעל אויף דער ערד?' זיי האָבען געמיינט אַז דאָס איז שוין זיין צווייטער קומען און אַלס פרומע אידען האָבען זיי, יעזוס'עס תלמידים, דאָס קעניג־רייך פון הימעל זיך ניט געקענט פאָרשטעלען אָהן דעם קעניגרייך פון ישראל, וועלכע שפּילט ביי אַלע אידען אַ וויכטיגען טייל אין משיח'ס פּראָגראַם.

„לוקאַס, וועלכער באַשרייבט די סצענע (אין נייעם טעסטאַמענט) האָט דאָס מסתמא געהערט פון אַפּאָסטאָל פּעטער, ווען ער איז געווען אין ירושלים צוזאַמען מיט דעם אַפּאָסטאָל פּאָול. פּעטער האָט אים, לוקאַס'ען, געזאָגט, ווי זיי האָבען געוואַרט אויף משיח'ס צוריקקומען מיט'ן צוועק צו מאַכען אַ סוף פון דער קעניג־רייך פון זינד און אָנצוהויבען דאָס קעניגרייך פון הימעל און די ווידער־אויפשטעלונג פון קעניגרייך פון ישראל. זיי האָבען זיך אָבער באַלד איבערצייגט, אַז יעזוס'עס צוריק לעבעדיג ווערען איז ניט משיח'ס צווייטער קומען; אַז דאָס דאַרף נאָך פאַרקומען ערשט שפּעטער.

„דאָס ערשטע קומען משיח'ס איז, אַלזאָ, ניט געווען פאַר אונז אידען, נאָר פאַר די גוים", ערקלערט שלום אַש. „דאָס, גלויב איך, מוז זיין דער שלוס פון יעדען אידען, וועלכער וויל פאַרגעסען אַלע יסורים וואָס מיר זיינען אויסגעשטאַנען

פון קריסטען און האָט אין זינען בלויז די באַדייטונג פון דעם, וואָס דאָס קריס־טענטום האָט בייגעטראָגען פאַר דער וועלט".

דאַן ברענגט אַש די קורצע רעדע, וואָס רבן גמליאל זאָל האָבען געהאַלטען, לויט דעם נייעם טעסטאַמענט, און וועלכע מיר האָבען שוין דערמאָנט אין אונזער קאַפּיטעל 9. די רעדע אין וועלכער ער האָט געזאָגט די ווערטער: „אויב די אַרבייט איז די אַרבייט פון מענשען, וועט זי קיין ממשות ניט האָבען. אויב אָבער עס איז די אַרבייט פון גאָט קענט איר דאָס ניט פאַרניכטען".

„אויב, אַלזאָ, די זאַך איז פון גאָט", טענה'ט דאָ שלום אַש, „דאַן איז זי ניט געשאַפען געוואָרען מיט אַ מענשליכען כח, נאָר מיט דעם כח פון דער געטליכער אויטאָריטעט. און אויב די אויטאָריטעט איז ניט פאַר אונז אידען, איז זי געוויס פאַר די אַנדערע נאַציאָנען פון דער וועלט, וועלכע זיינען דורך דעם געבראַכט גע־וואָרען נעהענטער צו זייער פאָטער אין הימעל."

ווי איך האָב באַמערקט ווען מיר האָבען געהאַלטען ביי דער דאָזיגער רעדע ר' גמליאל'ס ווען עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען דעם הייליגען פּאָול (שאול פון תרשיש), איז די גאַנצע רעדע (כלומר'שט גמליאל'ס) אַן אויסגעטראַכטע מעשה, וועלכע איינער פון די פאַרפאַסער פון נייעם טעסטאַמענט האָט גענומען פון זיין פאַנטאַזיע.

„זעהענדיג אים אין דיזער ליכט", זאָגט אַש ווייטער, „בויגען מיר אונזערע קעפּ פאַר אים, ווי מיר אידען בויגען אונזערע קעפּ פאַר אונזערע נביאים".

„און אויף דעם צווייטען קומען, דאָס הייסט אויף דעם קומען פון דעם משיח וואַרטען מיר אידען צוזאַמען מיט די איבריגע פון דער געפּלאָגטער וועלט".

מיט דעם ענדיגט זיך דער קאַפּיטעל אַכט פון שלום אַש'ס „וואָס איך גלויב". דאָס איז פּיידזש 116. אויף פּיידזש 135 געפינט זיך אַ שטעלע, וואָס איז אויך וויכטיג צו אונזער ענין:

„עס זיינען געווען דריי קאַנאַלען דורך וועלכע רעליגיעזע אוצרות זיינען צו־געקומען צו די געצענדינער און האָבען געענדערט זייער כאַראַקטער, איבערגע־אַנדערשט זייער גאַנצען וועזען אַזוי אַז זיי האָבען געקענט אַפּשאַצען דעם ווערט און די באַדייטונג פון די ווערטער קריסטליכע מאָראַל. דער קוואַל פון דעם דאָזיגען ווערט איז געווען די משיח'ישע פּערזענליכקייט יעזוס'עס".

***

פאַראַן אַ פּלאַץ וואו שלום אַש רעדט מיט שאַרפע ווערטער וועגען דער טראַ־געדיע פון די אידישע קרבנות פון דער אינקוויזיציע. „אין וואָס איז באַשטאַנען זייער פאַרברעכען?" פרעגט ער. און זיין ענטפער איז: „אין דעם וואָס זיי האָבען געגלויבט אין דעם איינציגען גאָט פון ישראל."

איז דאָך גוט. זינגט אַש אָבער דערביי אַ לויב געזאַנג צו דעם צלם, וואָס אין זיין נאָמען זיינען באַגאַנגען געוואָרען די מערדערייען.

„דער צלם, דער העכסטער סימבאָל פון דער זעלבסט־אָפּפערונג פון די, וואָס זיינען ריין, ווערט אויפגעהויבען אַלס דער העכסטער סימבאָל פון מקריב זיין רייג־קייט" — שרייבט ער אויף פּיידזש 150 און 151.

ער זאָגט ניט, אַז די זעלבע מענשען וואָס האַלטען דעם צלם פאַר דעם העכ־סטען סימבאָל פון זעלבסט־אָפּפערונג, זיינען אין נאָמען פון דעם דאָזיגען צלם

באַגאַנגען די אַזיאַטישע שוידערליכקייטען פון דער אינקוויזיציע. די ווערטער אַז דער צלם איז „דער העכסטער סימבאָל פון זעלבסט־אָפּפערונג“, געברויכט ער, אַש, אַלס זיינע אייגענע ווערטער. אַלס אַ פראַזע פון איינעם וואָס אָנערקענט דעם צלם אַלס אַ הייליגטום.

***

די ווערטער „ערשטער קומען“ און „צווייטער קומען“ געהען אימער אויף יעזוס׳ען אַלס משיח. רעליגיעזע אידען וואַרטען אויף משיח׳ן, אָבער פון צוויי „קומע־נישען“ וויסען זיי ניט. אונזערע טאַטעס האָבען אַזעלכע ווערטער קיינמאָל ניט געהערט.

אַלץ וואָס מיר ברענגען דאָ פון שלום אַש׳עס „וואָס איך גלויב“ געהט אויף יעזוס׳ען, הויפּטזעכליך אויף יעזוס׳ען, אַלס דער, וואָס האָט פון גאָט באַקומען זיין משיח׳ישע אויטאָריטעט. וועגען קיין אַנדער משיח׳ן ווערט ביי אַש׳ען ניט דער־מאָנט מיט קיין וואָרט. וועגען אַ משיח מיט אַ „צווייטען קומען“, וואָס זאָל זיין ניט יעזוס נאָר אַן אַנדערער איז אַודאי ניטאָ וואָס צו ריידן. „אידען“, זאָגט ער, „וואַרטען אויפ׳ן צווייטען קומען, דאָס הייסט אויף משיח׳ן, צוזאַמען מיט די איבעריגע מענשען פון דער געפּלאָגטער וועלט“. האָט זשע שטאַרק אין זינען, ליבער לעזער, אַז דאָס גאַנצע אידישע פאָלק וואַרט אויף יעזוס׳עס צווייטען קומען אַלס משיח!

דאָס איז דער ענד־ציל פון דער דרשה וואָס אַש האָלט פאַר אונז אין זיין קאַפּיטעל אַכט: אידען וואַרטען אויף משיח׳ן און זייער משיח איז קיין אַנדערער ווי יעזוס „ווי ער וועט ערשיינען אויף די וואָלקענס ביי זיין צווייטען קומען“. וויסען זיי, אַז יעזוס איז זייער משיח? צי זיי וויסען צי ניט — אַש „וויס“ דאָס יעדענפאַלס!

אין זיין „ענטפער“ האָט ער געמאַכט געוואָלדען פאַרוואָס מען זאָגט, אַז ער גלויבט דאָס יעזוס איז „משיח“, און איצט זאָגט ער דאָס אַליין מיט אַ רעליגיעזער מינע און אויף אַ גאַנצען קאַפּיטעל — אַ ווידערשפּרוך פון דעם זעלבען וואולקאַנישען סאָרט ווי די ווידערשפּרוכען מיט וועלכע ער האָט אונז מכבד געווען אין זיין „אַט־לאַנטיק מאָנטהלי“ אַרטיקעל.

.20

## ווי די רעליגיעזע קריסטליכע זשורנאַלען האָבען אויפגענומען שלום אַש׳עס „נאַזאַרין“

איך האָב פאַר זיך אַ גאַנצע רייהע קריטישע איבערבליקען, וועלכע זיינען ערשינען וועגען שלום אַש׳עס בוך „דהי נאַזאַרין“, אין די וועכענטליכע און מאָ־נאַטליכע זשורנאַלען פון רעליגיעזע קריסטליכע אָרגאַניזאַציעס. איך גיב דאָ דעם לעזער אויסצוגען פון אַזעלכע קריטיקען. פון זיי וועט ער באַקומען אַ באַ־גריף ווי אַזוי די פאַרשידענע קריסטליכע ריכטונגען באַציהען זיך צו שלום אַש׳עס „נאַזאַרין“. אייניגע פון די קריטישע נאָטיצען געפינען זיך אין אַדווערטאַיז־מענטס, וואָס זיינען געווען געדרוקט אין רעליגיעזע וואָכענשריפטען אָדער מאָנאַט־שריפטען.

אין „טשוירטשמען", אַ מאַנאַטליכער זשורנאַל פון דער „פּראָטעסטאַנט עפּיס־קאָפּעל טשוירטש" פון דעם דעצעמבער 1טען, 1939 — אַן אויסצוג פון אַן אַרטיקעל פון וויקטאָר לאָררעמאָר קאַסוועל:

„דער פּאָרפעסער פון „נאַזאַרין" האָט זיך ניט צוריקגעהאַלטען פון איינשליסען אין בוך אַ סך איינצעלהייטען און זעלטען ווען ער שטעלט אַריין עפּעס וואָס איז ניט פולשטענדיג לויט דעם גייסט פון דער יעזוס געשיכטע ווי זי ווערט דערצעהלט אין די עוואַנגעליומס... עס איז זאַנדערבאַר, אַז ער נעמט אַן די דאָזיגע געשיכטע פון אַלע פיר עוואַנגעליומס ניט זעהענדיג קיין שום קריטישען אונטערשיד צווישען זיי. אַלע נסים פונקט ווי זיי ווערען באַריכטעט אין די פיער הייליגע שריפטען, נעמט ער אַן. ער מאַכט ניט די קלענסטע פּראָבע זיי צו ראַציאָנאַליזירען (פאַרצושטעלען זיי אַזוי, אַז זיי זאָלען זיך לעגען אויפ'ן שכל אַלס אַ רעאַליסטישע פּאַסירונג). מען קען זאָגען, אַז ער נעמט אַן אַלעס וואָס שטעהט אין דעם עוואַנגעליום אַ חוץ יעזוס'עס געבורט פון אַ יונג פּרוי (אָהן אַ פאָטער אין דער געשטאַלט פון אַ מענש). דאָס דערמאָנט ער גאָרניט. און יעזוס'עס צוריק לעבעדיג ווערען דריי טעג נאָך זיין טויט דערמאָנט ער גאַנץ קורץ אַלס אַ באַריכט וואָס ער האָט געהערט פון אַנדערע.

„ניט ווייניגער שטוינענד איז דעם פּאָרפאַסער'ס עהרפורכט פאַר יעזוס'ען גופא... דער וואונדער וואָס מען פיהלט לייענענדיג דעם בוך באַשטעהט אין דעם וואָס דער פאַרפאַסער האָט אַזוי גוט פאַרשטאַנען די איבערגעבענהייט פון יעזוס'עס תלמידים צו אים... דאָס איז אַ בוך וואָס יעדער קריסט וועט וועלען לעזען."

די פאָלגענדע שטעלע ברענגט דער שרייבער פון דעם „טשוירטשמען" אַרטיקעל פון שלום אַש'עס „נאַזאַרין", וואו דאָס זאָגט יוחנן, דער בחור, פון וועמען שלום אַש איז אַ גלגול. (יוחנן האָט געלעבט אין ירושלים אין דער צייט ווען יעזוס האָט דאָרטען אַגיטירט): „ווען ער (יעזוס) פלעגט רעדען וועגען דעם קעניגרייך פון הימעל, דערצעהלט יוחנן, פלעגט ער אויפשטורעמען די הערצער פון זיינע צוהערער; ער האָט געמאַכט אַן איינדרוק, אַז דאָס הימלישע קעניגרייך איז זיין פּריוואַט אייגענטום און אַז ער וועט עס צוטיילען צווישען אַלע די וואָס האָבען אים צוגעהערט און געפאָלגט. אויף אייניגע האָט ער אָבער אַרויפגעוואָרפען אַ שרעק דורך דעם, וואָס ער האָט געמאַכט אַן איינדרוק, אַז ער איז דאָס העכסטע הייליגטום פון דעם פאָלק ישראל."

„בריטיש וויקלי", אַ זשורנאַל פון סאָציאַלען און קריסטליכען פּראָגרעס, לאָנדאָן, נאָוועמבער דעם 2טען, 1939.

אין אַן אַדווערטייזמענט אויף דער ערשטער פּיידזש פון דעם זשורנאַל שטעהט: „זעה וואָס בישאָפּ הענלי שרייבט וועגען דעם בוך... זעהר באַלייכטענד און געשריבען איז דער בוך מיט אַ מערקווירדיגער באַקאַנטשאַפט מיט דעם אידישען לעבען פון ערשטען יאָרהונדערט פון דער קריסטליכער צייט רעכענונג."

אין דעם זעלבען אַדווערטייזמענט שטעהט: „דזשאָהן קאָופּער שרייבט: איך בין זיכער, אַז דער בוך וועט געלעזען ווערען אַ סך מעהר יאָרען ווי אַלע שילדערונגען פון דער הייליגער דראַמע, וואָס זיינען געשריבען געוואָרען פון ניט־אידען."

(דאַ דאַרף באַמערקט ווערען, אַז אַש איז באַקאַנט מיט דעם לעבען פון אידען אין פּאַלעסטינע היינט, ווערענד דער קריטיקער קאָופּער איז אונטער דעם איינדרוק, אַז דאַס זיינען שילדערונגען פון אידישען לעבען פון יעזוס'עס צייט. דעם זעלבען טעות מאַכען אַנדערע קריטיקער אויך).

אין די „ליווינג טשוירטש", אַן עוואַנגעלישער וואָכענשריפט, דעצעמבער 20טער, 1939, אין אַ נאָטיץ פון בוירטאַן סקאַט איסטאַן: „...וואָס אַמבע־טרעפט דעם עיקר פון אַש'עס ראָמאַן „די נאַזאַרין" איז ער געגרינדעט אויף דעם מאַטעריאַל פון די פיער עוואַנגעליומס. ער געברויכט דעם מאַטעריאַל איינגאַנצען. אויף דער ריכטיגקייט און פּינקטליכקייט פון די עוואַנגעליומס וואַרפט ער ניט דעם קלענסטען שאָטען פון אַ צווייפעל... אויב מר. אַש'עס אונטערזוכונגען האָבען פון אים ניט געמאַכט קיין פולשטענדיגען קריסט, ווייזט ער דאָס ניט אַרויס מיט'ן קלענסטען סימן, אַז ער דערעדט עפּעס ניט, אָדער אַז ער קווענקעלט."

די „פּרעסביטיריען", עוואַנגעלישער וואָכענשריפט, אַרויסגעגעבען אין פילאַ־דעלפיע, יאַנואַר דעם 11טען, 1940. „די איינציגע קוואַלען פון אַזאַ אויספירליכע געשיכטע פון יעזוס פון נאַזאַרעט זיינען די עוואַנגעליומס, וועלכע דער פּראָפעסער קאָפּירט מיט פּאַרגעניגען פון די אויטאָריזירטע אויסגאַבען. דער דאָזיגער בוך גיט אַנצוהערענישען וועגען יעזוס'עס ווערען צוריק לעבעדיג; ער שטעלט זיך אָבער ניט אָפּ מיט באַווייזע וועגען דעם. אין אַלגעמיין איז די ערצעהלונג טריי צו די עוואַנגעליומס." אונטערגעשריבען ס. מ. זוועמער.

אין דעם „מעסענדזשער", נאַציאָנאַלער וועכענטליכער אָרגאַן פון דער עוואַנ־געלישער און רעפאָרמירטער קירכע. דער זשורנאַל ווערט אַרויסגעגעבען אין סעינט לואיס. דער אַרטיקעל איז געשריבען געוואָרען פעברואַר 7טען, 1940. „אין אַ שטרענגען זין איז דאָס היסטאָרישע בעלעטריסטיק. מיר זאָגען היסטאָ־רישע ווייל דאָס בוך שפּאַרט זיך שטאַרק אָן אויף דעם עוואַנגעליום פון וועלכען ער נעמט די פּאַקטישע איינצעלהייטען און פון וועלכע ער ציטירט כמעט ווערטערליך יעזוס'עס אייגענע ווערטער ווי זיי ווערען געבראַכט אין די עוואַנגעליומס... דאָך, לעזענדיג דעם בוך וועט דער לעזער ווידער און ווידער זיך וואונדערען וואָס אַ איד מאַכט אַזאַ פריינטליכע אָפּשאַצונג פון יעזוס'ען, וועלכער איז אַ זוהן פון דעם פּראָפעסאָר'ס אייגענעם פאָלק". אונטערגעשריבען א. ג. ס.

„די לוטערען", אָפיציעלער אָרגאַן פון דער פּאַראייניגטער לוטעראַנישער קירכע, מערץ 27טען, 1940. אין אַן אַרטיקעל אונטער דעם איבערשריפט „נאַ־זאַרין", געשריבען פון קעראָל י. ראָקי, דאָקטאָר אָוו דיוויניטי, שטעהט: „דאָס בוך קען געלעזען ווערען מיט גרויס נוץ פון אַלע גייסטליכע."

„קריסטשען רעדזשיסטער" פון דער יוניטעריען קירכע, אַרויסגעגעבען אין באָסטאָן, מאַי דעם 1טען, 1940: „... אַש מאָהלט זיין פּאָרטרעט פון ישוע פון נצרת (יעזוס) מיט אַ דעליקאַטען פאַרשטאַנד און מיט אַזאַ טיפער אָפּשאַצונג פון וועלכער קריסטליכע פּרעדיגער דאַרפען זיך פילען פאַרשעמט.

„אין איניגע אידישע קרייזען האָט זיך געפילט אַ מורא, אַז אַש'עס פריינד־ליכע באַהאַנדלונג פון יעזוס'ען קען מאַכען דעם איינדרוק אַלס אַ כיטרע שטרעבונג אָפּצו'שמד'ן אידען.

„דער יעזוס מיט וועלכען איר ווערט באַקאַנט אין בוך איז ניט דער גע־וויינליכער יעזוס פון דאָגמאַטיקער און טעאָלאָגען. עס איז דער יעזוס פון דער יוניטעריען קירכע". אונטערגעשריבען קאַרל ס. קוואַראַווסקי.

די „קעטאָליק וואָירלד", דעצעמבער, 1939. „אַש'עס פּראָבע צו ברענגען יעזוס'ען צוריק צו די אידען און אַנשטאָט דעם פּאַרצייטיגען האַס צו שאַפען אַ נייע, אַ סימפּאַטישע באַציהונג צו אים, ברענגט ווידער אַרויס דעם פאַקט, אַז דאָס אידענטום פון נאָך־ביבלישע צייטען קען ניט קומען צו אַ ריכטיגען באַגריף וועגען זיך אַליין, סיידען עס וועט קומען צו אַ ריכטיגען באַגריף פון זיינע באַצי־הונגען צום קריסטענטום."

אין דעם זשורנאַל „די מאָנטה", אַ קאַטוילישע אויסגאַבע, יאַנואַר, 1940, לאָנדאָן, ענגלאַנד. (אין לאָנדאָן איז שלום אַש'עס בוך אַרויסגעגעבען געוואָרען פון דער פירמע דזשאָרדזש ראָטלעדזש ענד סאָנס).

„דאָס בוך איז געשריבען געוואָרען מיט מעהר רעליגיעזען רעספּעקט ווי אַנדערע ווערק פון זעלבען סאָרט, און מאַכט דעריבער ניט אַזאַ אונאַנגענעמען איינ־דרוק ווי האַלל קעינ'ס ראָמאַן, וועלכער איז נאָך לענגער ווי שלום אַש'עס „נאַ־זאַרין" און וועלכער איז געשריבען געוואָרען פון אַ מאַן, וואָס האַלט זיך פאַר אַ קריסט."

אַן אַרטיקעל אין דעם קאַטוילישען וואָכען־זשורנאַל „אַמעריקע", נאָוועמבער 4טען, 1939. „מר. אַש שיינט צו זאָגען אין זיין בוך: 'זאָלען קריסטען און אידען פאַרגעסען זייער שנאה צווישען זיך'. דער איינדרוק איז אַזוי ווי ער וואָלט דאָס געזאָגט דורך די זיבען הונדערט פיידזשעס וואָס דאָס בוך פאַרנעמט און אַז צו דעם שטרעבט ער, — זיי זאָלען ווערען פריינט איינע מיט די אַנדערע. אַלזאָ איז זיין בילד פון יעזוס כריסטוס'ען אַ סימפּאַטישער פּאָרטרעט. עס איז אָבער ניט קיין פולשטענדיגער פּאָרטרעט.

„דער ראָמאַנען שרייבער שעפּט גאָר אַ סך פון די פיער עוואַנגעליומס. צו זיינע ראָמאַנטישע צוועקען האָט ער אויך געשאַפען אַן עוואַנגעליום פון יודאַס איסקאַריאָט. אָבער אַ סך פון דעם דאָזיגען עוואַנגעליום איז אויך געבויט אויף די פיער עוואַנגעליומס."

ווייטער זאָגט דער שרייבער פון דעם אַרטיקעל אַז דער עיקר פון דעם גאַנ־צען ענין ליגט אין דער פראַגע, ווער עס איז שולדיג אין יעזוס'עס קרייציגונג. אַש באַשולדיגט די רוימער. דער שרייבער פון דעם אַרטיקעל איז אָבער מיט אים ניט איינפאַרשטאַנען. ער ברענגט אַרויס דעם געדאַנק, אַז דער כהן גדול און דער מאַיאָריטעט פון דעם סנהדרין האָבען געהאַט אַן אינטערעס אומצוברענגען יעזוס'ען און אַז זיי האָבען אים פאַראורטיילט צום טויט. (און דאָס באַווייזט דאָך אַש אַליין אין זיין בוך).

***

איך וועל שליסען מיט אַן אויסצוג פון אַן אַרטיקעל, וועלכער איז ערשינען ניט אין אַ רעליגיעזען זשורנאַל, אָבער וועלכער געהערט צו דעם זעלבען ענין.

פיער טעג פאַר קריסטמעס, נעמליך דעם 21טען דעצעמבער, 1940, איז אין דעם „טאָראָנטאָ דעילי סטאַר" געוועזן אָפּגעדרוקט אַ צוויי קאָלומדיגער אַרטיקעל אין וועלכען עס ווערט אויסגעדריקט באַגייסטערונג פאַר אַש'עס „נאַזאַרין". דער

פּאָרפּאָסער, וועלכער שיינט צו זיין אַ טרייער און באַגייסטערטער קריסט און וועל־כער שרייבט זיך אונטער „אַבזווירוּוער״, דערצעהלט, אַז ערשט מיט אַ קורצער צייט צוריק האָט ער איבערגעלייענט אַש'עס בוך און אַז ער פילט אַ נויטווענ־דיגקייט איבערצוגעבען זיינע געפילען וועגען אים. דער אַרטיקעל גיט זיך איב־גאַנצען אָפּ מיט דעם ווערט וואָס דער בוך האָט פאַר קריסטען. הויפּטזעכליך מיט דעם וואָס ער פאַרגרעסערט דעם לעזער'ס ליבע צו יעזוס'ען. נאָהענט צום שלוס זאָגט דער שרייבער:

„איך באַטראַכט דאָס פאַר אַ גרויסע פּריווילעגיע לכבוד דעם היינטיגען קריסט־מעס צו ציהען אויפמערקזאַמקייט צו דיזען טיף־קריסטליכען בוך.״

.21

## שלום־וואָרט

שלום אַש רופט זיין בוך „דהי נאַזאַרין״ אַ ראָמאַן. דער נאָמען פּאַסט זיך אַבסאָלוט ניט. דער אינטערעס צו וועלכען ער שטרעבט איז ניט קיין ראָמאַנטישער און אוּדאי ניט קיין ליטעראַרישער אין דעם בעסערען זין פון וואָרט נאָר עפּעס אַנדערש. דאָס ווערק שפּילט אויף די רעליגיעזע געפילען פון קריסטען, ניט אויף דעם לעזער'ס אינטערעס אַלס לעזער פון אַ בעלעטריסטישע שאַפונג. איינער פון די רעזולטאַטען איז, אַז עס געהען אַוועק צענדליגע און ווידער צענדליגע פּיי־דזשעס אָהן אַ פּיצעל אינהאַלט, וואָס זאָל איבערלאָזען אַן איינדרוק. דער סך הכל איז אַ טומאַן אין מוח.

ווען מען פּרופט איבערגעבען דעם אינהאַלט פון זיין „ענטפּער״ קען מען ניט. דער לעזער ווייס ניט אין וואָס דער אינהאַלט באַשטעהט. ענליכעס איז מיט דעם בוך גופא. אַלץ וואָס מען ווייס איז, אַז עס איז פול מיט באַגייסטערונג פאַר יעזוס'ען, פול מיט דעם מאַן פון נצרת, מיט זיינע נסים און מיט זיין געט־ליכקייט. די בעלעטריסטיק פון בוך איז דעריבער זעהר, זעהר לאַנגווייליג. דאָס איז די אורזאַכע ווארום אַזאַ גרויסער טייל פון די, וואָס האָבען דאָס בוך אַנגע־פאַנגען צו לייענען, זיינען ווייט אין אים ניט דערגאַנגען.

אין זיין „ענטפּער״ לייקענט אַש, אַז ער איז אַ רעליגיעזער רעפאָרמער, אָבער די ראָלע וואָס ער האָט אויף זיך גענומען די לעצטע פּאָר יאָר באַשטעהט דורכאויס פון רעליגיאָנס רעפאָרמעריי. און וואָס־וואָס, באַשעפטיגען זיך מיט גייסטיגע רעפאָרמען איז ניט אין שלום אַש'עס לאַין.

שלום אַש, דער שרייבער פון ראָמאַנען און סקיצען, האָט זיך גאָר גענומען זאָרגען וועגען ענדערונגען אין דעם רעליגיעזען לעבען פון אידישען פאָלק און הויפּטזעכליך וועגען ברענגען יעזוס כריסטוס'ען צו אידישע הערצער.

מען צווייפעלט ניט, אַז ער האָט טאַלאַנט. מען צווייפעלט אָבער אויך ניט, אַז דאָרטען וואו עס פאָדערט זיך פעהיגקייט אַלס דענקער איז ער הילפלאָז ווי אַ קינד. און ער האָט זיך פאַרנומען אין אַזאַ ריכטונג, אַז צו זיין אַ דענקער וואָלט

אויך ניט געווען גענוג. דאָ האָט מען צו טאָן מיט אַ גאַנץ אַנדער זייט פון אַ מענשליכען „איך". און די דאָזיגע זייט איז אַודאי און אַודאי ניט „אין זיין לאַין".

אַש זאָגט, אַז „דהי באַזאַרין" איז זיין „קרוין ווערק". אויב ער גלויבט אַזוי, נאַרט ער זיך אַליין. ניט זיין קרוין ווערק איז דאָס, נאָר דער גרעסטער טעות פון זיין לעבען. דער נאַזאַרין" און דער גאַנצער נייער וועג אויף וועלכען ער האָט זיך פאַרקירעוועט זינט דאָס בוך איז ערשינען, איז אַ פאַלשער, זעהר באַדויערענסווערטער וועג.

שלום אַש זאָגט, אַז דורך זיין באַגייסטערונג פאַר יעזוס'ען ברענגט ער קריסטען נעהענטער צו אידען. אָבער ערשטענס איז צווישען די אַלע נסים, וואָס דער מאַן פון נצרת האָט באַוויזען, אַזאַ נס ניטאָ. צווייטענס, האָט אַש פריהער געדאַרפט אָנפרעגען ביי די אידען, צי אַ דערנעענטערונג דורך אַזאַ מיטעל איז זיי ווינשענסווערט, צי דאָס שטימט מיט זייער גוסט און גייסט.

אינטעליגענטע אידען — צי רעליגיעזע צי האַלב רעליגיעזע, צו פריידענקער — וואָלטען אים ערקלערט, אַז אַזעלכע מעטאָדען וואָלטען געווען אַ באַליידיגונג פאַר זייער זעלבסטווירדע אַלס אידען. אַלט־מאָדישע מענשען פון אונזער פאָלק וואָלטען דאָס אויסגעדריקט אַנדערש. דער עיקר וואָלט אָבער געווען דער זעלבער.

אַש'עס באַהויפטונג, אַז ער האָט מיט זיין בוך געהאָט נאָר איין זאַך אין זינען: צו „העלפען אונזער אונגליקליכען עולם אין דער איצטיגער שרעקליכער צייט" —— איז אַ ניט געראָטענער תירוץ. זעהר, זעהר ניט קיין געראָטענער.

דאָס וואָס אַ באַקאַנטער אידישער שרייבער האָט אַזאַ בוך געשריבען, איז אַ טרויעריגע ערשיינונג; און דאָס וואָס ער האָט דערנאָך אַזאַ לעכערליכען תירוץ געגעבען, איז לעכערליך, אָבער אַ ביסעל טרויעריג אויך.

לאָמיר זיך פאָרשטעלען, אַז ער איז ווירקליך באַגייסטערט פאַר יעזוס'ען און פאַר דעם נייעם טעסטאַמענט אַלס אַ בוך אין וועלכען „פילע קאַפּיטלעך זיינען ווירקליך געשריבען געוואָרען מיט'ן רוח הקודש", ווי ער ערקלערט אין אַ טאָן פון גרויסער ערענסטקייט אין זיין אַרטיקעל „דהי גילטי וואָנס" אין דעם „אַטלאַנטיק מאָנטהלי" פון דעצעמבער, 1940. אלס אַ שריפטשטעלער וואָס איז פּראָמינענט פאַרבונדען מיט'ן אידישען וואָרט וואָלט ער די דאָזיגע ריכטונג זיינע באַדאַרפט האַלטען ביי זיך און ניט אַרויסטרעטען מיט איר סענסאַציאָנעל טראָץ דעם אידישען שטאַרקען געגענגעפיל.

דער סך־הכל וואָס מען דאַרף האָבען אין זינען איז דאָס פאָלגענדע:

1) שלום אַש איז אַרויסגעקומען מיט אַ בוך פול מיט גלויבען אין יעזוס'ען, פול מיט באַגייסטערונג פאַר יעזוס'ען וועמען ער שטעלט העכער ווי משה'ן און ווי די נביאים, און פאַר דעם נייעם טעסטאַמענט, וועלכער איז דער הייליגער בוך פון דעם קריסטליכען גלויבען.

2) אַ קורצע צייט נאָכדעם האָט ער אָנגעהויבען צו פרעדיגען, אַז אידישע שולען זאָלען זיך פאַראייניגען מיט קריסטליכע קירכען.

3) צו דער זעלבער צייט האָט ער אַגיטירט פאַר געמישטע הייראַטען.

4) עס זיינען פאַראיבער פערצען מאָנאַטען און די דאָזיגע פּראָפּאַגאַנדע האָט באַקומען אַ ספּעציעל דייטליכע פאָרמע אין אַן אַרטיקעל אונטער דעם נאָמען

„די שולדיגע", וואו ער ערקלערט, אַז ער האָט די העכסטע עהרפורכט פאַר די פּאַרפּאַסערס פון דעם נייעם טעסטאַמענט, אַז אַלס איד גלויבט ער פון גאַנצען הארצען, אַז דער נייער טעסטאַמענט איז געשריבען געוואָרען מיט'ן רוח הקודש און באַרייכערט די ליטעראַטור פון דעם אידישען פאָלק. אויך ווערט דער געדאַנק פון אַ פאַראייניגונג פון שולען מיט קירכען דאָרטען ניט פאַרנאַכלעסיגט.

דאָך האָלט ער זיך די גאַנצע צייט אַזוי ווי מיט אים וואָלט קיין נייעס ניט פּאַסירט, און אַזוי ווי זיינע קריטיקער וואָלטען זיך געטשעפּעט צו אים.

5) ביי אַ מאָנאַט פאַר דער ערשיינונג פון זיין „נאַזארין", שבת דעם 24טען סעפּטעמבער, 1938, האָט ער אין „פאָרווערטס" געהאַט אַן אַרטיקעל, אונטער דעם קעפּעל „דער זין פון אונזערע יסורים", וועלכער איז בוכשטעבליך געווען פול מיט גאָט און מיט גלויבען. עס איז געווען זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז ער מיינט דעם אידישען גלויבען. דער אַרטיקעל האָט פון אַלע זייטען אַרויסגערופען אונאַנגענעמע פראַגען, ווארים אין „פאָרווערטס" שרייבט מען אַזעלכע אַרטיקלען ניט. אַש'עס אַ מאַנוסקריפּט פלעגט מען אין דער „פאָרווערטס" רעדאַקציע געוויינליך איבערקוקען ניט מעהר ווי אין אַ טעכנישען זין.

אַז דאָס בוך, וואָס ער האָט ערוואַרט פּובליצירט צו ווערען (אין אַן ענגלישער איבערזעצונג) איז פול מיט באַגייסטערונג פאַר יעזוס'ען, האָבען מיר נאָך דאַן קיין באַגריף ניט געהאַט, ווארים מיט דער אויסנאַם פון די ערשטע קאַפּיטלעך, וואו יעזוס איז נאָך ניט דערמאָנט געוואָרען, האָט ער אונז דעם מאַנוסקריפּט קיין מאָל ניט צוגעשיקט און וועגען דעם אמת'ן כאַראַקטער פון דעם ווערק האָבען מיר נאָך דאַן קיין אַהנונג ניט געהאַט.

באַלד איז ערשינען זיין בוך. מען האָט זיך דערוואוסט וואָס פאַר אַ ראָלע יעזוס שפּילט ביי אים. ניט ווילענדיג האָט מען זיך דערמאָנט אָן יענעם שבת'דיגען אַרטיקעל, וועלכער האָט אַזוי געפלאַמט מיט גאָט און מיט דער אידישער אמונה. מען האָט זיך געפרעגט: צו וואָס האָט ער געשריבען יענעם אַרטיקעל? צוצוגרייטען אַ באַוויז, אַז ער בלייבט אַ פרומער איד און אַז זיין באַגייסטערונג פאַר יעזוס'ען איז אַ טייל פון זיין פרומקייט?

6) און איצט, אַ וואָך דריי פאַר דער ערשיינונג פון דיזער בראָשור, איז ערשינען זיין בוך „וואָס איך גלויב", אין וועלכען דער טיף־קריסטליכער כאַראַקטער פון זיין נייעם וועג, ווערט אַרויסגעשטעלט פון אים אַליין, ניט אין דער פאָרמע פון אַ ראָמאַן, נאָר אין אַ ווערק, וואו ער רעדט דורכאויס פערזענליך אין זיין אייגענעם נאָמען. ער טוט דאָס, ערקלערענדיג זיך טריי צו דער אידישער אמונה. די הויפּט פיגור פון זיין „אידישקייט" איז אָבער יעזוס און איר הייליגער ספר איז דער הייליגער ספר פון דער קריסטליכער רעליגיע.

מיט וואָס איך האָב אָנגעהויבען דיזע אָפּהאַנדלונג, וועל איך זי ענדיגען. איך וועל דאָ ווידערהאָלען די פערזענליכע באַמערקונג, וועלכע איך האָב געמאַכט אין דעם ערשטען קאַפּיטעל.

איך בין ניט רעליגיעז. איך בין אַ פולשטענדיגער פריידענקער. איך רעספּעקטיר אָבער די טראַדיציעס פון אונזער פאָלק, און די באַציהונגען פון אונז אידישע פריידענקער צו אַזאַ נייעם וועג ווי שלום אַש'עס זיינען אייגענטליך די זעלבע ווי די באַציהונגען פון רעליגיעזע אידען צו דעם.